STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08057

# FUN YENER ZAYT TAYKH

Chaver-Paver

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כאַווער פּאַווער

# פון יענער זייט טייך

## אַ מעשה

פאַרלאַג „חברים"
ניו יאָרק, 1930

Copyright, 1930
by
G. Einbinder

Printed by
THE ASTORIA PRESS
61 E. 4th St., New York

צום אָנדענק פון העלען רוט גרין,
דער יונגער קעמפערין, וואָס איז
אזוי פרי אוועק.

# ראַשקאָוו און וואַר-ראַשקאָוו

פֿאַרטאָג אין שפּעטן האַרבסט. אין טאָל און אין ביידע שטעטלאַך, וואָס ליגן איינס אַנטקעגן ס'אַנדערע איבער'ן דניעסטער, איז נאָך קאַלט און פֿינצטער, אָבער אויבן דער באַרג שטראַלט שוין אַזוי ליכטיק און קלאָר.

שלמה שלאָפֿט נאָך און ווייסט גאָרנישט, אַז דער היינ-טיקער טאָג וועט אויפֿגיין אַזאַ שיינער. די מאַמע זיינע, אסתּר, ווייסט שוין אָבער יאָ, ווייל זי איז אויף פֿון העט-פֿרי, זיצט ביים טיש פֿאַר'ן לעמפּל און נייט וועש. נישט איר אייגענע וועש נייט זי: מאָלדאַוואַנעס און אַפֿילו אידן טראָגן צו איר גרויסע שטיקער ווייסן לייוונט און זי מאַכט פֿאַר זיי העמדער, גאַטקעס, ליילעכער און ציכן, ווייל זי איז אַ בריה אַ נייטאָרין און איז פֿאַר'שמ'ט נישט בלויז אויף דער זייט טייך, נאָר אויך אויף יענער זייט.

אַז דער טאָג וועט זיך אַראָפּלאָזן פֿון באַרג אין טאָל און ס'וועט ווערן ליכטיק, וועט זי אויסלעשן דאָס לעמפּל און אויפֿוועקן איר שלמה'ן. שלמה דאַרף היינט זיך אַריבער-שיפֿן אין צווייטן שטעטל, וואָס אויף יענער זייט דניעסטער צו זיין ויידן און צו זיין באָבען.

די באָבע הייסט חיה און טראָגט שוין ברילן, באַקט לעקאַך און שטרודל און איז מכבד שלמה'ן, ווען ער קומט צו-גאַסט. דער זיידע הייסט בערל. ער איז אַ פֿישער און האָט אַ גרויסע באָרד, וואָס איז נאָך נישט אינגאַנצן גרוי. פֿאַרטאָג פֿאָרט ער אַרויס אין זיין שיפֿל מיט אַ טרוקענער נעץ און מיט ליידיקע קוישן, גאַנץ פֿרי קומט ער צו שווימען מיט אַ נאַסער נעץ און פֿולע קוישן מיט זילבערנע פֿישלאַך, וואָס טריפֿן זיך און צאַפּלען זיך און ווילן רק אַרויסשפּרינגען.

איין שטעטל, אונטער׳ן בארג, הייסט ראשקאָוו. דאָס צווייטע, איבער׳ן טייך, פּונקט אַנטקעגן, הייסט וואָד־ראשקאָוו. וואָס־זשע איז דער אונטערשיד? גאָרנישט קיין אונטערשיד. מען דאַרף נאָר נעמען אַ שיפל און זיך איבער־שיפן צום צווייטן ברעג, און שוין.

היינט וועט זיך צונויפפאָרן אַ גרויסער יאריד אין ראש־קאָוו, וואו דער זיידע בערל און די באָבע חיה וואוינען. נאָך אין דער פינצטער האָבן זיך שוין געצויגן פון אַלע דערפער אַרום און פון די ישובים מאָלדאַוואַנעס מיט זייערע ווייבער און וועגענער, אָנגעלאָדן מיט פּרוכט און מיט תבואה.

די גרויסע ווייסע אָקסן זיינען אָבער פויל און שלעפעריק. די מאָלדאַוואַנעס מיט זייערע ווייבער זיינען אויך פויל און שלעפעריק, דערפאַר שרייען זיי נישט אויף די אָקסן, אַז זיי זאָלן זיך אונטעראיילן. די לאַנגע בייטשן ליגן אין זייערע הענט לויז און אָפּגעלאָזן, און די בהמות גייען טריט־ביי־טריט.

סיי די אידן און סיי די פּויערים אויף ביידע זייטן טייך האָבן אַפילו נישט געטראַכט, אַז היינטיקן טאָג וועט געשען אַ גרויסע זאַך. אָבער ערגעץ האָט מען יאָ געוואוסט און מען האָט זיך געגרייט אין דער שטיל און פאַרבאַהאַלטן, כדי מיטאַמאָל אַ פלי טאָן איבער׳ן גאַנצן ברעג און דאַן וועט שוין זיין פאַרפאַלן, קיינער וועט שוין גאָרנישט העלפן.

אסתר האָט אויך נישט געוואוסט און שלמה אַוודאי נישט. דער טאָג איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי ליכטיק און זי האָט פאַרלאָשן ס׳לעמפל.

אויפ׳ן באַרג איז זומער געוואַקסן וויינטרויבן. די וויינ־טרויבן האָט מען שוין פון לאַנג אַראָפּגענומען און אפשר אויפגעגעסן אויך, אָבער דער ריח פון זיי איז נאָך געבליבן, געשמעקט איבער׳ן טייך און אין די שטעטלאַך. ווארעם איז אויך געוואָרן, איז גאָר געווען אַ מחיה.

שלמה האָט נישט געוואָלט אויפרייסן די אויגן, ווען זיין מאַמע האָט אים געוועקט, אָבער אַז ער האָט דערהערט

„יאַריד", „זיידע בערל", איז ער אויפגעשפּרונגען און באַלד געוואָרן פריילאַך.

דער זיידע מיט דער באָבען האָבען אים שטאַרק ליב, ס'איין־און־איינציק איינִיקל. אָבער די מאַמע האָט אים אויך זייער ליב, ווייל ער איז ביי איר אויך דער איין־און־איינציקער. ווילן זיידע און באָבע ער זאָל פאַרבלייבן ביי זיי, אָבער ער פאַרבלייבט ביי דער מאַמען. היינט וועט ער זיך אַריבערשיפן צו יענעם ברעג, קיין ראַשקאָוו. ס'פאַרט זיך צונויף אַ יאַריד, קומען אויך די בעטלערס. די קאַטע־רינשטשיקעס און אַמאָל אַפילו קאָמעדיאַנטן. אַזוי פיל גויים און אידן! אַלע שרייען. די אָקסן רעווען, חזירים קוויטשען, בעטלער זינגען, קאַטערינשטשיקעס שפּילן און שלמה'ן וועט זיין אַזוי גוט...

פון וואַד־ראַשקאָוו פאַרט מען אויך אויפ'ן יאַריד קיין ראַשקאָוו, אָבער נישט מיט קיין וועגענער און אָקסן, נאָר מיט שיפלאַך. וואַרטן די שיפלאַך ביים ברעג, הוידען זיך אויף די וואַסערן לײדיקע און פוילע. אָבער ווי לאַנג קען מען זיך וויגן אַזוי פויל, אַז דאָרטן אויף יענער זייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן קאָכן? צום אַלעם ערשטן האָבן זיך צע־רעוועט די אָקסן, זיי האָבן געלאָזט וויסן אין שטעטל, אַז זיי זיינען שוין דאָ, און אַז אויף די וועגן ציען זיך פורן נאָך און נאָך. אָביסל פאַרשפּעטיקט, דערפאַר זיינען די מאָלדאַ־וואַנעס אין כעס, טרייבן אונטער מיט די לאַנגע בייטשן די ווייסע אָקסן און שרייען: הע, היי, צאָביי.

לעמל דער קצב פון וואַד־ראַשקאָוו וועט זיך היינט איבערשיפן צום יאַריד. וועט ער שוין במילא מיטנעמען שלמה'ן אויך. וואָס אַרט דאָס אים? אָבער לעמל דער קצב האָט קיין צייט נישט, און אסתר מיט איר זון שלעפּן זיך באַרג־אַראָפּ אַזוי פּאַוואָליע.

— היי דאָרטן, גיכער! — שרייט דער קצב צו זיי און איז אין כעס. אָבער אסתר האָט צייט: זי דאַרף אָנזאָגן איר שלמה'ן, ער זאָל נישט זיין קיין ווילדער דאָרטן אויפ'ן

יאַריד, ווייל אַן אָקס קען אים אַ שטוים טאָן, אַ וואָגן קען אים איבערפאָרן. זי וויל אויך נישט ער זאָל פאַרבלייבן נעכטיקן ביים זיידן, ווייל זי וועט נאָך אים שטאַרק בענקען. זאָל ער זען, ווי נאָר די זון וועט עטוואָס זיך אַ לאָז טאָן אויף צו פאַרגיין, זאָל שלמה זיך באַלד אונטעראײַלן און גיך אַהיים קומען, איידער ס׳וועט נאָך פינצטער.

לעמל האָט אָפּגעשטופּט דאָס שיפל פון ברעג, די מאַמע איז געבליבן שטיין, געמאַכט מיט די הענט און נאָכגעקוקט און זי האָט גאָרנישט געוואוסט. דען נאָר זי? קיינער האָט נישט געוואוסט.

# בריוו פון דער מלחמה

אסתר איז נאָך גאָר אַ יונגע מאַמע, קוים 28 יאָר אַלט. פאַר דער וועלט־מלחמה האָט זי נישט געדאַרפט נייען קיין וועש און אַרבעטן אַזוי שווער, ווייל איר מאַן בעני איז געווען אַ הויכער בחור, אַזאַ ברייטער און געזונטער, אויך געווען אַ פישער. געכאַפּט פיש פון דניעסטער און פאַרקויפט צו די אידענעס פון וואַד־ראַשקאָוו. זי האָט דאַן אויך גענייט וועש, אָבער פאַר איר אייגענער משפחה, פאַר שלמה'ן, פאַר'ן מאַן און פאַר שווער־און־שוויגער. זי האָט אויסגענייט שיינע ציכלאַך מיט קאָלירטן באַנוול. פאַר שלמה'ן האָט זי אויך געמאַכט אַ ציכעלע פאַר זיין קישעלע, איז דאָרטן געווען אויסגענייט מיט גרינע און רויטע אותיות: „אַ גוטער אופשטאַנד אויף דיר!" ווען שלמה האָט זיך אויסגעלערנט לייענען אידיש, פלעגט ער זיך צעשמייכלען, ווען ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין קישעלע.

אויפ'ן שבת'דיקן טישטוך איז געווען אויסגענייט „לכבוד שבת".

די ערשטע פאַר יאָר פון דער מלחמה האָט אסתר באַקומען בריוו כמעט אַלע וואָך. פלעגט ווערן אַזאַ שמחה אין שטוב. האָט אסתר אָבער געוואוסט, אַז שווער־און־שוויגער קערן זיך אוודאי אויך זאָרגן וועגן זייער זון, פלעגט זי מיטנעמען שלמה'לען (נאָך געווען אַ פּיצל) און זיך אַריבערשיפן מיט דעם בריוו אויף יענער זייט קיין ראַשקאָוו.

דעם שווער־און־שוויגער'ס שטיבל איז געשטאַנען אַנטקעגן זייערס. פענצטער אַנטקעגן פענצטער. שלמה האָט שטענדיק געוואוסט, וואָס ס'טוט זיך דאָרטן ביים זיידן. איז געגאַנגען אַ קליין רויכל פון קוימען, האָט ער געוואוסט, אַז

דאָס קאָכט די באָבע אַ פּשוט׳ע וועטשערע. האָט געיאָגט אַ געדיכטער רויך פון קוימען, האָט ער שוין געוואוסט, אַז דאָס באַקט זי ברויט מיט פּלעצלאַך. אַז דער טאָג איז געווען גאָר אַ קלאָרער און ליכטיקער אין זומער־צייט, פלעגט ער אַפילו קענען זען, ווי די באָבע מיט׳ן זיידן זיצן אויף דער פריזבע און דערציילן זיך מעשיות. פאַרוואָס גראָד מעשיות? ווייל ווען שלמה פלעגט זיך אַריבערשיפן, פלעגט די באָבע געבן נאָשערייען און דער זיידע האָט זיך באַלד גענומען צו דערציילן מעשיות. ער האָט געקענט אַ סך מעשיות און אַלץ פון דניעסטער, פון פיש און פון דער׳טרונקענע. שבת האָט ער אויך געקענט זען, ווי די באָבע חיה זיצט אויף דער פריזבע און לייענט ס׳טייטש־חומש.

אָפטמאָל, טאַקע אַ שבת בייטאָג, פלעגט ער מיט דער מאַמען זיך אַראָפּלאָזן באַרג־אַראָפּ צום ברעג און שלמה פלעגט אָנהייבן צו שרייען מיט אַלע כוחות:

— ז־יי־דע־ע בע־רל, אַ גוט שבת!

זיין קול איז אָבער געווען שוואַך און זיי האָבן אים נישט געקענט דערהערן, פלעגט די מאַמע שוין אַ געשריי טאָן פאַר אים:

— שווער, שוויגער!

איז פון דאָרטן אָנגעקומען דעם זיידנ׳ס געדיכט קול:

— אָ—האָ!

— שלמה זאָגט אַ גוט שבת! — האָט די מאַמע איבער־געשריגן.

— אַ גוט שבת, אַ גוט יאָר! — איז אָנגעקומען פון אַנטקעגן.

אַמאָל, אַז אסתר האָט נישט געהאַט קיין צייט און אַ בריוו איז אָנגעקומען פון דער מלחמה, פלעגט זי אויך אַריבערשרייען:

— שווער! שווער!

— אָ—האָ! אָ—האָ!

— אַ בריוו פון דער מלחמה.

— וואָס שרייבט ער ?
— געזונט און בשלום.
— וואָס ? איך הער נישט.
— געזונט און בשלום, שרייבט ער.
— וואָס ? וואָס ?
— מאָרגן קום איך !
— וואָס שרייבט ער ?
— מאָרגן.

און אויף מאָרגן האָט זי זיך טאַקע געמוזט אַריבערשיפן צום זיידן.

די באָבע חיה האָט ליב שטענדיק צו שמייכלען און אַז זי שמייכלט, שמייכלען אויך אירע ברילן. דער זיידע בערל שמייכלט קיינמאָל נישט. דערפאַר אַז ער רעדט, הודיעט זיין קול ווי אַ גלאָק.

— הא, וואָס מאַכסטו, שלמה'לע ? — פלעגט שטענדיק זיין קול אַרויסהודיען. — טשעפּע נישט די יאַרמולקע, דו מזיק, איך גיב דיר באַלד פּעטש ווי האַלץ.

שלמה האָט זיך נישט געשראָקן פאַר דעם, וואָס דער זיידע האָט געזאָגט פּעטש, ווייל שטענדיק פלעגט ער סטראַשען מיט פּעטש ווי האָלץ און קיינמאָל נישט געבן. אָבער מען האָט דאָך געוואָלט וויסן, וואָס בעני שרייבט פון דער מלחמה, האָט טאַקע שלמה געמוזט בלייבן שטיל און די שנור האָט געלייענט וואָרט ביי וואָרט :

„צו מיין טייער ווייב אסתר, זאָל לעבן און געזונט זיין. צו מיין טייערן זון שלמה און צו מיינע ליבע עלטערן, זאָלן לעבן און געזונט זיין. ראשית קען איך אייך מעלדן, אַז איך בין אַדאַנק גאָט געזונט. גיב גאָט דאָס זעלבע פון אייך צו הערן."

כמעט אַלע בריוו פלעגן זיך אַזוי אָנהייבן, אָבער ווייטער איז שוין אַלע מאָל געווען עפּעס אַנדערש. געשריבן האָט ער פאַרשטעלטערהייט, ווייל ס'איז געווען אַ סברא, אַז די אָפיצערן עפענען אַלע בריוו, וואָס די סאָלדאַטן שרייבן

אהיים און לייענען איבער. זיי האָבן מורא געהאַט, די אָפּי־צערן, אַז די סאָלדאַטן זאָלן נישט שרייבן אַהיים, ווי שלעכט ס׳איז אויף דער מלחמה. האָט טאַקע בעני געשריבן פאַר־שטעלט, אָבער דאָ און וואָד־ראַשקאָוו האָט מען זיך שוין געקענט אָנשטויסן, וואָס ער מיינט.

איינמאָל האָט ער געשריבן, אַז מען טרייבט זיי הונ־געריקע און מידע דורך אייז און וואַסער. מען רעדט צווישן זיך, אַז מען גייט אויף פּשעמישל, וואָס אין עסטרייך, און דאָרטן וועט זיך טאָן חושך. דעריבער בעט ער זיינע טאַטע־מאַמע, אַז אויב ס׳וועט זיך עפּעס טרעפן, זאָלן זיי טרייסטן זיין ווייב, אַכטונג געבן אויף איר און אויפ׳ן קינד. ער איז אָפּילו מיט גרויסן גלויבן, אַז ס׳וועט אים גאָרנישט געשען, ווייל ער איז ביז אַהער געווען זייער אַ מזל׳דיקער. „שטעלט זיך פאָר,״ האָט ער געשריבן, „איך בין געלעגן אין דער אָקאָפּע נאָך מיט אַ סאָלדאַט, אַ וואָלאָך פון ערגעץ אונטער אונגען. מיר זיינען געלעגן זייט ביי זייט שוין העכער זעקס טעג און פּלוצלינג האָט געטראָפן אַ באָמבע פּונקט דאָרטן, וואו מיר זיינען געלעגן. דעם שייגעץ האָט דאָס באַלד אויפגעהויבן אין דער לופטן און גלייך צעפּיצלט אויף שטיק־לאַך און ברעקלאַך. אַ האָר האָט געפעלט איך זאָל אויך אומקומען צוזאַמען מיט׳ן שייגעץ.״ דעריבער גלויבט ער אין גאָט, אַז ער וועט אים אויך אויף ווייטער אויסהיטן. ער בעט אויך מען זאָל אָנשרייבן אַ בריוו צום וואָלאַכ׳ס טאַטע־מאַמע, וואָס ערגעץ אונטער אונגען, און זיי לאָזן וויסן פון זייער זונ׳ס טויט. ער האָט דעם אַדרעס. ווייל אַזוי האָבן זיי אויסגענומען צווישן זיך, אַז אין פאַל פון אַן אומגליק זאָלן זיי לאָזן וויסן אַהיים איינער וועגן צווייטן.

אַן אַנדערש מאָל האָט ער געשריבן, ווי אַזוי מען האָט זיי געטריבן פון פּשעמישל און ס׳איז געווען אַזאַ גרויסע סכנה. קיין צייט נישט געהאַט זיך אָפּצושטעלן אויף אַ רגע, איבערכאַפּן דעם אָטעם. ס׳זיינען געפלויגן קוילן און באָמ־בעס פון אַלע זייטן. דער דייטש איז געווען שטאַרק אין

כעס און ער איז נאָכגעלאָפן מיט גרויס רציחה. אָבער ער איז ווייטער אַרויס גאַנץ און בשלום און זאָל מען זיך גאָר־נישט זאָרגן. „איך האָב, ווייזט אויס, אַ גוטן מלאך, וואָס שטייט מיר ביי אַלע נויטן. אפשר אין זכות פון מיין גע־ראָטענעם בן־יחיד שלמה׳לען.״

איינמאָל האָט ער געשריבן זייער אַ פריילאַכן בריוו. ערשטנס שמועסט מען, אַז ס׳איז אַ סברא, אַז דער דייטש וועט בעטן שלום ביים רוס. צווייטנס, קען ער דאַכט זיך פועל׳ן ביי זיין קאָמאַנדיר, ער זאָל אים אָפּלאָזן אַהיים אויף אַ פּאָר וואָכן, ווייל זיין עלצטער איז אַ גרויסער שיכור און מען שמועסט, אַז ער נעמט כאַבאַר. וועט ער אים אויך אַריינרוקן אין דער יד אַ פּאָר רובל, און ס׳קען נאָך זיין, ער זאָל אויף פסח קומען אַהיים און זיין אינאיינעם מיט ווייב־און־קינד און מיט טאַטע־מאַמע.

אָבער תיכף נאָכדעם איז אָנגעקומען אַ בריוו פול מיט אומעט. ער האָט געמיינט, ער וועט זיך קענען באַפרייען אויף אַ פּאָר וואָכן, קען ער זיך שוין איצטער נישט באַפרייען, ווייל מען האָט דעם קאָמאַנדיר געגעבן אַ גרויסן מעדאַל, דערנאָך דעם האָט מען אים איבערגעפירט אין אַ צווייטן פּאָלק. צי דער נייער עלצטער נעמט כאַבאַר, ווייסט מען נאָך נישט. אַחוץ דעם שמועסט מען, אַז מען וועט „פירן אויף וואַרשע און דאָרטן איז דער פראָנט גאָר אַ געפער־לאַכער.״ אָבער דער סוף פון דעם בריוו איז דאָך געווען פול מיט האָפענונג, אַז ער וועט נאָך געהאָלפן ווערען און מען וועט זיך זען איינגיכן און דערציילן אין פריידן פון די צרות, וואָס מען האָט איבערגעלעבט.

ס׳איז אַוועק אַ חודש און צוויי. אַ בייזער ווינטער איז דאַן געווען. מען האָט שוין נישט געדאַרפט שרייען איבער׳ן טייך צום זיידן בערל׳ען. מען האָט געקאָנט אַריבערגיין צו־פוס, ווייל די וואַסערן זיינען געווען פאַרפרוירן. אויף גלי־טשערס און אין שליטלאַך זיינען די קינדער געפלויגן איבער׳ן טייך און געשריגן פון פאַרגעניגן און פון קעלט. אויף די

בערג, וואו ס׳וואקסן די וויינטרויבן, איז געווען ווייס און קלאר. אבער אסתר האט שוין קיין בריוו פון בעני׳ן נישט באקומען און נישט געהאט מיט וואס אריבערצוגיין דעם טייך צו שווער־און־שוויגער.

איינמאל, און ס׳איז דווקא געווען א שיינער אינדרויסן. א ווינטער־טאג א ווייסער מיט א ווארעמער זון. די מאמעביים פענצטער האט געשטעפט אויף דער מאשין. און שלמה מיט אן אפגעפרוירן רויט נעזל, אן אנגעפעלצטער, איז געשטאנען פאר דער טיר און געקוקט פאר׳חידוש׳ט אויף די דעכער, ווי שווארצע פייגל זיינען געזעסן און געשריגן: קרא, קרא.

אן אוריאדניק מיט א סטראזשניק זיינען אנגעקומען, נאך זיי א כאפטע קינדער, ווייבער און אידן. זיי האבן זיך אלע געלאזט גלייך צו זייער שטוב. שלמה׳לע האט זיך איבערגעשראקן און איז אריין אין הויז. אבער דער אוריאדניק מיט׳ן סטראזשניק זיינען אריין נאך אים.

אסתר האט אויפגעהערט שטעפן. איר פנים איז געווארן בלאס, אבער זי האט גארנישט נישט געפרעגט. דער אוריאדניק האט ארויסגעשלעפט א פאפיר פון ארבל און א פרעג געטאן ווייך:

— איז דיין מאנ׳ס נאמען בעני ריבאק?

אן אוריאדניק רעדט קיינמאל נישט ווייך. אזוינע פארשוינען שרייען, שעלטן און בייזערן זיך. פון זיין ווייך רעדן האט אסתר׳ן אזוי פארקלעמט ביים הארצן, אז ס׳איז איר געווארן פינצטער אין די אויגן. און דער אוריאדניק האט זייער שטיל ארויסגערעדט:

— מיר לאזן דיר וויסן, אז דיין מאן איז.. — מער האט ער שוין נישט געקענט זאגן, ווייל אסתר איז אראפגעפאלן פון בענקל אויף דער ערד. שלמה האט אויפגעהויבן א געוואלד, מען איז זיך צונויפגעלאפן פון דער גאס.

פארנאכט איז אנגעקומען דער זיידע מיט א פארשנייטער באָרד און די באבע מיט א גרויסן פארשנייטן שאל

אויף די פּלייצעס. אַז זי האָט אויסגעטאָן דעם שאַל האָט שלמה דערזען, ווי דער באָבע'ס ברילן ווייגען. דער זיידע האָט אים גענומען אויף די הענט און מער נישט געהודיעט אויף אים, פאַרוואָס ער טשעפּעט די יאַרמולקע. ער האָט גאָרנישט געטשעפּעט. געזעסן שטיל אויף דעם זיידנ'ס קני און געקוקט אויף דער מאַמען, וואָס איז געלעגן אויפ'ן בעט מיט'ן פּנים צו דער וואַנט און גאָרנישט גערעדט. נישט נאָר צום זיידן און צו דער באָבען, נאָר אַפילו צו שלמה'לען. האָט דעם קינד אַזאַ זאַך פאַרדראָסן און ער האָט זיך געריסן אַראָפּ פון די קני צו דער מאַמען, אָבער דער זיידע האָט אים נישט געלאָזט. האָט ער זיך געוואָלט צעוויינען, נאָר די טרערן זיינען אים געבליבן שטעקן אין האַלז.

שפּעטער אַביסל האָט אים דער זיידע אָנגעהויבן צו קיצלען מיט דער באָרד. פריער האָט שלמה דווקא נישט געוואָלט ליידן, נאָר שפּעטער האָט דאָס אים אָנגעהויבן הנאה צו טאָן. פון הנאה האָט ער זיך געוואָלט צעלאַכן, אָבער אַז דאָס לעמפּל אין הויז ברענט אַזוי אומעטיק, די מאַמע מיט'ן פּנים צו דער וואַנט שווייגט נאָך אַלץ, און דער באָבע'ס ברילן האַלטן אין איין וויינען, קיין קול אַפילו הערט מען נישט, האָט ער זיך צוגעטוליעט צום זיידנ'ס באָרד און איז אַזוי איינגעשלאָפן.

אינמיטן דער נאַכט האָט שלמה זיך אויפגעכאַפּט, האָט נאָך אַלץ ס'לעמפּל געברענט. די באָבע מיט'ן זיידן האָבן געדרימלט, מיט די קעפּ אָנגעשפּאַרט אויפ'ן טיש. האָט זיך שלמה גע'חידוש'ט: זע נאָר, דאַכט זיך איינגעשלאָפן אויפ'ן זיידנ'ס קני און איצטער ליגט ער גאָר אַן אויסגעטאָענער אין בעטל. אָבער נאָך גרעסער איז געווען דער וואונדער, וואָס ער זעט נישט זיין מאַמען. איר בעט שטייט אין שאָטן און ער קען גאָרנישט וויסן. האָט ער אָנגעהויבן שטיל: מ—אַ—מ—ע! מאַ—מע! מען שווייגט. די ערד אין שטוב איז קאַלט און ער לויפט אין ווייסן העמדל מיט די באָרוועסע פיסלאַך צו דער מאַמע'ס בעט.

„מאַמע", „מאַמע", טאָרעט ער זי און זי ליגט אויס־געצויגן, די הענט אויפ'ן האַרצן, די אויגן צוגעשלאָסן און שווייגט.

האָט זיך דאָס קינד דערשראָקן, וואָס די מאַמע שווייגט מיט פאַרמאַכטע אויגן, און האָט אָנגעהויבן צו רייסן אירע אויגנדעקלאַך און רופן: „מאַמע", „מאַמע".

דאָ האָט שוין אסתר נישט געקענט אויסהאַלטן איר עקשנות. אַרומגעכאַפּט דאָס קינד, אים צוגעטוליעט צו זיך און געמאַכט אַזוי צו אים, וויגנדיק אים אין בעט:

—אַהאַ, שלמה'לע, שלאָף־זשע, שלאָף־זשע, שלמה'לע.

האָט שלמה געפאָלגט און איז אײַנגעשלאָפן.

## פלוצלינג...

די באָבע באַקט קנישעקלאַך פון קעז, וואָס אַז מען פאַר־זוכט איינס, צעגייט זיך דאָס אין מויל און ס׳ווילט זיך נאָך. זיי זיינען נאָך איצטער רוי, ליגן אויפ׳ן טיש אין אַ גרויסן בלעכערנעם בעקן און וואַרטן ביז דער אויוון וועט גוט הייס ווערן. דאַן וועט די באָבע אַרויסשאַרן די קוילן, אַריינרוקן די בעקנס, און די קנישעס וועלן זיך אָפּבאַקן. שלמה׳ן איז גוט. ער וועט היינט עסן קנישעס און באַלד גיין אויפ׳ן יאַריד אַ קוק טאָן אויף די בעטלערס און אויף די קאַטערינ־שטשיקעס און אויף די צאַצקעס, וואָס זיינען צעלייגט אויף דער ערד און וועט ס׳וויל קען זיי קויפן פאַר געלט. די בהמות מעקען, די חזירים קוויטשען און אויפ׳ן באַרג שיינט די זון ליכטיקער ווי אומעטום. מ׳דאַרף אָמאָל פּרואוון אַרויפ־קלעטערן צום שפּיץ. עס מוז דאָרטן אַוודאי זיין זייער שיין.

שלמה איז שוין אַ גרויסער בחור. צען יאָר אַלט, און ער קען אַליין שוין טרייבן דאָס שיפל. ער וואָלט אַפילו אַריבערגעשוואומען דעם טייך פון איין ברעג צום אַנדערן, ווי אַלע גרויסע בחורים, ווען די מאַמע לאָזט אים נאָר. היינט לערנט מען נישט אין חדר. דער רבי איז אויך געפאָרן אויפ׳ן יאַריד קויפן אַ ציג.

אַזוי איז זיך שלמה געזעסן אויף דער פּריזבע און גע־קלערט וועגן די אַלע זאַכן.

מיטאַמאָל איז געשען אַזאַ זאַך. דער טומל פון יאַריד האָט זיך עפּעס ווי אינמיטן אָפּגעהאַקט און ס׳איז פלוצלינג געוואָרן טויט שטיל. דאָס האָט געדויערט נאָר אַ קליינינקע וויילע. באַלד נאָכדעם האָבן זיך אַלע מענטשן אַ לאָז געטאָן באַרג־אַראָפּ און אין איין מינוט איז דער גאַנצער ברעג גע־

ווארו באלאגערט מיט מענטשן און ביי אלעמען האבן זיך די פנים׳ער געצויגן אהין, קיין וואד־ראשקאוו. האט מען אויף יענער זייט קוים געקענט באמערקן, ווי מענטשעלאך מיט ביקסן אין די הענט גנב׳ענען זיך איבער די בערגלאך און שטיינער אראפ־צו, צום טייך, רוקן זיך, קוקן זיך אום אויף אלע זייטן און האבן, ווייזט אויס, אליין אויך מורא.

די באבע האט איבערגעלאזט די קנישעס אינמיטן דערינען און איז ארויסגעלאפן אויף דער שוועל מיט דער קאטשערע. זי האט דערזען, אז דער גאנצער יאריד לויפט צום טייך, איז זי געבליבן פארגליווערט, ווי א שטיק האלץ. פאר דערשרעק האט זי זיך נישט געקענט קיין ריר טאן און א פאר מינוט איז זי געשטאנען מיט דער קאטשערע אין די הענט, ביז דער זיידע איז געקומען צו לויפן מיט א גרויסן קאשעק פיש אויף די פלייצעס און האט א מאך געטאן צעטראגן צו דער באבען: „דער רומענער״...

ווי נאר ער האט ארויסגעזאגט דאס ווארט „רומענער״, אזוי באלד האט זיך דערהערט א שאס פון א ביקס, דער־נאך דעם א צווייטער. דער קאשעק איז ביים זיידן אראפ־געפאלן פון די אקסלען און די פיש האבן זיך צעשאטן. ער אליין האט א פאל געטאן צו דער ערד און מיטגעשלעפט שלמה׳ן. די באבע האט אויך א פאל געטאן צו דער ערד, נאר די קאטשערע פון די הענט האט זי נישט ארויסגעלאזט. אויף יענער זייט האט א איד געשריגן ג—ע—וו—א—לד און אויף דער זייט זיינען אלע געלעגן אויסגעצויגן אויף דר׳ערד און מורא געהאט ארויפצוהויבן די קעפ. ביקסן האבן געקנאלט, קוילן האבן געפייפט, און פלוצלינג האט א הארמאט א דונער געטאן טר—א—א—ך און באלד א צווייטער בו—בו—בו.

דער גאנצער בארג האט זיך א ריר געטאן. מען איז געשפרונגען איינער איבער׳ן אנדערן, געדראפעט זיך ארויף אויף די בייכער און א געשריי האט זיך אויפגעהויבן. מאמעס האבן געזוכט זייערע קינדער, און קינדער — זייערע מאמעס.

די מאָלדאַוואַנער זיינען געלאָפן צו זייערע וואָגנס, אויף גיך איינגעשפּאַנט די אָקסן און זיך גענומען יאָגן ווי ווילדע. אַזוי ווי אַלע האָבן געוואָלט גיך אַנטלויפן, האָבן זיך וועגענער אַנגעשלאָגן אָן וועגענער, אָקסן האָבן זיך צעבוצקעט איינע מיט די אַנדערע. לאַנגע בייטשן האָבן געקנאַלט. די מאָלדאַוואַנקעס האָבן געקלאָגט „מאַי, מאַי". און אַ לויפעניש, אַ דרייעניש, זעק מיט פּרוכט זיינען אַרויסגעפאַלן פון די וועגענער, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט זיי אַרויפצונעמען און באַלד זיינען זיי צעטראָטן געוואָרן פון פיס און פון שווערע רעדער.

אַ שטייג מיט הינער האָט זיך פון זיך אַליין געעפנט און די עופות זיינען אַרוים אויף דער פריי, זיינען זיי געלאָפן איבער די גאַסן מיט צענומענע פליגלען, גרייט צו פליען, אַרונטערגעפאַלן אונטער די רעדער און געקוויטשעט פון ווייטיק. אפילו קיינער האָט נישט געענטפערט פון דעם ברעג, אָבער דער רומענער מיט די האַרמאַטן האָבן געהאַלטן אין איין דונערן.

פאַרנאַכט ערשט איז געוואָרן שטיל. די גאַסן זיינען געוועזן ליידיק, ווייל אַלע זיינען געלעגן באַהאַלטן אין די הייזער און געציטערט. שפּעטער, ווען ס'איז געוואָרן רעכט נאַכט, איז געשטאַנען אַזאַ טיפע פינצטערניש אַרום און אַרום, ווייל אין ערגעץ האָט מען נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. דער זיידע בערל האָט זיך אַרויסגע'גנב'עט אינדרויסן, געשטאַנען אַזוי און זיך איינגעקוקט אין דער פינצטערניש אויף יענער זייט. מען זעט גאָרנישט, פינצטער און בלינד איז געווען דער גאַנצער ברעג. ס'האָט אים פלוצלינג אָנגענומען אַ רחמנות צו דער וועלט, ווייל ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פון דער שיסעריי זיינען דריי קרבנות געפאַלן, אַ מאָלדאַוואַנקע און צוויי אידן, באַקאַנטע אידן. און דאָ איז אים אויך אַרויפגעקומען אויפ'ן געדאַנק זיין זון בעני, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אין דער מלחמה, און ער האָט זיך צעוויינט מיט זיין הודיעדיקן קול.

שלמה איז שוין געשלאָפן, אָבער די באָבע האָט דער־הערט, ווי עמיצער וויינט מיט אַ הודיענדיק קול, האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווער זאָל דאָס וויינען. זאָל דאָס זיין דער זיידע? קען זי זיך נישט גלויבן, ווייל זי האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געהערט וויינען. איז איר געוואָרן טשי־קאַווע א קוק טאָן און זי האָט זיך גע׳גנב׳עט איבער דער שטוב צו דער טיר, פּאַוואָליע אָן עפן געטאָן. אָבער אינ־דרויסן איז מיטאָמאָל געוואָרן שטיל און זי האָט קוים גע־קענט אָפּזוכן דעם אַלטן אין דער פינצטער, וואָס איז גע־שטאַנען גלאַט אַזוי זיך, די הענט אין די הויזן־קעשענעס און זיך געמאַכט, ווי ער ווייסט פון גאָרנישט.

האָט שוין חיה קיינמאָל נישט געוואוסט, צי דער מאַן אירער האָט אַמאָל געוויינט צי ניין.

# די פאַרשלאָסענע גרענעץ

שלמה'ס מלמד האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן מיט דער ווייסער ציג, וואָס ער האָט געקויפט אויפ'ן יאַריד נאָך פאַר דעם אומגליק, און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. און ס'איז געווען אַ גרויס רחמנות סיי אויף אים, סיי אויף דער ציג. נישט בלויז דער מלמד, נאָר אַלע, וואָס זיינען געקומען מיט די שיפלאַך אויפ'ן יאַריד פון יענער זייט, האָבן זיך אומגעבלאָנקעט ווי ניט-דאָאיקע. זיי פלעגן קומען צום טייך, שטיין און קוקן אויף זייער שטעטל און זיך חידוש'ן: „זע נאָר, דאַכט זיך אָט ערשט געווען פריי דער וועג. אַלעמענס שטעטל, אַלעמענס לאַנד און דאָ פלוצלינג איז געקומען דער רומענער און אַלץ איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי ווייט און פרעמד."

אויף יענער זייט ברעג האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלאַכע רומענער מיט ביקסן אין די הענט, געדרייט זיך אַהין און אַהער, און אַז ס'פלעגט זיי נמאס ווערן זיך אַרומצודרייען, פלעגן זיי זיך צוזעצן אויף די שטיינער, פאַררויכערן זייערע ציגאַרן און זיך צעזינגען, טרויעריק מיט אַזאַ בענקשאַפט, זייערע רומענישע לידער:

> שוואַרצע אויגן, זיס מויל, טראַ-לאַ-לאַ-לאַ,
> מיט דער ביקס אויף פרעמדע סטעפּעס, טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.
> גייט אַ שאָף און גייט אַ לעמל, טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.
> וועט ער טראָגן דיר אַ גרוס, טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.
> שוואַרצע אויגן, זיס מויל, טראַ-לאַ-לאַ-לאַ.

אויף די רומענישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהיט דעם ברעג, איז אויך געווען אַ גרויס רחמנות, ווייל זיי האָבן שטאַרק געבענקט אַהיים נאָך זייערע דערפער און נאָך

זייערע געליבטע. נישט מיט זייער אייגענעם ווילן זיינען זיי געקומען אהער, מ׳האט זיי באפוילן גיין, זיינען זיי געגאנגען. מען האט זיי געהייסן שיסן, האבן זיי געשאסן, ווארים ווען זיי פאלגן נישט — מאכט מען זיי דעם טויט גלייך אויפ׳ן ארט.

די רומענישע סאלדאטן האבן גארנישט געוואוסט, אז שלמה בענקט אזוי שטארק נאך זיין מאמען און ס׳גייט אים אוים דאס חיות אריבערשיפן זיך צוריק אהיים. זיי האבן אויך נישט געוואוסט, אז דער מלמד האט דארטן א ווייב מיט קינדערלאך און א חדר מיט צוואנציק תלמידים. איצטער דרייען זיך אום די תלמידים איבער די גאסן פוסט-און-פאס, אן א רבי׳ן, און דער רבי מיט דער ציג דרייט זיך ארום אויף דער זייט טייך אן תלמידים. וואלט ער פארקויפט די ציג, ווייל זי אבער קיינער נישט קויפן. מען איז אלע אנגעשראקן און מען ווייסט נישט וואס ס׳קען שפעטער מיט א טאג געשען. די רומענער זיינען דאך אזעלכע ווילדע. פון יענער זייט הערט מען אפט געוואלדן, געשרייען פון אידן און פון מאלדאוואנעס און מען ווייסט דא, אויף דער זייט, אז זיי ווערן דארטן געפייניקט.

וואלט אויף דער זייט געוועזן עפעס א שטארקע מאכט. איז קיינער נישטא. אויפ׳ן גאנצן לאנד איז געקומען אן אומגליק. אלע זיינען צעטומלט. די ארבעטער צוזאמען מיט די פויערים האבן ערשט מיט עטלאכע וואכן צוריק פארכאפט די ערד און זיי האבן זיך גענומען איינשטעלן ארדענונג. אבער ס׳האבן זיך אנטקעגן זיי געשטעלט אלע פריצים, גענעראלן, אפיצערן און אלע אנדערע, וועמען ס׳האט זיך געלעבט גוט, בעת דער צאר ניקאלאי איז געזעסן אויפ׳ן טראן. איבער׳ן גאנצן לאנד איז מלחמה, אין יעדער שטאט, אין יעדן דארף, די ארימע אנטקעגן די רייכע. איז געבליבן דער גאנצער ברעג פון דניעסטער אן א מאכט.

נישט ר׳ בערל און נישט אנדערע פישער האבן שוין מער קיין פיש נישט געקענט כאפן. טאמער פלעגן זיי זיך

באוווייזן אויפ׳ן טייך, אזוי באלד האט מען אנגעהויבן צו שיסן פון יענער זייט. דער זיידע בערל, וואס איז געווען א איד אין די זיבעציקער, און האט זיך געהאלטן ביז אהער שטארק ווי א דעמב, איז מיטאמאל זייער אפגע־שוואכט געווארן. זיינע פלייצעס האבן זיך איינגעבויגן און בייננאכט פלעגט ער אפילו קרעכצן פונ׳ם שלאף. טאמער האט אים די באבע אמאל א פרעג געטאן מיט א רחמנות־קול: „וואס קרעכצסטו אזוי, בערל? ס׳טוט דיר ערגעץ ווי?“ פלעגט זיך באלד דער זיידע צעשרייען און זיך אנ־בייזערן:

— ווער קרעכצט, ווער? קיינער קרעכצט נישט און דול מיר נישט קיין קאפ.

שלמה האט זיך ארומגעדרייט איבער דער שטוב און האט נישט געוואוסט, וואו זיך אהינצוטאן. ער וואלט גע־וואלט שטיין אינדרויסן און איבערקוקן, זיינען אבער די טעג געווען רעגנדיקע און קאלטע. ס׳האט געגאסן טאג נאך טאג און די רומענער אויף יענער זייט, דורכגענעצטע, מיט ביקסן אין די הענט, זיינען געשטאנען און געהיט דעם ברעג. אמאל פלעגן זיי פרואוון צעלייגן פייערן. אבער די פייערן האבן נישט געקאנט ברענען צוליב דעם רעגן.

דער זיידע האט איינמאל ארויסגענומען פון דער שאפע א חומש און געזאגט צו שלמה׳ן:

— קום, וועלן מיר ביידע לערנען חומש.

האט זיך שלמה אנידערגעזעצט ביים טיש. דער זיידע האט געעפנט דעם חומש, אבער זיי האבן אפילו נישט אנ־געהויבן צו לערנען, ווייל דאס איינקל איז פארקראכן תיכף מיט א קשיא. ער וואלט געוואלט וויסן, וואס איז א גרענעץ. דער זיידע איז אלע זיינע יארן געווען א פישער און מיט אזוינע זאכן ווי גרענעץ־שמענעץ האט ער זיך נישט פאר־נומען, ווייסט ער וויניציק וואס צו פארענטפערן שלמה׳ן זיינע פראגן, אבער ער האט א מאך געטאן בייז:

— הער אויף מיט דיינע נאַרישע קשיות. לאָמיר בעסער לערנען חומש.

שלמה האָט זיך אָבער איינגע׳עקשנ׳ט. ער וויל וויסן, וואָס הייסט אַ גרענעץ און מיט וואָס פאַר אַ רעכט לאָזן אים נישט די סאָלדאַטן זיך איבערשיפן צו זיין מאַמען. געהערט נישט די ערד צו אַלע מענטשן, און ווער קען אים זאָגן אַ דעה? ער קען גוט שווימען, לאָז נאָר ווערן אַ וואַרימער טאָג, וועט דער זיידע זען, ווי ער וועט אַריבערשווימען צו זיין מאַמען.

דער זיידע איז רעכט אין כעס געוואָרן פון אַזוינע רייד און ער האָט אָנגעשריגן אויף אים, אַז ער זאָל נישט זיין קיין שייגעץ און נישט רעדן אַזוי, ווייל ער וועט אים געבן אַ פּלעם אין פּיסק. שלמה׳לע האָט זיך צעוויינט. דער זיידע האָט געמוזט אַרויסלויפן פון שטוב, ווייל ער קען נישט ליידן, אַז מען וויינט. די באָבע אָבער איז שוין אַן אַנדער מענטש. זי קען אויך נישט פאַרליידן, אַז מען וויינט, דערפאַר אָבער קען זי איינשטילן מיט גוטע רייד. האָט זי געגלעט איר איניקל און אים צוגעזאָגט, אַז זי וועט אפשר מאָרגן באַקן קנישעקלאַך מיט קעז און אַז ס׳וועט נאָך זיין גוט. דער רומענער וועט אינגיכן אַוועקגיין פון דער גרענעץ און ער וועט קענען זען זיין מאַמען.

שלמה האָט טאַקע אויפגעהערט צו וויינען. אָבער ער האָט ווינציק וואָס געגלויבט. די בענקשאַפט צו יענער זייט איז אין אים נאָך מערער פאַרשטאַרקט געוואָרן און ער האָט שוין נישט געקענט איבערטראָגן. וואָלט ער כאָטש געזען, ווי דאָס לעמפּל ברענט ביי זיין מאַמען אין הויז ביינאַכט... טאָר מען אָבער נישט אָנצינדן קיין ליכט, נישט אויף דער זייט, נישט אויף יענער זייט. און מ׳קען גאָרנישט זען, און ס׳איז אים אַזוי שווער איינצושלאָפן.

# אין אַ קאַלטער נאַכט

שלמה איז אַרומגעגאַנגען אַ פֿאַרטראַכטער און אַ פֿאַר־קלערטער און האָט צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. נישט דער זיידע און נישט די באָבע׳ האָבן געוואוסט, וואָס ער טראַכט אַזוי גאַנצע טעג. איינמאָל האָבן זיי זיך דער־וואוסט, אָבער ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט.

אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט איז דאָס געשען. שלמה האָט זיך געלייגט זייער פֿרי אין בעט און האָט זיך געמאַכט כּלומר׳שט, אַז ער איז איינגעשלאָפֿן, אָבער ס׳איז נישט געווען אמת. ער האָט נאָר געהאַלטן פֿאַרמאַכט די אויגן און זיך צוגעהערט.

דער זיידע האָט שוין געשנאָרכעט. די באָבע אָבער האָט געהאַט אַ טבע פֿאַר׳ן שלאָפֿן זיך אַנידערזעצן אין אַ ווינקל מיט אַ זיפּ און פּליקן פֿעדערן אַ פּאָר שעה. פֿון די אָפּגעפּליקטע פֿעדערן פֿלעגט זי מאַכן קישנס. דערפֿאַר טאַקע האָט די באָבע געהאַט אַזויפֿיל קישעלאַך און אַז זי האָט פֿאַרבעט דאָס בעט האָבן די קישעלאַך דערגרייכט אַזש ביז צו דער סטעליע.

שלמה האָט ליב געהאַט צו קוקן ווי די באָבע פּליקט פֿעדערן. זי פֿלעגט ליב האָבן זיך זעצן אויף דער סאָפֿקע, אַנידערשטעלן די זיפּ אויפ׳ן שויס, פּליקן די פֿעדערן און מאַכן מיט די הענט אַהין און אַהער. אויף דער וואַנט אַנט־קעגן פֿלעגט זיך באַלד אַ שאָטן, ענלאַך צו דער באָבען, אויך אַנידערזעצן אויף אַ סאָפֿקע, אָבער מיט אַ גרעסערער זיפּ, און אויך מאַכן מיט די הענט אַהין און אַהער.

קוקנדיק אויף ביידע באָבעס, ווי זיי פּליקן פֿעדערן, איז שלמה׳ן געווען אַזוי גוט איינצושלאָפֿן, פּונקט ווי מען וואָלט

דערציילט אַ מעשה׳לע. אָפּטמאָל, אַז ער האָט שוין גע־האַלטן ביים איינדרעמלען, פלעגט ער זיך פאַרגעסן און נישט געקענט אונטערשיידן, ווער איז די אמת׳ע באָבע און ווער איז בלויז דער שאָטן. פלעגט אים אַזאַ זאַך שטאַרק פאַרוואונדערן און ער האָט זיך אַביסל צעדריכנעט, כדי אויסצוגעפינען די אמת׳ע באָבע. אָבער אַז דער שלאָף האָט אַזוי ווייך געגלעט איבער די אויגן און ס׳האָט עמיצער אים געצויגן צו דעם ווייכן קישן, איז אים שוין נישט געווען קיין דאגה און ער פלעגט אַזוי איינשלאָפן.

יענע נאַכט האָט ער אַפילו נישט געוואָלט קוקן אויף דער באָבען. ער איז געווען אין כעס אויף איר, וואָס זי זיצט אַזוי שפּעט אין דער נאַכט און פליקט, און פליקט. וואָס דאַרף זי האָבן אַזוי פיל פעדערן? קאַרג קישעלאַך האָט זי? אָבער די באָבע האָט, ווייזט אויס, נישט פאַר־שטאַנען, אַז איר איניקל איז אויף איר בייז דערפאַר און זי האָט זיך געטאָן אירם, געטשיפּעט מיט אירע אַלטע ביי־נערדיקע פינגער די ווייסע פעדערן און שטיל אין זיך, כדי קיינעם נישט אויפצואוועקן, געזונגען אַזאַ לידעלע:

יאַקאָב, יאַקאָב, אָטשע נאַש,
טשעטערנאַדצאַט ליט וויוציע פּאַם:
סיעם זאַ רחליע,
סיעם זאַ נאַס.

(יעקב, יעקב, אונזער פאָטער, פערצן יאָר האָט ער שאָף געפּאַשעט: זיבן פאַר רחל׳ען, זיבן פאַר אונז.)

אַז די זיפּ איז שוין געוואָרן פול, האָט זי אָנגענומען אַ זשמעניע פעדערן און צוגעטראָגן צו דער שיין פון דער ליכט. האָבן זיי אויס געקוקט אַזוי ווייס ווי שניי און גע־גלעט האָבן זיי דער באָבע׳ס האַנט, אַ מחיה. אירע ברילן האָבן זיך אַזש צעשמייכלט פון פאַרגעניגן, אָבער נישט פון דעם האָבן זיי זיך צעשמייכלט, וואָס די פעדערן זיינען אַזוי ווייס. פון דעם אויך. ס׳האָט איר אָבער מערער הנאה געטאָן, וואָס די זיפּ ווערט פולער און פולער פון שעה צו

שעה, און אַז שלמה וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער בחור און וועט חתונה האָבן, וועט זי אים געבן צו דער חתונה פיר גרויסע שיינע קישנס פון די ווייכסטע און קלאָרסטע פעדערן. הלואי גאָט זאָל איר העלפן און זי זאָל נאָך דערלעבן צו זיין חתונה. מערער וואָלט זי שוין גאָרנישט באַדאַרפט.

שלמה אָבער איז איצט געלעגן און בלויז געוואָלט איין זאַך: די באָבע זאָל שוין אויפהערן פליקן די פעדערן, אויס־לעשן ס׳לעמפּל און זיך לייגן שלאָפן.

ער האָט זיך דערוואַרט. ס׳איז שוין פינצטער אין שטוב. די באָבע ליגט אין בעט. אָבער די באָבע איז שוין אַן אַלטע און די ביינער טוען איר ווי. קרעכצט זי אין בעט און וואַרפט זיך פון זייט צו זייט. די באָבע זאָגט, אַז די ביינער טוען איר ווי נאָר דאַן ווען ס׳איז נאַס אינדרויסן. אויך דאַן ווען ס׳האַלט ביי רעגענען. אָבער היינטיקער טאָג איז געווען אַ וואַרימער און אַ שיינער, און טאַקע דערפאַר האָט שלמה אויסגעקליבן די נאַכט פאַר זיין פּלאַן.

שוין. די באָבע איז אויך איינגעשלאָפן. אָבער ער וועט זיך נישט איילן. ער וועט אַביסל אויסוואַרטן. ס׳דאַכט זיך אים אוים, אַז ער וואַרט שוין אַזוי לאַנג. ער זוכט אָפּ די הויזן. פאַר׳ן שלאָף האָט ער יעדער זאַך געלייגט אויף אַ באַזונדער אָרט, כדי ער זאָל אין דער פינצטער זיי קענען דערטאַפּן. די שיך וועט ער נישט אָנטאָן, ווייל ס׳וועט אים זיין אַזוי אויך שווער, אפילו דעם מאַנטל האָט ער איבער־געלאָזט. אָבער זיין בעט האָט זיך צעסקריפּעט און די באָבע האָט זיך תיכף אויפגעכאַפּט. די באָבע האָט זייער אַ גרינגן שלאָף. פונ׳ם מינדסטן שאָרך כאַפּט זי זיך אויף.

— ווער איז דאָרט?

שלמה שווייגט.

— שלמה, דו שלאָפסט?

שלמה ענטפערט נישט, און ס׳קלאַפּט ביי אים דאָס האַרץ ווי ביי אַ גנב.

די באָבע איז ווידער איינגעשלאָפן. שאַ, שטיל. קוים

וואָס ער רירט אָן די ערד. ער גנב'עט זיך צו דער טיר. ער האַלט שוין די קליאַמקע. אָבער ווי אַזוי עפנט מען די טיר, אַז זי מאַכט אַזעלכע געוואַלדן, סקריפּעט אויף סכנות. די טיר עפנט זיך צוביסלאַך. פּאַוואָליע, קיין איין סקריפּע נישט געטאָן, ווייל שלמה שטופּט אַזוי פּאַרזיכטיק, אָן עפּן אַ ביסעלע און אָפּגעשטעלט. נאָך אָן עפּן און ווייטער שאַ.

ער איז שוין אינדרויסן. דער הימל איז אויסגעשטערנט און קאַלט איז די נאַכט. די וואַסערן רוישן אַזוי אומעטיק און ס'איז אַזאַ פּחד. אָבער אַז ער וויל צו דער מאַמען. דער טייך איז גאָרנישט אַזוי ברייט. ווען אַלצדינג גייט איבער גוט, וואָלט ער אַרויפגעקראָכן דעם באַרג, אָנגעקלאַפּט אין דער טיר אַזוי שטיל. די מאַמע וואָלט זיך אודאי נישט געריכט אויף אים.

אַזוי קלערנדיק האָט ער זיך געגליטשט באַרג-אַראָפּ. ער האָט זיך נאָר געשראָקן פאַר די שטיינדלאַך, וואָס האָבן זיך געקרישעט אונטער זיינע פיס און אָנגעמאַכט אַ גערויש. דער רומענער זאָל כאָטש נישט הערן.

דער רומענער האָט נאָך נישט געהערט, ווייל דער סאָלדאַט אויף יענער זייט איז געווען איבערגעפרוירן פון דער קאַלטער נאַכט. ער האָט זיך אָנגעפּעלצט, פאַרוויקלט זיינע גראָבע שטיוול מיט שטרוי, זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין, פאַרנורעט זיך, אַריינגעשטופּט די הענט אין זיינע ברייטע אַרבל, די ביקס אינמיטן, און געדרימלט. האָט ער נישט געזען און נישט געהערט, ווי אַ קליין אינגעלע האָט זיך גע'גנב'עט באַרג-אַראָפּ אין דער פינצטערער נאַכט אויפ'ן צווייטן ברעג. ער האָט אויך נישט געזען, ווי דאָס אינגעלע איז שטיל אַריין אין וואַסער און אָנגעהויבן צו שווימען אַזוי פאַרזיכטיק.

דאָס וואַסער האָט געשניטן שלמה'ס לייב ווי אייז, און ס'הארץ האָט געקלאַפּט גיך-גיך, און די שרעק איז געווען מורא'דיק גרויס. אויפ'ן באַרג האָט זיך דער טייך אויסגעוויזן אַזוי קליין, אָבער איצטער איז ער אַ גרויסער ים.

לאָז ער נאָר אריבער, וועט ער זיך אַרויפדראַפּען אויפ׳ן באַרג, אַנקלאַפּן אין דער טיר — און די מאַמע האָט זיך אודאי נישט געריכט אויף אים...

דער באַרג אַנטקעגן איז אַזוי גרויס און פינצטער. אפשר ליגט דאָרט צעלייגט אויף יעדן שטיין אַ רומענער מיט אַ ביקס געצילעוועט גלייך אויף אים, און ווי נאָר ער וועט צוקומען נענטער, וועלן זיי אַלע אויסשיסן מיטאַמאָל.

ער וואָלט געקאָנט שווערן, אַז עמעצער רופט אים. יאָ, דאַכט זיך, די באָבע שרייט: שלמה׳לע! ! נישט נאָר די באָבע, דער זיידע אויך. ווייַ, וויי, די רומענער וועלן דאָך דערהערן אויף יענער זייט. וואָס טוען זיי, די נאַרישע מענטשן? ס׳האָט זיך טאַקע אים נישט אויסגעדאַכט. באַלד האָט ער דערהערט דער באָבע׳ס קול מיט אַזוי פיל ווייטיק: „שלמה׳לע! שלמה׳לע!!“ און דער זיידע האָט געהודיעט: „אָהאָ־אָהאָ, שלמה׳לע!!“

באַלד דערביי אַ שאָס און תיכּף אַ צווייטער. שלמה׳לע איז צעטומלט געוואָרן. אַלע אברים זיינען אים מיטאַמאָל שוואַך געוואָרן. די הענט און פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט און — כּליאָפּ־כּליאָפּ, שלמה׳לע האָט זיך אָנגעהויבן צו טרינקען און צו שרייען: „זיידע! זיידע!!“

# א מאַמע פּילט.

די רומענער האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער'ן שטעטל, פרעמדע און ווייטע. קיינער האָט זיי נישט געוואָלט קיין פריינטלאַכן בליק צווואַרפן. זיי האָבן דאָס געפילט און דערפאַר זיינען זיי געווען שטענדיק ברוגז, אָנגעבלאָזן און זיך געטשעפּעט צו אַלעמען, מערסטנס צו די קרעמער.

דער קאָמאַנדיר זייערער, אַ הויכער, שיינער בחור, מיט לאַנגע שוואַרצע באַקן-בערד און מיט גרויסע גלאַנציקע שטיוול מיט שפּאָרן, פלעגט גאַנצע טעג אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן. אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס האָט אים נאָכגעשפּאַנט און געהיט. וואָס איז געווען אים צו היטן? די אידן זיינען במילא אַריינגעלאָפן אין די הייזער און זיך באַהאַלטן, ווען זיי האָבן אים נאָר דערזען. די, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט און נישט געהאַט קיין צייט זיך אַריינצוכאַפּן ערגעץ אין אַ הויז, פלעגן מוזן אַראָפּנעמען די היטלען און זיך טיף פאַר אים פאַרנויגן. אַזוי האָט ער געוואָלט און אפילו אַרויסגעגעבן אַ געדרוקטן באַפעל און אים צעהאָנגען אויף אַלע גאַסן. דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי ער האָט שיר נישט דער׳הרג׳עט מיט זיינע קלעפּ חיים׳ען דעם לערער דערפאַר, וואָס יענער האָט אים נישט באַגריסט.

חיים דער לערער איז עטלאַכע טעג געלעגן אין בעט. עס האָבן אים ווי געטאָן די זייטן, און דאָס פּנים האָט אים געשמאַרצט. אָבער ער האָט דאָך זיך באַרימט, אַז ער וועט זיך טאַקע קיינמאָל פאַר׳ן אָפיצער נישט פאַרנויגן, אַפילו ער זאָל אויף אים שיסן.

אַז ס׳איז געקומען די נאַכט, איז דאָס שטעטל געווען ווי אויסגעשטאָרבן. קיין ליכט אין פענצטער האָט זיך

ניִשט געטאָרט באַווייזן. וואו מען האָט באַמערקט אַ שיין, האָט מען אַהין געשאָסן. דערפאַר אָבער איז געווען ליכטיק ביים קאָמענדאַנט אין הויז. ער האָט ליב געהאַט צו שיכור׳ן. אַלע טאָג האָט ער אויסגעטראַכט אַן אַנדער יום־טוב. איינ־מאָל דערפאַר, וואָס די בראַווע רומענער האָבן איינגענומען בעסאַראַביע. אַ צווייטן מאָל דערפאַר, וואָס דער קייסער איז געזונט געוואָרן נאָך אַ קראַנקייט. ער האָט שוין אָפּ־געזוכט תירוצים. פלעגן זיך צונויפקומען די פּריצים און גלחים. ער האָט געהייסן כאַפּן די אידישע קלעזמער און זיי ברענגען צו אים. די שענקערס האָבן געמוזט צופירן אויף אַ וואָגן פעסלאַך מיט אַלערליי ווייַנען, די בעקערס — ברויט, און די סעודה איז געווען אויף טיש און אויף בענק.

די קלעזמער האָבן געמוזט שפּילן פריילאַכע נגונים, און דער אָפיצער מיט די פּריצים האָבן געטאַנצט און גע־שיכור׳ט. אויך די גלחים האָבן געטאַנצט. זיי פלעגן אונ־טערהויבן די לאַנגע קאַפּאָטעס זייערע און שיכור׳ע מיט צעהיצטע פּנימ׳ער האָבן זיי געהאָפּעט און זיך געקושט מיט׳ן קאָמענדאַנט סטעפּאַניוק׳ן.

ביז אין טאָג אַריין האָבן די אידישע קלעזמער געמוזט שפּילן די פריילאַכע נגונים פאַר די שיכורים, און ביז שפּעט אין דער נאַכט איז אסתר געזעסן מיט פאַרבראָכענע הענט פאַר׳ן שטומען פינצטערן פענצטערל. יענעם אָונט, ווען שלמה האָט זיך געטרונקען, האָט זי, פאַרשטייט זיך, גאָר ניִשט געוואוסט פון דעם, נאָר דאָס האַרץ איז איר געווען שווער׳ער, ווי אַלע מאָל. ווען זי איז איינגעשלאָפן, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, ווי עמעצער ווייַנט אונטער איר פענצטער און רופט: „מאַמע, מאַמע, עפן מיר!“ מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ איז זי געלאָפן און אויפגעפּראַלט די טיר. האָט זי דאָרטן געטראָפן שטיין אַ פינצטערע נאַכט. אויף די גאַסן זעט מען ניִשט קיין לעבעדיקע נשמה.

זי ווערט נאָכאַמאָל אַנטשלאָפן. זי הערט אָבער ווידער, ווי אַ קליין קינד שטייט אונטער׳ן פענצטער און ווייַנט און

רופט: „מאַמע! מאַמע!“, איז זי ווידער געלאָפן צו דער טיר און אַן עפּן געטאָן. אָבער דאָס גאַנצע שטעטל שלאָפט שוין פון לאַנג, אָדער מען ליגט אַזוי דערשראָקענע אין די בעטן. ביים ברעג האָט זיך אויפגעהויבן אַ שיסעריי. די שאָסן הילכן אָפּ אין שטעטל און שרעקן די פינצטערע גאַסן. וואָס שיסן זיי דאָרטן, די רומענער? זי האָט אפילו נישט געוואוסט, אַז דאָס שיסן זיי אויף איר זון, וואָס איז שוין אָפּגעשוואומען אַ שטיק טייך. און אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך איר אַלע מאָל אויסגעדאַכט, אַז שלמה וויינט און קלאַפּט אין טיר.

אַט קומט שלמה צו גיין אַזאַ הויכער און שטאַרקער. ווי איז דאָס פּלוצלינג שלמה שוין אַזוי גיך אויסגעוואַקסן אַזאַ הויכער און שטאַרקער, אַז דאָס קינד איז בסך־הכל צען יאָר אַלט. אפשר איז דאָס איר מאַן בעני? ווער עס זאָל נישט זיין, אָבער ס׳איז איר גוט. אַט וועט זי צעלייגן אַ פייער און אָפּקאָכן וואַרעניקעס. ער, שלמה, איז טאַקע אַ גרויסער, אָבער זי וועט אים נאָך אויסצוואָגן דעם קאָפּ אויך. ער מיינט, אַז ער איז שוין אַ גרויסער, וועט זי אים לאָזן אַרומגיין מיט אַ נישט־אויסגעוואַשענעם קאָפּ. ער וואַרפט זיך און דרייט זיך, און ער לאָזט זיך נישט, און ווען ער וואַרפט זיך און דרייט זיך, קוקט ער שוין אודאי אויס ווי שלמה׳לע. עס איז טאַקע נישט בעני, ס׳איז שלמה. אַט וועט זי אים אויסוואַשן, פאַרקעמען, וועט ער אָפּעסן וואַרמעס, און דערנאָך וועט ער דערציילן, וואָס ער האָט געלערנט אין חדר. שלמה וועט אויסוואַקסן אַ געלערנטער מאַן, אַז די גאַנצע וועלט וועט אים רימען. ער וועט לערנען אַלע חכמות פון דער וועלט. איר שלמה׳ן וועט יעדערער ליב האָבן, ווייל ער וועט גיין צו די מענטשן און זיי טרייסטן. אַלע קלוגע קעפּ וועלן זיך צוהערן צו אים און ער וועט זיי דערציילן וויפיל צרות אַ מלחמה פאַרשאַפט. ווי אַזוי מען האָט זיין טאַטן דער׳הרג׳עט. וואָס האָט מען געהאַט צו אים? ער האָט קיינמאָל אויף זיין לעבן קיינעם נישט

אַנגערירט. אַ פישער געווען. אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, שטענדיק געהאָלפן די פישער, זיינע חברים, ווען זיי זיינען געווען עפּעס אין אַ צרה. אַזאַ שטילער איז ער געווען. שבת פון דער שול פלעגט ער קומען אַזאַ אויפגערוימטער. ער האָט טאַקע ווייניק גערעדט, אָבער זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געלויכטן ווי די בענטש־ליכט. געשמייכלט צום ווייב, געשמייכלט צום קינד און קיין וואָרט נישט גערעדט. אַ שווייגער געווען.

ווען־ווען־זשע האָט ער געטאָן שלעכטס, וואָס מען האָט אים דער׳הרג׳עט? וועט טאַקע שלמה צוזאַמען מיט די חכמים פון דער וועלט זען, אַז ס׳זאָל מער קיין מלחמה נישט זיין. איר וועט שוין דאַן נישט וויי־טאָן דער רוקן, ווייל זי וועט מער נישט דאַרפן זיצן איינגעבויגן איבער דער מאַשין. זי וועט נעמען אַ ווייס טישטעכל און איבערדעקן די מאַשין. די שטוב וועט זי אויסקערן און אויספּוצן, און דער טיש וועט שטענדיק זיין געדעקט. שטענדיק וועט ביי איר זיין שבת. איאָ, שלמה׳לע? שלמה זאָגט יאָ, און זיינע שוואַרצע אויגן שמייכלען פּונקט, ווי ביי זיין טאַטן.

שלמה וויל זיך גאָר גיין באָדן, און דער טייך איז אַזוי טיף. ניטע, שלמה, שווים נישט אַזוי ווייט! של־מ־ה! של־מ־ה! דער זון פאָלגט נישט און איז שוין אַזוי ווייט אַוועקגעשוואומען. שטייט זי מיט פאַרבראָכענע הענט לעבן טייך.

ס׳איז שוין טאָג. אַ כמורנער האַרבסטיקער טאָג. און דאָס האַרץ פלאַטערט ביי איר אַזוי שטאַרק פון חלום. זי וועט נאָך ליגן אַזוי אין בעט אַ ווייל און טראַכטן וועגן חלום און וועגן שלמה׳ן.

## שלמה ליגט אין היץ.

די באָבע חיה האָט עפּעס געפּילט אין שלאָף, אַז עמע־צער האָט געעפנט די טיר און פאַרלאָזט דאָס הויז, האָט דאָס האַרץ ביי איר שטאַרק אָנגעהויבן צו קלאַפּן, אָבער אויפרייסן די אויגן האָט זי נישט געקענט. איז אויף איר אַרויפגעפאַלן אַזאַ מורא און שרעק, וואָס זי האָט נישט געקענט עפענען די אויגן. טאָמער גנבים אין שטוב, און שלמה ליגט דאָרטן. אָבער דער שלאָף האָט איר געפאַנגען, ווי אַ פּישל אין דער נעץ, און זי קען זיך גאָרנישט אַרויס־פּלאָנטערן. אפשר וואָלט זי אַ ריר געטאָן פריער מיט אַ האַנט, דערנאָכדעם וועט זי אַ ריר טאָן מיט דער צווייטער און אַזוי־אַרום וועט זי זיך שוין זדריכנען. אָבער עמעצער זיצט אויף איר האַרץ, און די האַנט איז אַזוי שווער. זי וועגט אפשר טויזנט פוד. אפשר וואָלט זי געפּרואווט אַ געשריי טאָן: בערל, בערל! ״, קען זי נישט שרייען. דאָס הייסט, זי שרייט יאָ, אָבער קיין קול הערט זי נישט. איר איז געוואָרן זייער שלעכט דערפון, אָבער באַלד האָט זי דערפילט, ווי עמעצער טאָרעט זי. אוי, אַ לעבן אויפ׳ן זיידן. דאָס איז ער, וואָס טאָרעט זי און רעדט צו איר כלומר׳שט מיט גוטן, אָבער זיין קול הודיעט סיי־ווי־סיי בייזלאַך:

— וואָס איז דיר, חיה, וואָס וויינסטו?

זי קען שווערן, אַז זי האָט נישט געוויינט, זי האָט זיך נאָר געוואָלט אויפכאַפּן פון שלאָף און נישט געקאָנט, ווייל זי האָט געהערט, ווי עמעצער האָט געעפנט די טיר. זי האָט אָנגעצונדן ס׳לעמפל און זיי זיינען ביידע אַריין אין צווייטן צימער.

— ווי, ווי! די באָבע איז שיר נישט געפאַלן חלשות —

דאָס בעט איז ליידיק, שלמה איז נישטאָ און די טיר איז אָפן. זיינען זיי ביידע אַרויס אין פינצטערן אינדרויסן און אָנגעהויבן צו שרייען: „שלמה׳לע! שלמה׳לע!" דער רומענער שיסט און שלמה פון טייך מיט אַ פאַרשטיקט קול: „זיידע! זיידע!"

שלמה איז נישט דערטרונקען געוואָרן, נישט אומזיסט איז בערל געווען אַ פישער שוין אַזוי פיל יאָרן. וויפיל מאָל האָט זיך זיין שיפל איבערגעקערט אינ׳ם סאַמע קאָכעדיקסטן שטראָם, נאָר אַז ער לייגט אַ האַנט, ציטערט דאָס וואַסער. ער איז שוין טאַקע אַלט און ס׳איז שטאַרק פינצטער, אָבער אַז דאָס אייניקל טרינקט זיך, וואָס איז דאָ אַ סך צו קלערן, ס׳האָט אים שוין אפילו נישט געאַרט, וואָס ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ שיסעריי פון יענער זייט.

דאָס זיינען זיך אַ סך רומענער צונויפגעלאָפן פון פאַרשידענע פונקטן, געוואָרפן אַ פּראָזשעקטאָר איבער׳ן טייך און געשאָסן אויפ׳ן אַלטן, וואָס איז נישט געשוואומען, נאָר ווי געפלויגן צו ראַטעווען זיין אייניקל. ווען ער האָט אים שוין דערגרייכט, איז שלמה געווען שוין אַ פאַר׳חלש׳טער. ער איז געלעגן אין זיין זיידנס האַנט, ווי אַ טויט פייגעלע.

דעם זיידן האָט נישט געאַרט, וואָס ער איז אין אַזאַ קאַלטער נאַכט דורכגענעצט געוואָרן ביז׳ן ביין. בערל איז געווען אַ פאַרהאַרטעוועטער איד. אָבער שלמה האָט זיך צוגעקילט די לונגען און געלעגן אין גרויס היץ, זיך געוואָרפן אויפ׳ן בעט טעג מיט נעכט און געהאַלטן אין איין ריידן פון אַ גרענעץ און פון טויזנטער רומענער, וואָס ליגן פאַרטאַיעט אויף יעדן שטיין.

נישט אומזיסט האָט שוין די באָבע אַזוי פיל יאָרן הינטער זיך. זי האָט טאַקע גערופן דעם דאָקטאָר פון שטעטל, אָבער וואָס קען אַ דאָקטאָר טאָן? דער עיקר איז געווען די באָבע אַליין. זי איז נישט דערשלאָפן די אַלע נעכט, אים געלייגט קאָמפּרעסן, אים איינגעגעבן פאַרשידענע געטראַנקען אויף שוויצן. די אַלטע האָט גוט געוואוסט, אַז פון

שוויצן פאַלט אַראָפּ די היץ און ס׳ווערט גרינגער.

די היץ האָט זיך טאַקע געפּעלט. שלמה איז אָבער געווען זייער אָפּגעשוואַכט. זיינע שוואַרצע אויגן זיינען געוואָרן גרעסער ווי פריער, און טרויעריקע אַזוינע. איצטער איז שוין דער זיידע צונויף געקומען, ווייל ער האָט געקענט דערציילן שיינע מעשיות.

שלמה פלעגט זיך שטיל איינהאָרכן, האַלב צומאַכן די אויגן פון שוואַכקייט, און אַז דער זיידע האָט געענדיקט די מעשה, איז שלמה געבליבן ליגן אַזוי רואיק ווי פריער, גלייך ווי ס׳איז גאָרנישט געשען. פלעגט אים דער זיידע איבערפרעגן:

— שלמה׳לע, דו שלאָפסט? וואָס האָב איך דיר דערציילט?

— האָסט דערציילט, זיידע, פון דעם פישער מיט דער נעץ, וואָס עפּעס אַ קאָכעדיקער שטראָם האָט אים אַרומגעשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט, און פאַרטאָג האָט ער דערזען, אַז ער שטייט גאָר ביים ברעג און ער האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט קיין ריר נישט געטאָן פון אָרט. דערצייל מיר בעסער, זיידע, עפּעס פון אַ גרענעץ.

ווי קען דער זיידע וויסן פון אַ גרענעץ, אַז פון זינט ער געדענקט, זיינען ביידע ברעגן געווען פרייע, ביידע שטעטלאַך כמעט ווי איינס. מאָלדאַוואַנעס און אידן פלעגן זיך אַריבערשיפן פון איין זייט אויף דער צווייטער. קיינער האָט זיי נישט געשטערט. ער האָט אַלע יאָרן געכאַפּט פיש אין אַלע וואַסערן פון דער זייט און פון יענער זייט. וואָס קען ער וויסן פון אַ גרענעץ?

— ווער זשע זיינען די רומענער? — וויל שלמה ווייטער וויסן.

— די רומענער? — דער זיידע ווייסט עפּעס וועגן זיי. ער ווייסט, אַז אַרום דעם ברעג וואוינען אַ סך מאָלדאַוואַנעס, וואָס זייער שפּראַך איז ענלאַך צו דער רומענישער. ער ווייסט אויך, אַז די רומענישע הויפּט-שטאָט איז בוקאַרעשט

און דאָרטן וואוינט זייער קייסער, פערדינאַנד הייסט ער. ער ווייסט אויך, אַז די רומענישע פּויערים זיינען זייער אָרים, האָבן קיינמאָל נישט קיין ברויט, כאָטש זיי אַרבעטן שווער אַ גאַנצן זומער אויף די פעלדער. אָבער אַז ס'קומט דער ווינטער, הונגערן זיי מיט זייערע ווייבער און קינדער, און דערהאַלטן זיך דאָס לעבן נאָר מיט אַ שטיקל מאַמאַליגע.

— אָבער פאַרוואָס האָבן זיי צוגענומען יענעם ברעג?

און דער זיידע דערציילט אים, אַז דער רומענישער קייסער האָט אַ סך סאָלדאַטן, און אַזוי ווי ער רעכנט, אַז די מאָלדאַוואַנעם זיינען אַ טייל פון זיין פאָלק, איז ער געקו־מען און פאַרכאַפּט די ערד, וואָס רופט זיך בעסאַראַביע.

וואָס זשע דאַרף דער קייסער די מאָלדאַוואַנעם? וואָס איז זיין עסק? ער גיט זיי דען עסן צי וואָס? — ווערט שלמה שוין בייז.

דער זיידע פאַרענטפערט זיך פאַר שלמה'ן, אַז עסן גיט ער זיי נישט. פאַרקערט, די מאָלדאַוואַנעם האָבן פריער געצאָלט צינזן צו דעם רוסישן קייסער, איצטער וועלן זיי מוזן צאָלן צינזן צום רומענישן קייסער.

— אָבער אין רוסלאַנד איז דאָך איצט נישטאָ קיין קייסער? — כאַפּט ער דעם זיידן מיט אַ קשיא.

וואָס קען אָבער ר' בערל וויסן אין אַזעלכע פראַגן, אַז ער האָט קיינמאָל אין אַזוינע זאַכן זיך נישט געמישט. ער ווייסט נאָר, אַז איצטער קען ער שוין נישט כאַפּן קיין פיש. אַזוי פיל יאָרן יאָ געמעגט, און איצטער — טאָר מען שוין נישט.

אָבער שלמה לאָזט אַזוי גיך נישט אָפּ דעם זיידן. ער וויל איצט וויסן, צי די באָלשעוויקעס וועלן קומען אויך אַהער קיין ראַשקאָוו, און אַז זיי וועלן קומען, צי וועלן זיי אָפּשאַפן די גרענעץ?

ר' בערל ווייסט אויך ווינציק־וואָס וועגן די באָלשעווי־קעס. ער ווייסט נאָר, אַז די באָלשעוויקעס גייען פון שטאָט צו שטאָט און שאַפן אָפּ די רייכע. נעמען צו ביי זיי דאָס

גאַנצע פאַרמעגן און צעטיילן דאָס צישן די אָרימע.
— אויב אַזוי, זיינען דאָך די באָלשעוויקעס גוטע מענטשן! — איז שלמה אַזש אויפגעשפרונגען פון געלעגער.
— ווער זאָגט דיר דען, אַז זיי זיינען שלעכטע? — האָט דער זיידע אַ טענה צום אייניקל.
אָבער דאָס אייניקל האָט אויך אַ טענה צום זיידן:
— אויב זיי זיינען טאַקע אין אמת'ן אַזוינע גוטע און נעמען זיך אָן פאַר די אָרימע, ווען זיי זיך פאַר אים אויך אָננעמען. ער וועט קומען און זיי דערציילן, אַז ער האָט אַ מאַמען פון יענער זייט, וואָס ער וויל זי שוין שטאַרק זען. און זאָלן זיי גיין אויף די רומענער און אָפּשאָפן די גרענעץ. אין איינוועגס זאָלן זיי אויך געבן זיין מאַמען עפּעס געלט, ווייל זי אַרבעט אַזוי שווער.
ווערט שוין דער זיידע אין כעס: וואָס הייסט, ער וועט גיין צו די באָלשעוויקעס. אַזאַ קליינער שנעק וועט ער גאָר גיין צו די באָלשעוויקעס? וואָס מיינט ער, ס'איז אים דער טייך, וואָס ווען נישט די באָבע, וואָלט ער שוין געווען טויט.
אָבער שלמה ענטפערט שוין נישט אָפּ דעם זיידן. ערשטנס, איז ער זייער אויסגעמאַטערט. צווייטנס, האָט ער זיך שוין אַריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין וועגן די באָלשעוויקעס און ער לאָזט אים נישט אָפּ. זאָלן נאָר די באָלשעוויקעס קומען. ער האָט שוין געהערט אַזוי פיל וועגן זיי, נאָך אויף יענער זייט. ער האָט געהערט, אַז זיי זיינען אַזוינע שטאַרקע און גוטע, און אַז זיי טראָגן מיט זיך רויטע פאָנען און אין אַ וואָסער שטאָט זיי קומען, רופן זיי צונויף אַלע אָרימע אידן און אַלע אָרימע פויערים און זאָגן צו זיי אַזוי:
„מיר זיינען נאָר מיט אייך, נישט מיט די רייכע. לאָמיר מאַכן אוים אָרים און אוים רייך, און לאָמיר זיין אַלע חברים."
די באָלשעוויקעס מוזן אַלע זיין גיבורים, ווייל זיי האָבן איינגענומען אַזוי פיל שטעט...
ערשט נישט לאַנג זיינען זיי אויך אַריין אין דער שטאָט

אָדעס, וואָס ביים שווארצן ים. קיינער האָט זיך גאָרנישט געקענט שטעלן אַנטקעגן, אַזוינע גיבורים זיינען זיי. מען האָט געשאָסן אויף זיי פון האַרמאַטן און ס׳האָט נישט גע־האָלפן. מען האָט געשאָסן אויף זיי פון עראָפּלאַנען און ס׳האָט אויך נישט געהאָלפן. אַז זיי זיינען אַהין אַריין האָבן זיי אַרויסגעטריבן אַלע רייכע פון זייערע גרויסע שיינע דירות און אַריינגעזעצט אין זיי די אָרימעלייט.

אָבער דער ווינטער איז שוין דאָ אינדרויסן. ער זעט דורכ׳ן פענצטער, ווי דער טייך איז פאַרפראָרן און ווי דער שניי ליגט אויף די בערג. שטייען די בערג אַזוינע אומע־טיקע און קאַלטע. אָט זעט ער אויך זיין מאַמעס שטיבעלע, אַזאַ פּיצעלע. אפשר קוקט זיין מאַמע אויך אַרויס דורכ׳ן פענצטערל און טראַכט פון אים.

אַז ס׳איז אַזוי קאַלט אינדרויסן, אפשר וועלן די באָל־שעוויקעס אינגאַנצן נישט קומען. איי, ווען די באָלשעווי־קעס זאָלן שוין קומען!!

## זאָלן די באָלשעוויקעס שוין קומען!

דער טאָג איז געווען פול מיט זון און ס'האָט זיך אויס־געוויזן, אַז דער שנייען אויפ'ן באַרג לאַכט. שלמה שטייט אָנגעפעלצט און קוקט צו יענעם ברעג, צו דער מאַמעס שטיבל. עמעצער גייט דאָרטן ביי דער שטוב. אפשר איז דאָס די מאַמע? ער הויבט אָן צו פאָכען אַהין מיט די הענט. די שול קען ער זען אַזוי קלאָר, ער קען אפילו זען דאָס קיילעכיקע פענצטער אונטער'ן בוידעם. ער קען אויך זען דעם מאַרק און די קליינע מענטשעלאַך, וואָס רירן זיך דאָרטן.

דער טייך איז פאַרקאָוועט מיט אייז. שוואַרצע שטיי־נער סטאַרטשען אַרויס פונ'ם שניי פון ביידע זייטן. אַז דער שניי איז אויסגעפאַלן, פאַרוואָס האָט ער נישט פאַר־דעקט די שטיינער, אומעטום וואָלט געווען ווייס און נישט זיי זאָלן אַרויססטאַרטשען אַזוינע שוואַרצע.

דעם רומענער אויף יענער זייט איז, ווייזט אויס, שטאַרק קאַלט. ער קלאַפּט אַ פוס אָן אַ פוס, שפּרינגט אונ־טער. צוויי מינוט וואָלט אינגאַנצן געקומען אַריבערלויפן אויף יענער זייט איבער'ן טייך. שאַ. קינדער גייען צום ברעג. זיי גייען זיך מסתמא גליטשן. זיי מיינען, אַז ס'איז זיי אַמאָל. פאַראיאָרן האָט ער געהאַט אַ קאָניעק. טאַקע אַליין געמאַכט. גענומען אַ גלאַט ברעטל, געמאַכט אַ שפּאַלט אינמיטן און אַריינגעשטעלט אַ שאַרף שטיקל שטאָל. ווי, ווי ער איז געפלויגן מיט דעם איבער'ן טייך. אַ פאַר־געניגן געווען!

וועט דער רומענער אויף יענער זייט זיי לאָזן זיך גליטשן? פאַרוואָס זאָל ער זיי נישט לאָזן? וואָס אַרט

דאָס אים, אַז קינדער גליטשן זיך. שאַ. ער שרייט צו זיי אין רומעניש: „נאַ פאַי!" שלמה פאַרשטייט גוט רומעניש — דאָס מיינט „צוריק". אָבע די אינגלאַך זיינען פאַרשייטע, הערן אים נישט און גליטשן זיך ווייטער.

קנאַק. אויסגעשאָסן. ווי דערשראָקענע שעפּעלאַך זיינען די אינגלאַך זיך צעלאָפן. נישטאָ קיין סימן פון זיי. ליגט דאָס אייז און גלאַנצט אַנטקעגן דער זון. פּוסט און ליידיק. אַ שוואַרצער פויגל האָט זיך געלאָזט פליען אויף יענער זייט. קראַ, ק־ר־ר־ר־אַ! — שרייט ער און דרייט זיך אין דער לופטן און האָט גאַרנישט מורא, טאָמער שיסט דער רומענער. דער סאָלדאַט קוקט זיך אויפ׳ן פויגל נישט אום. איז געפלויגן דער פויגל ביז צו יענער זייט, געשטעלט זיך אויף אַ שטיין און קראַ, ק־ר־ר־ר־אַ.

שלמה קוקט אויפ׳ן פויגל. ער איז אים מקנא. אוי, ווען ער האָט פליגל!...

אָבער נישקשה, זאָלן נאָר די באָלשעוויקעס קומען. מען זאָגט, אַז זיי גייען אַהער. זיי זיינען שוין סך־הכל הונדערט וויאָרסט הינטער ראַשקאָוו. איי ווערט זיך דער רומענער דערשרעקן, אַז זיי וועלן אָנקומען. ער וועט שוין פאַרגעסן צו שיסן. אוי, וועט ער לויפן!...

מען זאָגט, אַז די באָלשעוויקעס טראָגן לעדערנע רעקלאַך מיט הויכע שוואַרצע קוטשמעס, און אַז זיי זיינען באַהאָנגען פון קאָפּ ביז די פיס מיט קוילן און באָמבעס. ער וועט אויך זיין אַ באָלשעוויק. נישקשה, זיי וועלן אים אַריינגעמען. ער אַליין וועט צונויפנעמען אַ סך חייל און גיין פון לאַנד צו לאַנד און אָפּשאַפן אַלע גרענעצן אויף דער וועלט — מענטשן זאָלן זיך קענען גיין פריי וואו נאָר זיי ווילן. ער וועט זיין אַ באָלשעוויק אויף אַ פערד. ער וועט אַריינרייטן מיט׳ן פערד גלייך קיין בוקאַרעשט צום קייסער און אַזוי זיך אָנרופן צו אים:

— דו ביסט אַ גרויסער פּאַסקודניאַק און ווער דאַרף דיך גאָר אינגאַנצן האָבן. אַרויס פון דיין פּאַלאַץ. מיין

מאַמע איז אַ נייטאָרין, זי וועט בעסער וואוינען אין דיין פּאַלאַץ, און אויך מיין זיידע, און אויך מיין באָבע און שרה־חיה די אלמנה, וואָס מ׳האָט איר זון דער׳הרג׳עט אויף דער מלחמה, און איצטער פאַרקויפט זי מילך אויף דעם גלאָז. טראָגט זיך אַרום מיט אַזאַ שווערן עמער, אַז ער רייסט איר שיער נישט אוים די הענט און זיי ווערן איבערגע־פרוירן. זי האָט אפילו נישט קיין הענטשקעס. מיין טאַטן האָט מען אויך דער׳הרג׳עט אויף דער מלחמה און דערפאַר וויינט מיין מאַמע ביינאַכט. זי מיינט, אַז איך הער נישט, ווי זי וויינט. איך הער יאָ, נאָר איך מאַך זיך נישט וויסנדיק. ווער דאַרף גאָר איינגאַנצן האָבן מלחמה אויף דער וועלט? דער קייסער הייסט. אַלצדינג דער קייסער. פאַרשפאַרט די גרענעצן, אַוועקגעשלעפּט דעם טאַטן אויף דער מלחמה און רייסט צינזן פון די אָרימע מאַלדאַוואַנעס... אַרויס פון דאַנען, דו גזלן איינער!...

— ש־ל־מה׳לע, אַריין אין שטוב, דו וועסט זיך נאָך חס־וחלילה פאַרקילן! — רופט די באָבע.

יאָ, מען דאַרף טאַקע אַריינגיין אין שטוב אַריין. עס איז שוין קאַלט אין די פיס.

אין הויז איז וואַרים אַ מחיה. די הרובע איינגעהייצט. די באָבע קאָכט אויפּ׳ן פּריפּעטשיק. זי קאָכט אַ באָרשט. ער וועט מסתמא זיין געשמאַק דער באָרשט. נישט אומ־זיסט קיצלט אים דער ריח אין די נאָז־לעכער. ער קאָן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער עסט אַזוי ווי מיט רוחות, זינט ער איז אויפגעשטאַנען פון דער קראַנקייט.

# שלמה גיט סיגנאַלן.

ווײ! ווײ! די באָבע איז שוין אַזוי איינגעבויגן, אָבער נאָך אַזוי רירעוודיק. זי שטייט אויף פריער פאַר אים, לייגט זיך שלאָפן שפּעטער אפילו פון זיידן. קאָכט, באַקט, רוימט און נייט.

עס ווערט שוין טונקל אין שטוב. די ווינטער-טעג זיינען אַזוינע קליינע. ערשט טאָג געוואָרן און שוין — ס׳איז נאַכט. ווערן די שויבן רויט און הויבן אָן צו גליען. די שויבן פון זיין מאַמעס שטיבעלע הויבן אויך אָן צו גליען און צו שיינען. און שלמה׳ן טוט אַזוי ווײ... און עס ציט אים אַהינצו...

באַלד וועט קומען דער הויכער זיידע פון שול. וועט פינצטער ווערן. די באָבע וועט פאַרהענגען די פענצטער מיט׳ן שוואַרצן שאַל. דערנאָך אָנצינדן דאָס לעמפּעלע און ס׳וועט ווידער ווערן אומעטיק... וועט אים ציען און נאָגן זיין האַרץ צו יענער זייט.

אפשר וואָלט ער געפּרוואווט אַביסל אָפּדעקן דאָס פענצ־טער, עס קען מעגלאַך זיין, אַז זיין מאַמע זיצט אויך ביים פינצטערן פענצטער, קוקט אַריבער צום זיידנס שטיבעלע, טאָמער וועט זי זען עפּעס אַ שיין פון דאָרטן.

יאָ, געוויס זיצט זיין מאַמע, וואַרט און האָפט, אַז עס זאָל זיך באַווייזן אַ שיין. און אַז עס וועט זיך באַווייזן, וועט זי אויך אָפּדעקן ס׳פענצטער. וועט ער דערזען דאָס וואוילע פייערל, וועט דאָס הייסן, אַז די מאַמע שיקט אים צוריק אַ גרוס.

אַ נאַרישער בחור, ער, שלמה. פאַרוואָס איז ער פריער

נישט געפאַלן אויף אַט דעם פּלאַן. יאָ. היינט מוז ער דאָס דורכפירן.

דער זיידע איז געקומען פון שול און האָט אַריינגע־בראַכט די נאַכט מיט זיך. האָט די באָבע אָנגעצונדן דאָס לעמפּעלע, פאַרהאָנגען דאָס פענצטערל און זיי האָבן זיך געזעצט עסן וועטשערע. ביים עסן האָט דער זיידע דער־ציילט, אַז אין שול שמועסט מען, אַז די באָלשעוויקעס זיינען שוין גאָר נאָענט.

נאָך וועטשערע האָט זיך שלמה צוגעזעצט לעבן פענצ־טער און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פאַרשאַרט אַביסל דעם שאָל. אוי, ווען זיין מאַמע זאָל זיך אָנשטויסן, וואָס ער טוט. זיין מאַמע איז טאַקע אַ קלוגע: זי האָט זיך אָנגעשטויסן. ווייזט אויס, אַז זי איז אויך געזעסן ביים פענצטער, געוואַרט און געהאָפט, אַז איר קלוגער זון וועט שוין ווישן וואָס צו טאָן.

אַ ווייט פייערל האָט זיך באַוויזן פון יענער זייט. עס האָט געפינקלט, געפינטלט, באַגלייך ווי עס האָט אים גע־רופן: קום, שלמה, אַהיים, איך בענק שוין אַזוי שטאַרק נאָך דיר. אַלע נאַכט זיץ איך ביים פענצטער און וואַרט אויף דיר.

דאָס פייערל פון דער זייט האָט אויך געפינקלט אַהינצו און ס׳האָט אויך איבערגעגעבן שלמה׳ס געדאַנקען: „מאַמע, איך וואָלט אַזוי שטאַרק געוואָלט קומען צו דיר, אָבער ווי קען איך?... כ׳האָב שוין געפּרואווט שווימען צו דיר אין אַ קאַלטער נאַכט, האָב איך זיך אָנגעהויבן טרינקען“.

אפילו קוקן דורכ׳ן פענצטער לאָזן נישט די פאַרשאָל־טענע. ווידער הויבן זיי אָן צו שיסן. שלמה האָט אַראָפּ־געלאָזט דעם שאָל און געבליבן זיצן אַ פאַרצאַרנטער. שפּע־טער האָט ער ווידער פאַרשאַרט דעם פאַרהאַנג און די מאַמע פון דאָרט האָט אים גלייך געענטפערט. איצטער האָט שוין דער רומענער נישט געשאָסן. ווייזט אויס, איינגע־שלאָפן דער סאָלדאַט, באַמערקט ער גאָרנישט.

אזוי איז אַריבער אַ שעה און אַ צווייטע. פייערלאַך ריידן זיך איבער און דערציילן זיך אַזוי פיל זאַכן. אָבער די מאַמע דאָרט ווייסט, אַז שלמה דאַרף שוין גיין שלאָפן. זי וואָלט טאַקע געוואָלט נאָך און נאָך זיצן, אָבער ס׳איז שפּעט אין דער נאַכט. איר זון מוז זיך לייגן שלאָפן, כדי ער זאָל אויסוואַקסן אַ געזונטער בחור. האָט זי אים געזאָגט אויף אַזאַ אופן, וואָס זי האָט אים געוואָלט זאָגן: דריי מאָל צונעמען דעם שאַל און דריי מאָל פאַרהאַנגען. דערנאָכ־דעם איז שוין געוואָרן פינצטער, און מערער האָט זיך דאָס פייערל נישט באַוויזן. האָט שלמה באַלד זיך געכאַפּט, וואָס זיין מאַמע האָט געמיינט, האָט ער זיך אויסגעטאָן, געלייגט אויף זיין געלעגער און איז געווען אַזוי פריילאַך...

## נישט אומזיסט האָט שלמה ליב די באָלשעוויקעס.

אַזוי אַלע נאַכט האָט זיך שלמה שטומערהייט דורכ־גערעדט מיט זיין מאַמען. „אַ גוטן אָוונט", פלעגט ער איר זאָגן, פאַרשאַרנדיק צוויי מאָל דעם שאָל. „אַ גוטן אָוונט — אַ גוט יאָר, מיין זון", האָט די מאַמע געזאָגט און אויך אַזוי געטאָן מיט'ן פאָרהאַנג. פאַר אַ „גוטע נאַכט" האָט ער דריי מאָל פאַרשאַרט דעם שאָל. די רומענער פלעגן שיסן, און די שאָסן האָבן אָפגעהילכט מיט אַזאַ מורא. אָבער שלמה'ן האָט דאָס נישט געאַרט, זיך שוין צוגעוואוינט צו זיי.

ס'איז געווען אַ נאַכט אַזאַ בייזע. וויו־ו־ו און וויו־ו־ו, האָט דער ווינט געברומט, געריסן דעם דאַך און די טיר, און געוואָלט איבערקערן די גאַנצע וועלט.

אַ זאַווערוכע אינדרויסן. אַ גאַנצן טאָג איז געפאַלן אַ שניי און מ'האָט נישט געקענט אַרויסגיין פון שטוב. די באָבע באַקט היינט ברויט, דערפאַר איז אַזוי וואַרים. אַכט לעבלאַך ברויט באַקט זי אָן אַלע מאָנטיק און עס קלעקט פונקט ביז פרייטיק. פרייטיק באַקט זי חלות, ווייסע, ברוינע חלות. לאַטקעס מאַכט זי אויך און לעקאַך גרייט זי אָן.

ער האָט היינט גערעדט מיט'ן זיידן וועגן מלחמה. אָבער דער זיידע ווערט בייז, אַז ער קען נישט ענטפערן אויף אַ פראַגע. שלמה קען נישט פאַרשטיין נאָך וואָס די מענטשן גייען אויף דער מלחמה.

— וואָס הייסט נאָך וואָס? דער קייסער רופט זיי, מוזן זיי גיין.

פאַרשטייט נישט שלמה, וואָס הייסט זיי מוזן, זאָלן זיי נישט וועלן. ער איז דאָך איינער און זיי זיינען אַ סך. ווערט שוין דער זיידע תיכף ברוגז. וואָס מיינט ער „ער איז

איינער"? און וואו זיינען זיינע סאָלדאַטן? די סאָלדאַטן קומען און דערשיסן יעדן איינעם, וואָס וויל נישט גיין אויף מלחמה...

פאַרשטייט נישט שלמה. ווי וואָלט דער קייסער גע־קענט האָבן סאָלדאַטן, ווען יעדער איינער וואָלט זיך אָפּגע־זאָגט צו גיין. דער זיידע אָבער פאַרשטייט שוין יאָ און גיט אים צו דערקלערן נאָך אַלץ בייז. ער רופט אים „גוי'שער קאָפּ" און „כאַמולאַ". וואָס פאַרשטייט ער נישט? דער קייסער האָט אַ סך געלט, דינגט ער אַ סך סאָלדאַטן, און אַחוץ דעם, נישט אַלע ווילן זיך אָפּזאָגן צו גיין, ווייל עס זיינען דאָ אַ סך טרוסן.

זעט שוין שלמה, אַז דער זיידע איז טאַקע אַ קלוגער. וויל ער איצטער וויסן, צי די באָלשעוויקעס וואָלטן אויך געפירט אַ מלחמה, ווי דער קייסער.

אויף דערויף ווייסט דער זיידע אויך וואָס צו ענטפערן. ווייל ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד און די מלחמה איז נאָך דאַן אָנגעגאַנגען זייער אַ שווערע, האָבן זיי געשיקט שליחים אויפ'ן פראָנט און געזאָגט אַזוי צו די סאָלדאַטן:

„גענוג שוין פאַרגאָסן בלוט, גענוג שוין געמוטשעט זיך אומזיסט און אומנישט. גייט אַהיים צו אייערע טאַטעס און מאַמעס און צו אייערע ווייבער און קינדער. מער זאָל שוין קיין מלחמה נישט זיין אויף דער וועלט."

אַזוי האָבן געזאָגט די שליחים, די באָלשעוויקעס, און באַלד איז געוואָרן פריילאַך איבער דער גאַנצער וועלט און די סאָלדאַטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַהיים אַזוינע גליקלאַכע.

האָט שוין שלמה געטראַכט: נישט אומזיסט האַלט ער אַזוי מיט די באָלשעוויקעס. מלחמות שאַפן זיי אָפּ. האַלטן מיט די אָרימע. הלואי וואָלטן זיי פריער געקומען, וואָלט זיין טאַטע נאָך געלעבט.

ס'איז אַ סברא, זאָגט דער זיידע, אַז זיי זיינען שוין

אַט אַטאַ. אָבער אַז עס איז אַזאַ זאַווערוכע אינדרויסן, ווי קענען זיי קומען? זיי וועלן אָבער קומען. און שלמה האָט גאַרנישט געוואוסט, אַז זיי זיינען שוין אַ פּופצן וויאָרסט ווייט פון ראַשקאָוו.

## ס׳קומט אַן אַ רייטער...

צום אַלעם ערשטן, אויף אַ פערד רייטנדיק, האָט זיך געיאָגט אַן אויסשפּירער, אַ הויכער ברייטער מאָלדאַוואַן. אַ ביקס האָט געהאָנגען אויף זיינע פּאַרשנייטע פּלייצעס און דער שפּיץ פון באַשליק האָט געסטאַרטשעט אין דער הויך, אַזוי שטאָלץ און מוטיק. דער ווינט האָט געפּאַטשט מיט שניי און פראָסט און דערפאַר איז זיין פּנים געווען אַזוי רויט און צעטראַסקעט. זיינע לאַנגע וואָנצעס, צוויי שטיקער אייז, שווערע און נאַסע, האָבן איינגעקלעמט דאָס מויל ווי אין אַ שלאָס. האָט ער זיך צוגעבויגן צו זיין פערדל, אים אַ גלעט געטאָן דעם קאָפּ, אַ טאָרקע געטאָן דעם בויך און געזאָגט : פּלי, פּלי, בחור׳עץ מיינער. דאָס פערדל האָט אויך אויסגעבויגן דעם קאָפּ און זיך געריסן אין דער פאַר־שנייטער ווימטער ווייסער וועלט.

די פעלדער זיינען אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען. אַ ווייסע זאַווערוכע, וואָס האָט זיך געדרייט און געוואָיעט, איז באַפאַלן דעם רייטער, אים געשמיסן אין די פּלייצעס, אים געפּאַטשט אין פּנים, אָבער דער שפּיץ פון באַשליק האָט זיך נאָך אַלץ געהויבן אין דער לופטן שטאָלץ און מוטיק, און דאָס פערדל אַן אַן אָטעם מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט געטראָגן דעם באַלשעוויק אין דער פאַרלוירענער וועלט ווייטער און ווייטער.

באַלד איז דער טאָג אויך פאַרלוירן געגאַנגען אינמיטן דער זאַווערוכע, און דער שניי האָט זיך געדרייט און גע־דרייט אָן אַן אָטעם, און ס׳איז אפילו נאַכט נישט געווען, נאָר גלאַט אַזוי אַ פינצטערער מבול פון שניי, וואָס האָט געיאָגט און געשמיסן און געפייפט אין דער ווייסער וועלט.

באַלד איז דער באַלשעוויק אַריינגעפאָרן אין אַ פינצ־טערן טאָל, אַרומגערינגלט מיט ווייסע שפּיציקע בערג. האָבן זיך ווינטן אַראָפּגעלאָזט פון די בערג, זיך געשטעלט אינמיטן טאָל און נישט געלאָזט ווייטער פאָרן דעם באַלשעוויק מיט זיין פערד.

האָט דער מאָלדאַוואַן מיט׳ן שפּיציקן באַשליק זיך ווידער צוגעבויגן, אַ גלעט געטאָן דעם קאָפּ, אַ טאָרקע געטאָן דעם בויך און ווייטער געזאָגט:

„פלי, פלי, אָדלער מיינער"... — האָט דאָס פערדל גע־שפּרונגען איבער דעם ווינט, געשטויסן דעם שניי און זיך געטראָגן און געטראָגן.

אין שטעטל איז קיינער נישט געווען, אַחוץ די זאַווע־רוכע און אַ שפּעטע נאַכט אויף די פּוסטע גאַסן. אַלע הייזער פאַרהאַקט, פאַרשטעלט. האָט ער אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר און פּונקט געטראָפן צו חיה דער אלמנה׳ס שטיבל. יענע איז געלעגן אין בעט, אין דער קאַלטער שטוב, האָט געציטערט און האָט מורא געהאַט. אָבער דער באַלשעוויק האָט געסטוקעט, געריסן די טיר און געבעטן זיך אויף מאָלדאַוואַ־ניש: „לאָזט מיך אַריין, גוטע מענטשן, אויף איין ווײַלינקע.

אָבער אַז חיה איז אַן אלמנה איינע אַליין אין אַ קאַלט הויז, האָט זי געציטערט און זיך נישט גערירט פון אָרט. אָבער פּלוצלינג האָט זי די טיר אַן עפן געטאָן און דער ווינט מיט׳ן שניי האָבן זיך אַריינגעריסן און אַריינגעשטויסן דעם באַלשעוויק.

— איך בין אייך נישט געקומען טאָן קיין שלעכטס, צינדט אָן אַ פייער. — האָט ער זיך אי געבעטן, אי באַפוילן.

שטיל און פינצטער אין שטיבל. קיינער ענטפערט נישט.

ער שפּאַרט אַריין די הענט שווערלאַך אין די הויזן־קעשענעס. די הענט זיינען פאַרפרוירן ווי שטיקער ערד און ער קען מיט זיי קיין ריר נישט טאָן. האָט ער געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט ביז וואַנעט זיי זיינען אַביסל אָפּגע־

גאַנגען און דערביוועט די שוועבעלאַך און אָנגעצונדן.

איין צימער פאַרמאָגט דאָס גאַנצע הויז. אַ טיש, אַ באַנק און אַ גרויס בעט און דאָרט ליגט עפּעס עמעצער איבערגעדעקט איבער'ן קאָפּ מיט אַ קאָלדרע. די ווענט אינווייניק, ווייזט אויס, פריער גערונען, ווען עס איז געווען וואַרים, איצט זיינען די טראָפּנס וואַסער פאַרפרוירן געוואָרן אין קליינטשיקע שנייעלאַך. גלאַנצן זיי פון דער סטעליע און פון דע'ר פּאָדלאָגע ווי קליינע דיאַמאַנטן און ס'טראָגט פון זיי מיט ווייסן פראָסט.

אַ נאַרישער מענטש: דערשראָקן זיך פאַר אים. אָט די, וואָס זיי וואוינען אין אַזוינע שטיבעלאַך, וואו פון די ווענט אינווייניק טראָגט זיך מיט ווייסן פראָסט, וועט ער קיינמאָל קיין שלעכטס נישט טאָן. ער וואָלט נאָר געוואָלט פרעגן וועגן דעם שטעטל, וועגן די רומענער, ווייל מיט פּופּצן וויאָרסט פון דאַנען וואַרטן זיינע חברים אויף אים, ער זאָל זיי ברענגען די בשורה, אַז דער וועג איז פריי, וועלן זיי זיך לאָזן אויך אין דעם שטעטל צו טאָן משפּט מיט די רייכע און גוטס צו די אָרימע.

חיה די אלמנה האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון אונטער דער צעריסענער קאָלדרע, אָנגעקוקט מיט צעשראָקענע אויגן דעם פאַרשנייטן ריז מיט'ן באַשליק און ביסלאַכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. איז זי באַלד אַראָפּגעקראָכן פון בעט, צעלייגט אַ פייער אויפ'ן פּריפּעטשיק און אים אָפּגעזאָדן הייסע מילך. אַזוי שטייענדיק ביים אויוון, האָט זי אים אויסדערציילט פון די רומענער און פון שטעטל און פון איר אייגן ווייסט לעבן, אַז זי מוז זיך נעבאַך שלעפּן מיט אַ שווערן עמער און פאַרקויפן מילך אויפ'ן גלאָז. קיין הענטשקעס האָט זי נאָך אויך נישט, און דעם זון האָט מען דער'הרג'עט אויף דער מלחמה.

דער מאָלדאַוואַן האָט אויסגעטאָן זיין באַשליק, צעשפּיליעט ס'פּעלצל, געשוויגן און אויסגעהערט. נאָכדעם האָט ער אויסגעטרונקען פיר גלעזע'ר הייסע מילך און אָנ־

געהויבן צו שוויצן. איז ער נאָך געזעסן אַ ווייל, געדרויכערט אַ ליולקע און נאָך אַלץ געשוויצט. דערנאָך האָט ער אַרויס־גענומען פון דער בוזעם־קעשענע אַ בייטל, אַנגענומען אַ זשמעניע געלט און אַרויסגעוואָרפן אויפ'ן טיש. באַלד זיך אַ ריס געטאָן אינדרויסן, אַרויף אויפ'ן פערד און געשמיסן צוריקצואָוועגס, דורך ווינט און שניי, צוריק צו זיינע חברים.

גאַנץ פרי איז דער ווינט אַנטשוויגן געוואָרן. הורבעס שניי זיינען געלעגן אויף די גאַסן אַזוינע הויכע, ווי סטערטעס שטרוי, און חייה די אלמנה האָט זיך געטראָגן מיט'ן עמער מילך איבער די הייזער און אומעטום דערציילט מיט אַ פאַר'חידוש'ט פּנים, ווי אַזוי אין דער זאַווערוכע איז אַריינ־געפאַלן צו איהר אין הויז אַריין אַ באַלשעוויק. נישט קיין באַלשעוויק איז דאָס געווען, נאָר אַ מלאך פון גאָט. גאַנצע הונדערט רובל אַ וואָרף געטאָן אויפ'ן טיש בלויז פאַר איין קוואָרט מילך און נעלם געוואָרן אַזוי געשווינט. איצטער וועט זי קויפן וואַלענע הענטשקעס און עס וועט איר מער נישט זיין קאַלט אין די הענט...

דער קלאַנג האָט זיך צעטראָגן איבער'ן גאַנצן שטעטל און די קרעמער האָבן צוגעמאַכט זייערע קראָמען, די בעלי־מלאכות האָבן זיך נישט געוואָלט נעמען צו דער אַרבעט. אַלע גאַסן האָבן אַ גאַנצן טאָג גערייכט זיך און געוואָרט.

שלמ'קען האָט אַ גאַנצן טאָג געקלאַפּט ס'האַרץ. ער איז געלאָפן צום טויער פון שטאָט מיט נאָך אַ סך קינדער, געוואָרט און איבערגעפרוירן געוואָרן, אָבער מ'הערט נישט און מ'זעט נישט.

איז אַריינגעפאָרן אַ פויער אין שטעטל, איז שלמה באַלד צוגעלאָפן צום וואָגן און אַ פרעג געטאָן:

— נישט געזען, פעטערל, די באַלשעוויקעס אויפ'ן וועג?

אָבער דעם פויער איז נישט אָנגעשטאַנען צו ריידן מיט אַזוינע קליינע אינגלאַך, דערפאַר האָט ער אַ שמיץ געטאָן די אָקסן: „היי קסאביי!" און בלויז אַ וואָרטשע געטאָן:

— אַהיים, ממזרים, איר וועט נאָך דערפרווירן ווערן.

מיט די דערוואָקסענע איז אים שוין אָנגעשטאַנען צו ריידן און ער האָט זיי דערציילט, אַז זיינער אַ שכן איז געווען אין מיכאַלאָווקע, נישט ווייט פון קאַדימע, און וואָס דאָרט טוט זיך. ס'זיינען געקומען אַהין ביי אַ פּופּציק רייטער, אָנגעקלונגען אין קלויסטער, צונויפגערופן ס'דאָרף און זיי געזאָגט:

— טרייבט אַרויס אייער פריץ און נעמט ביי אים צו זיינע הייזער, שטאַלן, פערד, אַקערס און פעלדער. אַלע אָרימע פּויערים זאָלן זיך צעטיילן גלייך אויף גלייך מיט'ן פריצ'ס גוטס און מיט זיינע פעלדער, ווייל אויף ערד האָט נאָר דער אַ רעכט, וואָס אַרבעט אויף איר שווער. אייער פריץ האָט קיינמאָל נישט געאַרבעט, טרייבט אים אַרויס.

עס איז נישט געווען וועמען אַרויסצוטרייבן, ווייל יענער האָט שוין פון לאַנג געמאַכט פּליטה מיט זיין ווייב און קינדער. צונויפגענומען זיין גאָלד און צירונג און אַנטלאָפן. אָבער נאַרישע פּויערים, עמעצער האָט אונטערגעלייגט שטרוי אונטער'ן פריצ'ס הויף און אָנגעצונדן. איז געווען אַזאַ פלאַקערדיק פייער און די פּויערים זיינען געלאָפן און געראַטעוועט, וועד וואָס ער האָט נאָר געקענט.

צי זיי וועלן קומען אַהער קיין ראַשקאָוו? אודאי וועלן זיי קומען. אומעטום גייען זיי. אין יעדן דאָרף באַגעגענען זיי די פּויערים מיט ברויט און זאַלץ און הייליקע בילדער. דאָס ברויט און זאַלץ נעמען זיי צו; פון די הייליקע בילדער זיינען זיי נישט צופרידן.

אפשר וועלן זיי קומען ביינאַכט, ווייל ער, שלמה, נישט איינשלאָפן. ער וועט וואַרטן אויף זיי ביז שפּעט. מיט דער מאַמען האָט ער זיך דורכגערעדט דורכ'ן לעמפּעלע, פינף מאָל האָט ער פאַרשאַרט דעם פאָרהאַנג. זאָל זי כאָטש זיך דאָס אָנשטויסן, אַז דאָס האָט ער געוואָלט אָנזאָגן אַ בשורה, אַז די באָלשעוויקעס קומען. מסתמא האָט זי פאַר־שטאַנען. קיינמאָל האָט ער נאָך נישט געגעבן קיין פינף

סיגנאַלן; און אויב ער האָט היינט אַזוי געטאָן, וועט זי שוין וויסן.

ער האָט אפילו זיך נישט אויסגעטאָן די קליידער. געלעגן און זיך צוגעהערט צום אינדרויסן. מען זאָגט, אַז זיי קומען אַריין ערגעץ אין אַ שטאָט, זינגען זיי לידער. וועט ער דערהערן די לידער, וועט שוין זיין אַ סימן. מען זאָגט, אַז די באָלשעוויקעס נעמען די קליינע אינגלאַך אויך אין דער אַרמיי. ער וועט אויך ווערן אַ באָלשעוויק. לאָז ער זיך פריער זען מיט זיין מאַמען — אפשר וועט זי אויך וועלן מיטגיין. זיי נעמען צו פרויען אויך. זי וועט נייען וועש פאַר די סאָלדאַטן און מען וועט אַלע גיין איבער דער וועלט טאָן גוטס מיט אַלע אָרימע, אָפּשאַפן גרענעצן. אָפּשאַפן מלחמה.

אָבער אַזאַ וואונדערלאַכע זאַך זעט ער. ער זעט, ווי דער באַרג איז געוואָרן אַזוי הויך און אויפ׳ן שפּיץ באַרג שטייט אַ רומענער שוין אָן אַ ביקס, אַזאַ גוטער און האַרציקער. ער שרייט אַראָפּ פון דאָרטן:

— העי, קינדער, קומט זיך גליטשן אויפ׳ן טייך! מיר וועלן אייך ניט טשעפּען! איך בין אויך אַ באָלשעוויק, אַ רומענישער באָלשעוויק! ביי אונז אין לאַנד זיינען אויך דאָ אַ סך אָרימע. ביי אונז אין לאַנד איז אויך געווען אַ גרויסע מלחמה. די סאָלדאַטן מיט די ביקסן האָב איך אוועקגעטריבן, זיי זיינען נישט געווען שולדיק. מען האָט זיי געהייסן גיין, זיינען זיי געגאַנגען. באַזונדערס וויל איך זאָגן שלמה׳ן, אַז ער זאָל וואָס־גיכער לויפן אַהיים, ווייל זיין מאַמע וואַרט אויף אים. זי קוקט שוין אַרויס די אויגן אויף אים. גיכער, גיכער. — ער לויפט און דער גאַנצער ברעג זינגט אַ מאָדנע ליד, קיינמאָל נאָך נישט געהערט.

— יאָ, זיי זיינען שוין דאָ, — האָט אים דער זיידע אַ וועק געטאָן, — דו הערסט?

יאָ, ער הערט. וואָס זיי זינגען, קען ער נישט כאַפּן, אָבער ער איז דאָך איינגעשלאָפן און זיך נישט דערוואַרט.

דער זיידע האָט אים דערציילט, אַז זיי זיינען געקומען פאַרטאָג, איצטער דרייען זיי זיך אום איבער׳ן שטעטל, זינגען לידער און זוכן זיך דירות. אין יעדן הויז וועט מען אַריינשטעלן אַ באַלשעוויק. מסתמא וועט מען ביי זיי אין הויז אויך באַלד עמעצן אַריינשטעלן.

נישט מיט קיין לעדערנע רעקלאַך און שווערע קוטשמעס זיינען זיי געקומען. נישט אַלע זיינען געווען הויכע און ברייטע. ביקסן טראָגן זיי טאַקע און באַמבעס אויך. פּנים׳ער האָבן זיי גוטע און פריינטלאַכע, אָבער אַליין זיינען זיי, ווייזט אויס, גוט אָרים, ווייל זייערע קליידער זיינען צעריסן, קוקן גאָרנישט אויס ווי סאָלדאַטן, נאָר ווי שקצים מיט ביקסן.

ער, שלמה, מוז גיין צום קאָמאַנדיר און מיט אים זיך דורכשמועסן וועגן די גרענעצן; דעם זיידן וועט ער אודאי נישט זאָגן, אַז ער גייט. יענער וועט געווים בייז זיין.

אין דער שענסטער דירה פון שטעטל האָבן זיך אַלע עלטסטע אָפּגעשטעלט. עפּעס אַ הויכער סאָלדאַט דרייט זיך אין קאָרידאָר און פרעגט אים וואָס ער דאַרף. שלמה האָט אפילו נישט מורא און ער ענטפערט:

— איך דאַרף זען דעם קאָמאַנדיר.

צעלאַכט זיך דער סאָלדאַט און שלמה׳ן פאַרדריסט וואָס מען לאַכט פון אים, גיט ער אַזוי אַ מאַך:

— וואָס לאַכסטו, מען זאָגט דיר, אַז איך דאַרף זען דעם קאָמאַנדיר.

— נו, בין איך דער קאָמאַנדיר. דערצייל מיר וואָס דו ווילסט.

— אַזוי, דו ביסט עס דער קאָמאַנדיר? — ווערט שלמה רויט און פאַרשעמט זיך. —„אַזאַ פּשוט׳ער סאָלדאַט גאָר אַ קאָמאַנדיר?“ — קלערט ער ביי זיך. אָבער יענער לאַכט שוין נישט פון אים. קוקט אויף אים מיט גוטע בלויע אויגן, נעמט אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים. אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואו אויף דער קאַנאַפּע איז געלעגן

אַ מיידל און געדרימלט. יענער האָט אים געהייסן זיך זעצן, ער דאַרף נאָך עפּעס דאָרט באַזאָרגן.

דער באָלשעוויק מיט די בלויע אויגן איז אַרויס און שלמה איז געבליבן זיצן ביים טיש, און דאָס האַרץ האָט אַזוי גיך געקלאַפּט. אויפ׳ן טיש איז געלעגן אַ רעוואָלווער, אַ שוואַרצער און אַ שווערער. האָט שלמה מורא געהאַט אפילו צו קוקן אויף אים. אָבער אויף דעם שלאָפנדיקן מיידל האָט ער יאָ געקוקט.

זי איז מיד, אונטערגעלייגט אירע הענט אונטער די באַקן און שלאָפט. מסתמא דעם קאָמאַנדיר׳ס אַ טאָכטער. כמעט די גאַנצע קאָלדרע ליגט אויף דר׳ערד און זי איז אָפּגעדעקט. עס מוז איר מסתמא זיין קאַלט. אָבער וואָס וועט ער זאָגן דעם עלטסטן באָלשעוויק. ער האָט שוין פאַרגעסן די גאַנצע רעדע, וואָס ער האָט פריער אויפגעמאַכט ביי זיך אין קאָפּ. אָט גייט ער. די פּאָדלאָגע האָט געציטערט פון זיינע שווערע טריט. ווייזט אויס אַ גיבור. ער איז אַריין, אונטערגעהויבן די קאָלדרע און צוגעדעקט דאָס מיידל. און דערפאַר וואָס ער האָט אַזוי געטאָן, איז ער שלמה׳ן שטאַרק געפעלן געוואָרן און אים איז גרינגער געוואָרן אויפ׳ן האַרצן. ווען דער קאָמאַנדיר האָט צוגערוקט אַ בענקל, זיך געזעצט ביים טיש און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט זיינע גוטע ליכטיקע אויגן, האָט זיך שלמה געפילט אַזוי וואויל, ווי מיט זיין מאַמען, און ער איז גלייך צוגעטראָטן צום ענין:

ער וויל פון קאָמאַנדיר איין זאַך. אַזוי ווי ער האָט געהערט זאָגן, אַז די באָלשעוויקעס נעמען זיך אָן פאַר יעדן איינעם, וועמען מען האָט געטאָן שלעכטס, וויל ער מען זאָל זיך פאַר אים אויך אָננעמען. די רומענער האָבן אים געטאָן אַ גרויסע עולה, פאַרשלאָסן די גרענעץ, און ער קען שוין איצט נישט זיין מיט זיין מאַמען, וויל זי איז געבליבן אויף יענער זייט. זאָלן זיי טאַקע באַלד אָפּשאַפן די גרענעץ

און פאַרטרייבן די רומענער, וועט ער זיך קענען זען מיט זיין מאַמען.

דער עלטסטער האָט אַ שמייכל געטאָן, אָבער זיך נישט צעלאַכט, אים אָנגענומען ביי דער שפּיץ מאָרדע, אַריינגע־קוקט שלמה׳ן אין די אויגן און געזאָגט:

— זייער גוט. מיר וועלן שוין זען אָפּשאַפן די גרענעץ, אָבער גיב אונז אַ פּאָר טעג צייט, לאָמיר זיך פריער אויס־רוען. דערווייל פאַרבלייב טאַקע מיט אונז אויף אָנבייסן. אָט וועט באַלד מיין ווייב אויפשטיין.

זע׳ נאָר, ס׳איז גאָר זיין ווייב; און ער האָט געמיינט, אַז זי איז זיין טאָכטער. זיין ווייב איז שוין פון לאַנג געוועזן וואָך, פון זינט זיי האָבן אָנגעהויבן דעם געשפּרעך. זי האָט זיך געוואָלט צעלאַכן, אָבער איינגעהאַלטן זיך, מורא געהאַט, אַז זי וועט פאַרשעמען דאָס אינגל.

— זייט באַקאַנט, — האָט דער קאָמאַנדיר זיך אָנגע־רופן, — דאָס איז מיין ווייב מאַניע, און ווי רופט מען דיך?

— שלמה.

— יאָ, שלמה, איך האָב אים פאַרבעטן צו אונז אויף אָנבייסן.

מאַניע איז אַראָפּ פון בעט, אַ שפּרונג געטאָן צו שלמה׳ן און אַריינגעכאַפּט זיין קאָפּ אין אירע הענט און זיך איינ־געקוקט אין זיין פּנים, איז זי אַזש איבערראַשט געוואָרן. אַזוינע שוואַרצע אויגן. שעמען זיך נישט און קוקן גלייך אויף איר. זי האָט זיך מיט אים אַביסל אַרומגעשפּילט און צום סוף געזאָגט:

— יאָ, יאָ, שלמה, בלייב מיט אונז אויף אָנבייסן.

ער איז געווען אַזוי פול מיט פרייד, אַז ער האָט אַזש דעם אָטעם נישט געקענט כאַפּן. ער האָט געוואָלט וואָס־גיכער אַרויס אין גאַס, אָבער ער האָט זיך געשעמט זאָגן, אַז ער איז נישט הונגעריק און וויל גאָר אינגאַנצן נישט עסן. באַלד איז מאַניע אַרויסגעגאַנגען זיך וואַשן, און איר מאַן — אויפשטעלן דעם סאַמאָוואַר. האָט שלמה אַ קוק

געטאָן, אַז ער איז איינער אַליין אין צימער, וואָס זשע וועט ער דאָ לאַנג טראַכטן? אַרויסגערוקט זיך פּאַוואָליע און אַנטלאָפן אַזוי גיך, באַגלייך ווי טויזנטער סאָלדאַטן וואָלטן זיך נאָך אים געיאָגט.

* * *

קומענדיק צום הויז, האָט ער דערזען, אַז אַ פערד שטייט צוגעבונדן צום פּלויט. איז ער צוגעגאַנגען צו דעם און געוואָלט דאָס אַ גלעט טאָן, האָט אָבער דאָס פערד אויפגעהויבן דעם האַלז אַזוי שטאָלץ, צענומען די נאַזלעכער און בשום אופן זיך נישט געלאָזט אַ גלעט טאָן.

— קוק דאָס נאַר אָן, ווי ס'בלאָזט פון זיך! — האָט שלמה אַ טראַכט געטאָן. אין הויז האָט ער געטראָפן אַ הויכן שייגעץ. אָן אַ היטל מיט אַ צעכראַסטעטע לייבל זיצט ער ביים טיש, טרינקט טיי פון אַ שאָל, ס'פּנים שוויצט ביי אים אויף סכנות, אָבער יענער שעמט זיך, ווייזט אויס, אָפּווישן דעם שוויים פון פּנים.

די באָבע האָט אַריינגערופן איר אייניקל אין קיך אַריין און אים דערציילט, אַז דאָס איז דער באַלשעוויק, וואָס וועט איינשטיין ביי זיי אין הויז. אַ שטילער שייגעץ, אַ מאָלדאַוואַן, פאַרשטייט נישט קיין וואָרט רוסיש. אָבער זאָל ער זיין פאָרזיכטיק מיט אים, ווייל יענער האָט אַ ביקס. זי שטייט טאַקע אין ווינקל.

וואָס מיר פאָרזיכטיק, און אַז ער האָט אַ ביקס. שלמה'ן האָט לאַנג נישט גענומען זיך צו באַקענען מיט'ן סאָלדאַט. אַ מאָדנער באַלשעוויק איז ער געווען. פאַר דעם זיידן און דער באָבען האָט ער זיך געשעמט, נישט געוואוסט וואו אַהינצוטאָן די הענט, ווען זיי האָבן גערעדט צו אים. אָבער מיט שלמה'ן איז ער גיך געוואָרן אַזוי היימיש, אַקוראַט ווי ער וואָלט אים געקענט פון יאָרן און יאָרן. ווען שלמה האָט אים דערציילט, אַז ער האָט גערעדט מיט'ן קאָמאַנדיר, האָט זיך סטעפּאַן גאָרנישט געקענט גלייבן. אַזאַ צוציק וועט ריידן מיט'ן עלטסטן, און יענער איז אַ בראַווער, זיין ווייב

אַזאַ גוטע. אויפ'ן וועג האָט ער זיך אָפּגעפּרווירן צוויי פינגער פון אַ פּוס, האָט די קאָמאַנדירשע אַליין אים געמאַכט באַנדאַזשן, צוגעלייגט גענזן-שמאַלץ צו די פינגער און איצטער פילט ער זיך שוין גוט. דער קאָמאַנדיר הייסט איוואַנאָוו און איז פון טיף רוסלאַנד, פאַרשטייט נישט קיין וואָרט מאָלדאַוואַניש, נאָר פונדעסטוועגן גייט ער איצטער מיט זיי אויפ'ן רומענער. און סטעפּאַן קומט פון אַ דאָרף אין בעסאַראַביע. דאָס דאָרף הייסט וואקאלעשטי. שוין פיר יאָר נישט געזען דאָס דאָרף, טאַטע-מאַמע, די שוועסטער און דאָס ביקל. דאָס ביקל מוז שוין איצט זיין גרויס, אַן אָקס, און פירט שוין מסתמא דעם אַקער. נישט מער ווי דריי מאָרג ערד פאַרמאָגן זיי. איז אַנדערהאַלבן מאָרג געפינען זיך אויף אַ שטיינערדיקן באַרג און מען קען גאָרנישט טאָן מיט דער ערד, ווייל דער אַקער קען זי נישט אויפרייסן. מען וואָלט געקענט פאַרפלאַנצן וויינטרויבן, דאַרף מען אַ סך געלט דערצו, גאַנצע הונדערט קאַרבן. איז טאַקע נישט גוט. דער פּריץ פון זייער דאָרף פאַרמאָגט צוויי טויזנט דעסיאַטין און שטאַלן, און אַ גרויסן פּאַלאַץ, און אַ גאָרטן, און וואָס נישט... דער פּריץ זאָגט, אַז דער טייך איז אויך זיינער. איז דערפאַר האָט ער אים, סטעפּאַנען, שיר נישט דערשאָסן, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין אינגל און געגאַנגען כאַפּן פיש. פאַרשטייסטו? וואַסער איז, דאַכט זיך, ווי דער הימל: דער הימל איז פריי, אַזוי דאָס אויך. אָבער איצטער וועט ער אים שוין ווייזן. מיר וועלן באַלד איבערגיין דעם דניעסטער און זיך אַ לאָז טאָן איבער'ן לאַנד. האָסט געזען דאָס פערד מיינס וואָס שטייט אינדרויסן? אפשר צען טויזנט מייל האָט דאָס מיך שוין געטראָגן. געווען מיט מיר אויפ'ן פראָנט. און נאָכדעם, אַז די באַלשעוויקעס האָבן אָפּגעשאַפט די מלחמה, בין איך אַוועק צו זיי. מיט אָט דעם פערד וועל איך אָנקומען אין מיין דאָרף.

וואַסקאַ הייסט דאָס פערדל. יעדער איינער וועט מיך מקנא זיין. אפילו דער פּריץ האָט נישט אַזאַ פערד. לאָז ער

אומישנע מיט אים אַרויסגיין אינדרויסן און כאַפּן אַ קוק אויפ'ן פערד.

— דו זעסט? ווילסט זיך זעצן, האָב קיין מורא נישט, זעץ זיך. אָהאָ, וואַסקאַ, נישט געשטיפּט. דו זעסט, ער טשעפּעט נישט...

איצטער איז שלמה'ן זייער גוט. ער וואַרט נאָר, אַז ס'זאָל שוין ווערן פינצטער, וועט ער קענען זיך דורכריידן מיט זיין מאַמען. ער וועט איר אָנזאָגן אַ בשורה, אַז אינ־גיכן וועלן זיי זיך שוין זען. אַז די באָלשעוויקעס זיינען שוין דאָ, ווייסט זי שוין מסתמא, ווייל אויפ'ן באַרג ליגן צעלייגט אַ סך רומענער. ער האָט געזען, ווי פערד האָבן געבראַכט צו שלעפּן גרויסע האַרמאַטן און זייערע פּיסקעס זיינען גלייך אָנגעשטעלט אויף ראַשקאָוו. די באָלשעוויקעס אָבער אַרט דאָס נישט, זיי דרייען זיך אַרום פריילאַכע איבער די גאַסן, דרייען זיך אַרום איבער'ן ברעג, קוקן אויס און גרייטן זיך גאָרנישט. זיי וועלן זיך פריער אויסרוען און דערנאָכדעם וועלן זיי זיך אַ נעם טאָן צו זיי.

דער טאָג איז פאַרגאַנגען פאַר שלמה'ן אַ פריילאַכער און לעבעדיקער. אָבער די נאַכט, וואָס איז אָנגעקומען אַזאַ פינצטערע, האָט שוין שלמה'ן קיין פרייד נישט פאַרשאַפט.

וואָס האָט ער געקענט וויסן? געמיינט, אַז אויך היינ־טיקע נאַכט וועט ער זיך לאַנג דורכריידן מיט זיין מאַמען. ער וועט איר דערציילן ווי ס'איז גוט, און אַז ס'וועט שוין לאַנג נישט נעמען און זיי וועלן זיך שוין זען. ער האָט איר אַזוי פיל צו דערציילן וועגן קאָמאַנדיר און וועגן סטעפּאַנען.

סטעפּאַן שלאָפט איצט אויף דער ערד, אויף שטרוי. שלאָפט געשמאַק און ס'קוועטשט אים גאָרנישט. דאָס פערד איז אַזאַ שיינס, אַ הויכס און אַ גרויס. ווען עס דער־זעט אַ פרעמדן מענטשן, ציט עס אויס דעם האַלז אַזוי שטאָלץ, צענעמט די נאָזלעכער און בלאָזט זיך, באַגלייך ווי עס וואָלט געווען דעם רבינ'ס אַן אייניקל (ביי זיי אין וואָד־ראַשקאָוו איז געווען אַן אַלטער רבי, האָט יענער געהאַט

אַ סך אייניקלאַך, האָבן זיי זיך אויך אַזוי געבלאָזן). אָבער צו סטעפּאַנען איז דאָס פּערד גוט. עס לעקט אים די האַנט. ער וועט זאָגן: „מאַמע, דו ביסט איצטער אַזוי ווייט פון מיר און אפשר מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן, וועלן מיר ווערן אַזוי נאָענט.“

מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן, וואָס האָט ער געקענט ווייסן, וואָס אויף יענער זייט טוט זיך. ער האָט צענומען דעם פאַרהאַנג, פאַרדעקט און ווידער פאַרשאַרט. קיינער ענטפערט נישט פון יענער זייט. שטום און פינצטער.

אפשר שלאָפט זי? און אפשר איז זי קראַנק חס וחלילה. זיידע! באָבע!

— וואָס איז, שלמה?

שלמה וויינט.

— וואָס איז דיר, קינד?

דאָס אייניקל קען נישט דערציילן איבער די טרערן, וואָס וואַרגן אים...

# חיים אַנטלויפֿט צו די באָלשעוויקעס.

דאָרטן, אויף יענער זייט, אין וואָד-ראַשקאָוו, האָט מען זיך אויך געריכט אויף די באָלשעוויקעס. פֿון וואַנעט זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי דאַרפֿן אָנקומען, איז טאַקע אַ וואונדער. קיינער איז נישט אַריבערגעגאַנגען אויף יענער זייט. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס די רומענער זיינען געוואָרן נאָך בייזער, זיך געטשעפּעט צו די אידן, געשלאָגן אָן אַ פֿאַרוואָס. לעצטנס האָט דער קאָמענדאַנט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, אַז נאָך זעקס אַזייגער זאָל זיך קיינער נישט באַווייזן אין גאַס. ווער עס וועט נישט אויספֿאָלגן, וועט דערשאָסן ווערן אויפֿ'ן אָרט. קיין שיין זאָל זיך נישט באַווייזן אין די פֿענצטער. ביינאַכט פֿלעגט דער קאָמאַנדיר שיכור'ן און הוליען נאָך מערער ווי פֿריער. ער האָט איינמאָל צונויפֿגענומען די קלעזמער, זיי געפֿירט פֿון שטוב צו שטוב, זיך געשטעלט אונטער די פֿענצטער און געהייסן דעם פּויקער שטאַרקער קלאַפּן אין די טאַצן, און דער טרובאַטש זאָל בלאָזן מיט אַלע כּוחות; און קיינער האָט שוין דערפֿאַר נישט געקענט שלאָפֿן.

אָבער נישט חיים דער לערער וואַרפֿט זיך אונטער דעם קאָמענדאַנט'ס באַפֿעלן. יענער האָט פֿאַרבאָטן אַרומצוגיין שפּעטער פֿון זעקס, און חיים שפּאַנט זיך אַרום אין די גאַסן נאָך צוועלף. ער האָט פֿאַר קיינעם נישט קיין מורא. לאָ די וואָס מען טשעפּעט אים נישט, פֿאַרגלוסט זיך אים נאָך אויספֿייפֿן דעם „אינטערנאַציאָנאַל“. באַווייזט זיך פֿון ווייטן אַ פּאַטרול מיט אַ ביקס און שרייט אוים אין דער פֿינצטער:

— ווער איז דאָרטן? פֿאַראָל!

חיים מאַכט זיך נישט הערנדיק, פֿייפֿט נאָך שטאַרקער

און גייט זיך וואוהין ער דאַרף.

— ווער איז דאָרטן? — ווערט שוין דער רומענער אין כּעס.

— נישט דיין געשעפט, — ענטפערט אים חיים דווקא אויף אידיש.

— שטיי, אַז נישט שיס איך, — סטראַשעט דער רומע־נער אַזוי מורא'דיק. חיים איז שוין אָבער נישטאָ. ער האָט אַ פּאָר לאַנגע דאַרע פיס און היידאַ אַריבער אַ פּלויט.

וואָס דאַרף חיים אַרומגיין ביינאַכט? אַביסל גלאַט אַזוי זיך צוליב עקשנות. ער האָט טאַקע נויטיקע מיטינגען מיט די געזעלן, בעל־מלאכות און מיט די אַרבעטער־מיידלאַך, אָבער דאָך וואָלט ער זיך געקאָנט אויסהיטן ווען ער וויל. נאָך העט פריער האָט ער געגרינדעט אַן אַרבעטער־קלוב. דער רומענער האָט אים אָפּגעשאָפּט. פייפט חיים אויפ'ן רומענער און ער נעמט זיי צוניף שטילערהייט צו גיטל דער בעקערין אין דער גרויסער קיך. גיטל איז טויבלאַך, ליגט אויפ'ן אויוון און דרימלט. די גרויסע קאַץ ליגט אויך לעבן איר באַלעבאָסטע און דרימלט אויך. די מיידלאַך און אינגלאַך זיצן צעזעצט אויף די בענק און חיים לע'רנט זיי שרייבן און לייענען. לייענט זיי פּאָר פאַרשידענע ביכלאַך, וואו עס דערציילט זיך, ווער דער אַרבעטער־קלאַס איז, און ווי אַזוי זיי דאַרפן זיין שטאַלץ און מוטיק, און ווי אַזוי זיי דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר קיין שום זאַך און זיך שטעלן אַנטקעגן די אַלע, וואָס באַליידיקן.

די גאַנצע שטאָט רופט חיים'ען „דער צעדרייטער לערער", אָבער אַלע אַרבעטער־מיידלאַך און בחורים האָבן אים שטאַרק ליב און שלינגען יעדעס וואָרט זיינס וואָס ער זאָגט. לעצטנס האָט זיי חיים אָנגעהויבן צו דע'רציילן וועגן די באַלשעוויקעס: ווער זיי זיינען און וואָס אַזוינס זיי ווילן. ער האָט זיי אויך דערציילט, אַז זיי זיינען שוין נאָענט אָט־אָ און דערפאַר דאַרף מען זיך גרייטן זיי אויפנעמען מיט פּאַראַד. ראשית כּל דאַרף מען אויסנייען אַ גרויסע

רויטע פאָן און אויסהעפּטן אויף איר מיט גאָלדענע אותיות:
„לעבן זאָלן די באָלשעוויקעס און לעבן זאָלן די ארבעטער פון דער גאַנצער וועלט". צווייטנס, דאַרף מען זיך אויס־לערנען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אַז זיי וועלן אָנקומען אין שטאָט, וועלן זיי אַרויסגיין אַנטקעגן זיי. חיים וועט טראָגן די פאָן און אַלע וועלן אים נאָכגיין און זינגען לידער.

די לעצטע עטלאַכע נעכט אַרבעט מען זייער שטאַרק איבער דער פאָן. אַ גרויס רויט שטיק זייד איז שוין דאָ, און די מיידלאַך העפטן אויס די אותיות מיט גאָלד. דער לערער האָט שוין אָנגעצייכנט מיט בליישטיפט אַ סערפּ מיט אַ האַמער. אָבער ער איילט זיי אונטער, זיי קענען נאָך נישט דעם „אינטערנאַציאָנאַל". גיבן זיי זיך טאַקע אַ נעם אַזוי פריילאַך צו דער אַרבעט. זיי זינגען דעם „אינטערנאַ־ציאָנאַל" איבער שעה'ן נאָכאַנאַנד.

אָבער פונדעסטוועגן, אַז מען גייט שפּעט ביינאַכט אין דער גאַס, דאַרף מען זיך היטן. נישט שטענדיק געלינגט זיך אַרויסצודרייען. איינמאָל האָבן זיך צוויי סאָלדאַטן געיאָגט נאָך חיים'ען און ער מיט די לאַנגע פיס איז געשפּרונגען איבער פּלויטן און איבער דעכער. זיי האָבן געשאָסן אויף אים און נישט געטראָפן. און חיים האָט זיי טאַקע אָנגע־פייפט: אַריין אין שטאַל, געטראָפן דאָרטן אַ פערד שטיין איבער דער קאָרעטע און מעלה־גרה'ן, האָט ער זיך פאַר־רוקט אין שטרוי. זיי האָבן אים געזוכט אומעטום, אָבער זיינען אין שטאַל נישט אַריין. וואָלטן זיי צוגעקומען צום שטאַל, וואָלט זיך חיים אויך נישט אונטערגעגעבן. ער האָט שוין באַמערקט, אַז דער דאַך איז אָפן, וואָלט ער אַרויפגע־שפּרונגען אויפ'ן דאַך און פון דאָרט אין אַ גאָרטן, און גייט זוכט אים.

יענעם טאָג אָבער, ווען די באָלשעוויקעס זיינען אַריינ־געקומען אין ראַשקאָוו, איז אין וואַד־ראַשקאָוו געוואָרן אַן איבערקערעניש. רומעניש חייל האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג דורכ'ן שטעטל. פיסגייער, רייטער,

וועגענער, פעלד־קיכן, הארמאטן, פורן מיט שטרוי און מיט ברויט.

א גאנצע נאכט האט מען געשאסן איבער׳ן גאנצן ברעג און פארטאג איז חיים׳ס מאמע, באשע, ארומגעלאפן איבער די גאסן, געבראכן די הענט און געקלאגט:

— אוי־ווי, א בראך איז צו איר געשען. מען האט איר חיים׳לען צוגענומען ביינאכט. מען איז געקומען און אנגעקלאפט אין דער טיר. ער האט געוואלט ארויסשפרינגען דורכ׳ן פענצטער, אבער דארטן איז שוין א רומענער גע־שטאנען אנגעגרייט מיט א ביקס.

חיים׳ס מאמע האט געקלאגט און געבראכן די הענט, אבער נאך אסתר׳ן האט קיינער נישט געקלאגט. די שכנות האבן דערציילט, ווי אין אוונט זיינען א סך סאלדאטן צוגעקו־מען צו איר הויז און אנגעהויבן קלאפן אין טיר. ווען זי האט געעפנט, זיינען זיי אלע אריין, געבייזערט זיך אויף איר, געקלאפט אין טיש. נאכדעם האט זיך די טיר ווידער געעפנט און זיי האבן אסתר׳ן ארויסגעשלעפט. זי האט זיך נישט געלאזט און געשריגן: „ג־וו־א־ל־ד!“, אבער מען האט זי אוועקגעפירט און עס איז באלד ווייטער געווארן שטיל. איצט שטייט איר שטיבל א ליידיקס. א גאנצע נאכט איז די טיר געשטאנען אפן. א גליק, וואס לאה משה־חיים׳ס האט דערזען און האט גאנץ פרי די טיר פארמאכט.

נישט נאר חיים׳ען, נאר א סך אינגלאך און מיידלאך, וואס פלעגן זיך צונויפזאמלען ביי גיטל דער בעקערין אין קיך, האט מען יענע נאכט ארעסטירט. גיטל די בעקערין האט מען אפילו אויך פארשפארט, אבער מ׳האט זי באלד באפרייט. זיי האבן געזען, אז זי איז טויב ווי די וואנט.

זיינען די מאמעס מיט טאטעס געגאנגען מיט געוויין צום קאמענדאנט, אים בעטן. געפאלן צו די פיס, געקושט זיינע שטיוול, ער זאל צוריק אומקערן די קינדער. אבער ער האט זיך אויסגעלאכט פון זיי:

— אייערע קינדער ווילט איר? זיי זיינען שוין העט־

העט. מען פירט זיי איצט געקאָוועט אין קייטן קיין בעלץ. אין בעלץ איז דאָ אַ גרויסע טורמע. דאָרטן וועלן זיי זיצן, די בונטאָווסטשיקעס. באָלשעוויקעס האָט זיך זיי פאַר־גלוסט. אפשר ווילט זיך אייך אויך באָלשעוויקעס?

וואָס האָבן די טאַטעס און מאַמעס געקאָנט מאַכן מיט אים, אַז יענער איז אַ גזלן און אַ רוצח.

ביינאַכט, ווען באַשע איז געלעגן אין בעט אין גרויס אַנגסט, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר, אַזאַ היימישער.

— ווער איז דאָרטן?

— שאַ, שאַ, איך, מאַמע.

זי האָט אים געעפנט שטיל די טיר, און חיים איז אַריינ־געהונקען.

— וואָס איז דיר, קינד, און ווי אַזוי ביסטו געקומען אַהער?

— גאָרנישט, מאַמע, אַנטלאָפן, האָט מען אויף מיר געשאָסן און געטראָפן אין פוס. לייג עפּעס צו צום פוס.

די אַלטע באַשע האָט באַלד אויפגעקאָכט הייס וואַסער און אויסגעוואַשן דעם פוס. ס׳איז גאָרנישט, אַ קליינע וואונד, אָבער דאָס האַרץ האָט איר אַזוי פאַרקלעמט... ווײ, ווײ! וויפיל בלוט ס׳איז אָפּגעגאַנגען. די הויזן, דער שוך זיינען איינגעווייקט אין בלוט.

חיים אָבער קען נישט ליידן, אַז מען האָט אויף אים רחמנות. ער האָט זיך איבערגעטאָן אַ פּאָר אַנדערע הויזן, אַנדערע שיך. אויסגעטרונקען אַ פּאָר זיסע גלעזער טיי מיט ברויט — זיין באַליבט מאכל. דערנאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין.

— וואוהין גייסטו, קינד? מיט אַזאַ קראַנקן פוס און אַזוי שפּעט אין דער נאַכט? אין דרויסן איז דאָך אַזאַ סכנה אַרויסצוגיין!

— איך דאַרף גיין אויף יענער זייט.

— ס׳טייטש, ווי אַזוי? דער ברעג איז דאָך באַוואַכט

מיט טויזנטער רומענער.

— איך דאַרף גיין, און שוין.

האָט די מאַמע געוויינט און געבעטן זיך און ס'האָט נישט געהאָלפן. ער האָט זיך אַרויסגעשלייכט שטיל אין דער נאַכט, אונטערגעהונקען אַביסל און געשאַרט זיך האַרט לעבן די ווענט. געקומען צום טייך, האָט ער אָנגעהויבן צו קריכן אויף אַלע פיר. ניט ווייט זייַנען רומענער געזעסן און זיך געוואַרימט לעבן אַ גרויס פייער. חיים, אַן אויסגעצויגענער, האָט זיך געגליטשט איבער'ן אייז און אַז ער איז געווען שוין ניט ווייט פון דער באַלשעוויסטישער זייט האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן און גענומען הינקענדיק לויפן. ס'איז געוואָרן אַ טרעוואָגע אויפ'ן ברעג. מען האָט אָנגעהויבן נאָכצושיסן, אָבער חיים האָט שוין ניט געסטאַיעט.

# ווי אזוי חיים איז אַנטלאָפן.

אויפ׳ן צווייטן טאָג האָט זיך שלמה דעררוואוסט, אַז צוזאַמען מיט אַנדערע האָט מען אויך זיין מאַמען אַרעסטירט און אַלע אָפּגעשיקט, געשמידטע אין קייטן, קיין בעלץ.

דער לערער האָט אַלצדינג דערציילט. חיים איז זיך געלעגן, ווי אַ פּריץ, אין אַ ווייס בעט ביים קאָמאַנדיר אין הויז, מיט אַ געשוואָלענעם פוס, און מאַניע האָט אַרום אים אַרומגעטאַנצט, ווי אַרום אַ בן־יחיד. חיימ׳ען האָט טאַקע פאַרדראָסן, וואָס ער מוז ליגן אין בעט, אָבער ווען ער האָט געפּילט, אַז ער קען זיך קיין ריר נישט טאָן, האָט ער שוין קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו ליגן אַ וואַזשנער און אַ שטאָלצער און שמייכלען צו יעדן איינעם.

שלמה איז געזעסן ביי זיין בעט צוקאָפּנס. ס׳האַרץ האָט אים געציטערט, אָבער ער האָט מיט קיין אבר נישט קיין ריר געטאָן, און חיים האָט דערציילט:

— ס׳איז געוועזן אַזוי. דיין מאַמע איז געזעסן ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט צו יענעם ברעג, אַז אָט באַלד וועט זיך באַווייזן אַ פייערל — אַ גרוס פון דיר. פּלוצלינג האָט זי דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר, אַזאַ בייזן. האָט זי זיך דערשראָקן און מורא געהאַט צו עפענען. אָבער זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין הויז, פאַרהויבן דעם שאַל פון פענצטער און דערזען, ווי די שיין פון דיין לעמפּעלע ווינקט און מאַכט סיגנאַלן. האָט זיך איינער פון זיי צעלאַכט און אַ מאַך געטאָן: „איך האָב אייך געזאָגט, אַז זי איז אַ שפּיאָנקע, אַז זי רעדט זיך איבער מיט די באָלשעוויקעס.“ איינער, עפּעס אַן אָפיצער, האָט אָנגעהויבן אויף איר צו שרייען און סטראַשען זי, אַז ער וועט איר דערשיסן, אויב זי וועט נישט

אויסזאָגן וואָס אַזוינס דערציילט זי די באָלשעוויקעס דורך סיגנאַלן, און ווער זיינען די מענטשן, וואָס האָבן איר גע־הייסן אַזוי טאָן.

— וואָסערע באָלשעוויקעס? — האָט זי זיך דערשראָקן. —דאָס שיקט מיר איבער אַ גרוס מיין זון, שלמה, וואָס איז פאַרבליבן ביים זיידן אויף יענער זייט, ווען איר האָט פאַר־כאַפּט די גרענעץ.

— דערצייל אונז נישט קיין מעשיות, דו פּאַסקודנע אידישקע, אַ שפּיאָנקע ביסטו! — און דער אָפיצער האָט איר אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש אין באַק. ס'האָט איר זייער ווי געטאָן און דיין מאַמע האָט אָנגעהויבן צו שרייען גע־וואַלד. אָבער מען האָט זי גיך אָוועקגעשלעפּט פון איר הויז צום קאָמענדאַנט.

יענע נאַכט האָט מען אויך אַרעסטירט אַלע מיטגלידער פון דעם אַרבעטער־קלוב. מיך האָט מען אויך געפּאַקט. ווייזט אויס, אַז עמעצער, אַ מסור, האָט אויף מיר אָנגעוויזן, אַז איך בין דער הויפּט־מאַכער. האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער צימער און מיך אָנגעהויבן אויספרעגן פאַרשידענע זאַכן. דער נאַרישער רומענער האָט געמיינט, אַז באַלד וועל איך זיך צעלויפן און אים אַלצדינג דערציילן. ער האָט געוואָלט ביי מיר איין קלייניקייט: איך זאָל אים זאָגן וואָסערע חברים פון בעלץ האָבן מיך געהייסן אָרגאַ־ניזירן דעם קלוב און אויפהייען די רויטע פאָן. ער ווייסט, זאָגט ער, אַז פון בעלץ האָט מען מיר געשיקט בריוו, ווי אַזוי איך זאָל אָרגאַניזירן אַלע אַרבעטער־בחורים און אַר־בעטער־מיידלאַך און זיי מאַכן פאַר באָלשעוויקעס. געשריבן האָט מען מיר טאַקע בריוו פון בעלץ, אָבער אַ מכה וועל איך אים אויסזאָגן. איך האָב אים טאַקע אַזוי געזאָגט אין אידיש: „אַ מכה וועל איך דיר זאָגן". האָט ער אָנגעשריגן אויף מיר און מיר באַפוילן איך זאָל ריידן רומעניש. האָב איך אים געענטפערט: „ביסט נישט קראַנק אַליין צו ריידן אידיש". האָט ער אַריינגערופן דעם מסור, געצל דעם בעל־

עגלה׳ם בענאָק. דו קענסט דאָך אים, דעם תכשיט. ער האָט טאַקע אונז אַלעמען אויסגעגעבן. דער מסור האָט באַדאַרפט איבערזעצן מיינע רייד אין רומעניש. אָבער אַז דער פּאָסקודניאַק איז אַריינגעקומען, איז מיר אינגאַנצן נישט אָנגעשטאַנען צו ריידן און איך האָב געשוויגן.

יענער מיט גוטן און מיט בייזן, און איך — אַ פּול מויל מיט וואַסער. איז ער געוואָרן שרעקלאַך אָנגעצונדן אויף מיר און האָט מיך אַרויסגעוואָרפן פון צימער. אַ פּאָר סאָלדאַטן האָבן מיך באַלד אונטערגעכאַפּט און מיך אַריינגעפירט אין אַ נאַסן קאַלטן קעלער. דאָרטן האָב איך גע־טראָפן אַלע חברים און אויך דיין מאַמען. און דאָרטן טאַקע האָט זי מיר אַלצדינג דערציילט.

מיר זיינען שוין אַזוי אַלע איינגעשלאָפן, ווי ס׳האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר און דריי סאָלדאַטן קומען אַריין מיט אַ ליכט, קוקן יעדערן אין פּנים און וואַרפן אַ שיין. מיר האָט באַלד ס׳האַרץ אַ ציטער געטאָן און איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זוכן זיי מיך.

אַזוי איז טאַקע געווען. זיי האָבן מיך אַרויסגעפירט אינדרויסן. און אַ קעלט איז געווען אַ מורא׳דיקע און אַ פינצטערניש אויף אָנצוטאַפּן. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערפילט וואָס הייסט מורא האָבן. איך האָב נישט געקענט קיין שפּאַן טאָן. זיי האָבן מיך געמוזט אונ־טערפירן. אָבער באַלד בין איך געוואָרן ווידער שטאַרק און אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן און טראַכטן, ווי אַזוי ווערט מען אַנטרונען. אָבער אַז די סאָלדאַטן האָבן געהיט מיין יעדע באַוועגונג, בין איך נאָכגעגאַנגען און האָב שוין מער קיין מורא נישט געהאַט, ווייל איך האָב שוין געוואוסט, אַז אַנט־לויפן וועל איך דאָך סיי-ווי-סיי, פריער צי שפּעטער. מען האָט מיך פאַרפירט באַרג-אַראָפּ און מיך צוגעשטעלט צו אַ שטיין. האָבן זיי געמיינט אודאי, אַז איך וועל שטיין צוגעשטעלט צום שטיין און וואַרטן ביז וואַנעט מען זאָל מיך דערשיסן. איך טו אָבער תיכף אַ שפּרונג און לויף שוין.

זיי האָבן נאָכגעשאָסן, אָבער איך האָב נישט געפילט, אַז מען האָט אין מיר געטראָפן. ערשט ווען איך האָב דערזען אַ סטערטע שטרוי און אַהין אַריינגעקראָכן, האָב איך דער־פילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין פוס.

באַלד האָב איך אָנגעהויבן צו חלש'ן פון ווייטיק. איך האָב שוין נישט געוואוסט, וואו איך בין און ווי אַזוי איך הייס. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך פלי אין דער לופטן, און אַז צו די פיס האָט מען מיר צוגעבונדן אַ שווערן שטיין. איך האָב זיך געוואָרפן און געוואָלט אַלץ טרעפן, וואו איך בין, און נישט געקענט בשום אופן. ס'האָט זיך מיר אַלץ אויסגעדאַכט, אַז איך פלי. נאָר שפּעטער אַביסל האָב איך זיך אינגאַנצן פאַרגעסן און געלעגן ווי אין אַ הינערפלעט.

ווי לאַנג איך בין אַזוי אָפּגעלעגן, ווייס איך נישט. פלוצלינג האָט אַ הונט אָנגעהויבן צו האַוקען נאָענט לעבן מיר און איך פיל, ווי עמעצער גראָבט זיך אין דעם שטרוי, און באַלד האָט מיך עמעצער אָנגעכאַפּט ביי די פיס. און איך בין מיטאַמאָל געקומען צו מיינע געדאַנקען און אין אַ סעקונדע האָב איך באַגריפן אַלצדינג. איך האָב זיך געגעבן אַ ריס פון אָרט און אַרויסגעלאָפן פון מיין באַ־העלטעניש.

אינדרויסן איז ווידער געווען פינצטער און קאַלט. „ווייזט אויס אַ גאַנצן טאָג אָפּגעלעגן אין דער שטרוי," האָב איך אַ טראַכט געטאָן. עפּעס אַ געשטאַלט, וואָס האָט אויס־געקוקט ווי אַ מאָלדאַוואַן, איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט פון דער ווייטנס און האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן. זיין הונט האָט אויך געוואָלט אַ שפּרונג טאָן אויף מיר, אָבער ער האָט זיך, ווייזט אויס, אויך דערשראָקן און איז אינמיטן שפּרונג געבליבן שטיין. באַלד האָב איך זיך געגעבן אַ הויב. דער הונט האָט דער ערשטער אויפגעהויבן די פיס און זיך גענומען יאָגן וועק־אַוועק, און באַלד זיינען זיי ביידע פאַר־שוואונדן געוואָרן ערגעץ אין דער פינצטערניש. „ווייזט

אוים, זיך איבערגעשראָקן פאַר מיר", האָב איך אַ טראַכט געטאָן. איך האָב זיך גענומען שלעפּן אַהיים. איך האָב געפילט אַזאַ שוואַכקייט אין אַלע מיינע אברים און פון קעלט האָב איך זיך געוואָרפן ווי אין אַ קדחת. איך האָב תיכף דערקענט דעם וועג אַהיים. ביז'ן שטאָט האָב איך קיינעם נישט באַמערקט. לעבן טויער האָב איך פון ווייטן דערזען אַ געשטאַלט מיט אַ ביקס, האָב איך זיך צעלייגט אויף אַלע פיר און אָנגעהויבן קריכן אויפ'ן בויך. צום אַלעם ערשטן האָט זיך יענער געוואָלט לאָזן צו מיר, אָבער אינמיטן וועג געבליבן שטיין אַ ווייל און פלוצלינג זיך אויסגעקערט און אויך אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. ווייזט אוים, זיך אויך דערשראָקן פאַר מיר. אַזוי האָב איך זיך פאַרשלעפּט ביז צו מיין הויז.

חיים האָט געשמייכלט בשעת ער האָט דערציילט זיינע איבערלעבונגען, און ביי שלמה'ן האָט געוויינט דאָס האַרץ. ער האָט מער נישט געקענט איינזיצן אין שטוב און האָט זיך אויפגעהויבן.

— וואוהין גייסטו ?

ער האָט נישט געענטפערט און איז אַרוים פון הויז. אַראָפּ צום ברעג און זיך געזעצט אויף אַ שטיין. ער האָט אפילו נישט געפילט, ווי פון טייך יאָגט אַ שטאַרקע קעלט און צופּט די אויערן. ער איז געזעסן, געקוקט אויף יענעם ברעג און דאָס האַרץ האָט אים אַזוי גענאָגט...

# מ׳איז פריילאַך און שטאָלץ.

אַלע אַרעסטאַנטן פון קעלער האָבן געזען, ווי די סאָל־דאַטן פירן חיים׳ען אַוועק. איז אויף זיי אָנגעפאַלן אַ גרוי־סער פחד, ווייל דאָס האַרץ האָט זיי געזאָגט, אַז מער קיין לעבעדיקן וועלן זיי אים שוין נישט זען. אין אָט דעם קע־לער האָט מען אַמאָל געהאַלטן קאַרטאָפל, האָט זיך נאָך איצט געפילט דער ריח פון קאַרטאָפל, און ס׳איז דאָרט געווען שטיקנדיק. מיט אָפענע אויגן זיינען זיי געלעגן און יעדער האָט געקענט הערן, ווי ביי דעם צווייטן קלאַפט דאָס האַרץ.

פלוצלינג, אַזוי ווי זיי זיינען אַזוי געלעגן אין דער פינצטער, האָט זיך פון זיך אַליין אָנגערופן אַ קול:

„ווייִ, ווייִ! אין רוסלאַנד, ווען דער צאַר האָט געבו־שעוועט, האָט מען אויך געכאַפּט אַזוינע יונגע מענטשן, ווי מיר, און זיי געוואָרפן אין די פינצטערע קערקערס. דאָס האָט שרה די נייטאָרקע זיך צעדעדט. זי איז געווען אַן אָנגעלייענטע און האָט געקענט דערציילן אַ סך מעשיות. איר קול האָט איצט געציטערט בשעת זי האָט גערעדט, און אין דער פינצטער האָט זיך דאָס אויסגעוויזן, אַז ס׳קומט פון גאָר וווייט. האָט קיינער זיך קיין ריר נישט געטאָן. מיט אָפענע אויגן זיינען זיי געלעגן און זיך צוגעהערט:

„צוואָנציק יאָר איז ווערע פיגנער אָפּגעזעסן אין אַ פינצטערן קאַמער. קיין לעבעדיקן מענטש האָט מען צו איר נישט צוגעלאָזט. שטעלט זיך פאָר: צוואָנציק יאָר! טויזנטער טעג און נעכט; צענדליקער טויזנטער שעה׳ן מיט זיך אַליין. אָבער מען האָט זי נישט געקענט ברעכן. טאָג נאָך טאָג איז אין איר געוואַקסן וואָס־שטאַרקער און

שטאַרקער די האָפענונג, אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען דאָס פאָלק וועט זיגן, און ס׳וועלן אָנקומען די פרייע טעג.״

„אפשר האָט זי אַמאָל געוויינט אין איינזאַמען קאַמער, ווען זי האָט שטאַרק שוין געבענקט נאָך דער ליכטיקייט און נאָך פרייהייט. זיכער האָט זי געוויינט. נישט איינמאָל מסתמא. אָבער פאַר זיי, פאַר די צאַרישע וועכטער, האָט זי זיך געהאַלטן אַזוי שטאָלץ און מוטיק, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר איר.״

„נאָר וועראַ פיגנער? נו, און וויפיל מענטשן זיינען פאַרשיקט געוואָרן אינ׳ם קאַלטן סיביר! אוי, איז דאָרטן קאַלט. איבער בערג מיט שניי, פאַר טויזנטער וויאָרסט, האָבן זיי זיך געשלעפּט מיט קייטן אויף די פיס. וואָכן און וואָכן פאַרשאָטן אין די ווייסטע שנייען. און ווען עמעצער פון צאַר איז געקומען צו זיי און זיי געזאָגט: דו זעסט שוין, ווי אַזוי דו דאַרפסט זיך מוטשען, וואַרף בעסער אַוועק דיינע נאַרישע געדאַנקען, גיב אַרויס אַלע דיינע חברים און חבר׳טעם און מיר וועלן דיך מאַכן גליקלאַך, דיר אומקערן דיין פרייהייט און דיר נאָך געבן געלט אַ סך — האָבן כמעט אַלע שטאָלץ אויפגעהויבן די אויגן צו זיי און זיי געזאָגט מיט פאַרדראָס: מיר וועלן נישט אַרויסגעבן אונזערע חברים און חבר׳טעם און מיר דאַרפן נישט אייער פרייהייט. און זיי האָבן איבערגעטראָגן אַזוי פיל צרות אין די ווייטע סיבירישע מדבריות, קעלט און איינזאַמקייט. און נישט איינמאָל מסתמא האָבן זיי געוויינט אין דער פרעמד און געבענקט אַהיים צו זייערע אייגענע.״

נאָך אַ סך מעשיות האָט שרה דערציילט, אַזוי ביז פאַרטאָג, און דאַן זיינען אָנגעקומען סאָלדאַטן און זיי אַרויסגעפירט. צוויי וועגענער האָבן אויף זיי געוואַרט. האָט מען זיי באַזעצט אין די וועגענער, געפענטעט די הענט און די פיס און זיך געלאָזט אַרויספאָרן פון דער שטאָט.

חיים האָט זיי די לעצטע נאַכט געלערנט דעם „אינטערנאַציאָנאַל״. געמיינט, אַז מיט אָט דעם ליד וועלן זיי

גיין באַגעגענען די באָלשעוויקעס. אָבער דאָס ליד האָבן זיי שוין געזונגען אויפ'ן וועג צו דער טורמע. שרה'ס מעשיות האָט זיי אויפגעמונטערט און זיי האָבן זיך געפילט, אַז מען קען זיי שוין פאַרגלייכן צו אַלע רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן איבערגעטראָגן די גרעסטע צרות, דערפאַר וואָס זיי האָבן געוואָלט ברענגען פרייהייט און גליק צו אַלע געקריוודעטע.

ס'ערשטע מאָל האָט אסתר געהערט אַזוינע רייד און זי האָט אַ טראַכט געטאָן: זע נאָר, אַזוינע טייערע מיידלאַך און איך האָב גאָרנישט געוואוסט! האָט זי שוין פאַרגעסן אָן אירע אייגענע צרות און איר האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט גרויס ליבשאַפט צו אַלע חברים און חבר'טעס.

דער סטעפּ איז געווען אַ ווייסער און די דראָטן אויף די טעלעגראַף-סלופּעס אויך ווייסע, און אַ ווינטל פון סטעפּ האָט געשפּילט איבער די דראָטן, וואָס האָבן געציטערט און אונטערגעברימט אַ טרויעריקן ניגון.

אין אַ דאָרף האָבן זיךביידע וועגענער אָפּגעשטעלט לעבן הויז פון שעף. דריי רומענישע זשאַנדאַרמען זיינען אַרויס פון הויז, צוגעקומען צום וואָגן און אָנגעהויבן חוזק מאַכן פון די געפּענטעטע. גוי'עס און גוים זיינען געשטאַנען פון דער ווייטנס און מורא געהאַט צוגיין נאָענט צוליב די זשאַנדאַרמען. די גוי'עס האָבן זיך געשנייצט די נעזער, געבראָכן פיסקעס און געמאַכט: נעבאַך, נעבאַך.

דער שעף האָט איבערגעביטן די סאָלדאַטן, צו די אַרעסטאַנטן צוגעשטעלט אַנדערע, פרישע, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. די וועגענער האָבן זיך גערירט אין וועג. אין עק דאָרף זיינען אָנגעלאָפן צוויי מאָלדאַוואַנעס און אָנגעהויבן צו שרייען: „שטייט, שטייט!" די סאָלדאַטן האָבן אָפּגעשטעלט די וועגענער, אויסגעדרייט די קעפּ און האָבן געוואָלט וויסן וואָס איז דאָ אַזוינס געשען. די צוויי פּויערים זיינען דערלאָפן פאַרסאָפּעטע און יעדערער האָט געטראָגן צו צוויי ברויטן אין די הענט:

— דאָס דאָרף האָט געשענקט ברויט פאַר די אַרעס-

טירטע — האָבן זיי געזאָגט און האָבן אַריינגעוואָרפן די ברויטן אין די וועגענער.

די ברויטן זיינען געווען קאָרענע, פרישע און וואַרימע. ערשט, ווייזט אויס, פון אויוון. האָבן זיי געריסן שטיקער און געגעסן און געווען אַזוי פריילאַך פון דער גוטסקייט פון די פויערים.

אין אַ צווייט דאָרף האָט אַ פויער געבראַכט געבראָטענע קאַרטאָפל מיט זאַלץ. די קאַרטאָפל זיינען געווען היים און אַביסל צוגעסמאַליעט. האָט אויף דערויף שרה די נייטאָרין געזאָגט:

— דאָס אָרימע פאָלק איז מיט אונז, ווייל זיי ווייסן, די פויערים, אַז דאָס לאָזן מיר זיך פייניקן אויך פאַר זיי, כדי זיי אויסלייזן פון זייער נויט. דערפאַר טראָגן זיי אונז פריש ברויט און געבראָטענע קאַרטאָפל מיט זאַלץ.

יעדער איינער האָט דאָס פאַרשטאַנען, אפילו ווען שרה וואָלט זיי נישט געווען דערציילט. אָבער אירע רייד האָבן זיי געקוויקט און זיי האָבן זיך שוין דערפילט גאָר חשוב. די סאָלדאַטן האָבן זיך געוואונדערט: „גיב נאָר אַ קוק, דאַכט זיך, אַז מיר פירן צוויי וועגענער מיט געפּענטעטע מענטשן, וואָלטן זיי געדאַרפט זיין אומעטיק און האַלטן אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, פונדעסטוועגן זיינען זיי אַלע פריי־לאַכע, זייערע קעפּ זיינען אויפגעהויבענע און שטאָלצע, און די אויגן ביי זיי שיינען, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן געפאָרן אויף אַ חתונה."

אויפ׳ן דריטן טאָג פאַרנאַכט־צו האָט זיך באַוויזן בעלץ. דאָרטן האָבן שוין געברענט פייערלאַך אין די פענצטער. אַ ווינט פון סטעפּ האָט געבלאָזן אין די קאָלנערס אַריין. איבערגעפרוירענע און אויסגעהונגערטע, זיינען זיי שוין געווען אומעטיק און פאַרכמורעט. אפילו שרה די נייטאָרין האָט זיך שוין פאַרלוירן.

ס׳איז געוואָרן רעכט פינצטער. שטיל. און די רעדער רייבן זיך אין שניי און סקריפּען. יעדן איינעם כאַפּט אַרום

אַ בענקשאַפט צו אַ וואַרימער היים, צו טאַטע און מאַמע און צו אַ הייסע גלאָז טיי מיט ברויט.

ס'טומלט זיך אין שטאָט. שוואַרצע גרויסע פערד מיט גלעקלאַך יאָגן זיך מיט ווייסע קליינע שליטעלאַך און די אָנטרייבער אין וואַרימע פעלצן מיט די לאַנגע בייטשן שרייען: „וויאָ!" אויף די טראָטואַרן יונגע מיידלאַך און בחורים. זיי זינגען לידער. ווען זיי האָבן דערזען די צוויי וועגענער מיט די געבונדענע, האָבן זיי נאָר אַ קוק געטאָן מיט נייגעריקייט אויף אַ ווייל, און ווען זיי זיינען אַריבער אויף דעם צווייטן ראָג, האָבן זיי שוין אינגאַנצן פאַרגעסן די, וואָס גיבן אַוועק די פינצטערע טורמעס זייערע יונגע לעבנס, כדי אויסצולייזן די וועלט פון יסורים און ווייטיקן.

די רווישיקע, ליכטיקע גאַסן זיינען געבליבן הינטן, און זיי זיינען אַרויף אויף אַ פוסטע לאַנגע גאַס, וואו דאָרט האָט שוין געוואַרט די טורמע — אַ ברייטע, אַ הויכע און אַ פינצטערע. בלויז אין אַ פּאָר פענצטערלאַך אונטן האָט זיך געלויכטן. דאָרטן איז געזעסן דער עלטסטער פון דער טורמע, פּאַפּעסקו, מיט די וועכטער אויף איבערנעמען די אַרעסטירטע. ער איז געזעסן אַן אויסגעפּוצטער, ווייל ער האָט געדאַרפט גיין אין טעאַטער, און דאָ האָבן אים די פאַר־שאָלטענע בונטאָוושטשיקעס פאַרהאַלטן, דערפאַר איז ער געווען אין כעס און האָט געזידלט די וועכטער. זיי האָבן געקוקט אויף אים שטומע און גלייכגילטיקע, און געשוויגן.

דער אייזערנער פינצטערער טויער האָט זיך געעפנט, און מען האָט זיי אויסגעציילט און פאַרשפּאַרט: אַלע אַכט מיידלאַך אין איין קאַמער און די זיבן בחורים אין אַ צווייטן, און אַ גוטע נאַכט. פּאַפּעסקו איז שוין געווען אינדרויסן און זיך אויסגעפּייפט אַ ליד. ביים ראָג האָט שוין געוואַרט אַ קליין ווייס שליטעלע מיט צוויי שוואַרצע הויכע פערד. דער אָנטרייבער אין אַ וואַרימען פעלץ האָט נאָר אַ פאָכע

געטאָן מיט דער לאַנגער בייטש, און די גלעקלאַך האָבן זיך צעקלונגען, און דאָס פערד האָט אַ טאַסקע געטאָן דאָס פּיצעלע שליטעלע ווי אַ ווינט, גלייך אויף די לעבעדיקע רוישיקע גאַסן.

# שלמה ווערט געוואָר אַ סך זאַכן.

ס׳איז שוין געווען סוף ווינטער און דער טייך איז נאָך געווען פאַרפרוירן. ס׳איז שוין געווען אַ טאָג, וואָס האָט געשיינט מיט זון און וואַרימקייט. פון די בערג האָבן זיך צעלאָזט ריטשקעלאַך און וואַסערלאַך. זיינען זיי געלאָפן צום טייך פריילאַכע און ווילדע. אָבער ביינאַכט האָט ווי־דער אַ פּאַק געטאָן אַ פראָסט, און די ריטשקעלאַך און וואַ־סערלאַך זיינען געבליבן שטיין אינמיטן לויפן, דערפרוירענע, און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט.

די באָלשעוויקעס מוזן אַוועק פון שטאָט. בלויז צוויי חדשים זיינען זיי געווען אין שטעטל, און שלמה האָט זיך דער־וואוסט אַזוי פיל זאַכן פאַר דער צייט. ער האָט שוין פאַר־שטאַנען, אַז ער איז געווען נאַריש, ווען ער איז איינמאָל געקומען צום קאָמאַנדיר בעטן, ער זאָל אָפּשאַפן די גרענעץ. מאַניע און חיים האָבן צו אים גערעדט טאָג נאָך טאָג וועגן דעם, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז נישט אַזוי לייכט שאַפט מען אָפּ גרענעצן, ווייל די וועלט איז אַזוי גרויס און מענטשן, וואָס ליידן, זיינען דאָ אַזוי פיל. מענטשן ליידן צוליב פאַר־שלאָסענע גרענעצן, צוליב מלחמה. ס׳זיינען דאָ אויף דער וועלט מיליאָנען און מיליאָנען פויערים, וואָס ווערן אויסגע־ריסן אַרבעטנדיק אויף די פעלדער פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיי אַקערן די ערד, פאַרזייען קאַרטאָפלעס, קאָרן, ווייץ און אַנדערע זאַכן. קומט דער ווינטער, הונגערן זיי מיט זייערע ווייבער און קינדער לאַנגע חדשים אין זייערע קאַלטע קליינע שטיבלאַך.

ס׳זיינען דאָ פינצטערע גריבער אין דער טיפעניש פון דער ערד. דאָרטן איז די היץ אַזוי שטיקנדיק און די לופט

אַזוי ענג. מיליאָנען גרעבער גראָבן מיט זייערע אייזנס. קלאַפּן, קרישן קוילן, זאַלץ, שטיינער און אַנדערע מעטאַלן. יאָוועץ זיי זיך אַרוים פּאַרנאַכט פון די גריבער, האָבן זיי די שיין פון טאָג נישט געזען. קומען אַהיים שוואַרצע, מידע, און זייער וועטשערע איז אַזאַ אָרימע.

אין די פאַבריקן, וואו מען גיסט אייזן און גרויסע אויוונס פלאַקערן מיט פלאַמען פייער, שטייען נאַקעטע גי־סער מיט לאָפּעטעס. די פלאַמען לעקן זייערע לייבער. די היץ ברענט זיי די האָר פון קאָפּ. קומען זיי אַהיים, קענען זיי אַפילו נישט עסן זייער אָרימע וועטשערע פון אויסגע־מאַטערטקייט. ליגן זיי מידע אויף זייערע געלעגערס, וואַרפן זיך און דרייען זיך און קענען נישט איינשלאָפן.

און דערפאַר דאַרף שלמה פאַרשטיין, אַז נישט אַלצדינג מיטאַמאָל וועט מען קענען אַזוי לייכט ענדערן. אין רוסלאַנד האָט זיך שוין אָנגעהויבן די באַפרייאונג פון די אַרבעטער. דערנאָכדעם וועט דאָס איבערגיין פון לאַנד צו לאַנד. ווייל אין יעדער שטאָט, אין יעדן דערפל זיינען דאָ טויזנטער מענטשן, וועלכע פאַרשטייען שוין, וואָס מ׳דאַרף טאָן, כדי צו באַפרייען די אַרבעטער. זייער צאָל איז אָבער נאָך ווינ־ציק. אָבער פון טאָג צו טאָג וועט וואַקסן זייער צאָל. און אַז אַ סך מענטשן וועלן דאָס קענען פאַרשטיין, וועט מען זיך אַ נעם טאָן צו מאַכן בעסער דאָס לעבן. ווייל שונאים זיינען דאָ אַזוי פיל.

ווער זיינען די שונאים? — וויל שלמה וויסן. שונאים זיינען די באַלעבאַטים פון די פאַבריקן, פון מעטאַל־ און קוילן־גרובן, פון די גיסערייען און פון די זאַוואָדן — אַלע, וועלכע ווערן רייך פון טאָג צו טאָג. שונאים זיינען די פּריצים, וואָס פאַרמאָגן טויזנטער אַקער לאַנד און דער פּויער מיט זיין ווייב און קינדער מוז דאָס באַאַרבעטן מיט זייער לעצטן ביסעלע אָטעם. אַלס לוין קען ער קוים קריגן אַ טרוקן שטיקל ברויט. שונאים זיינען אויך די גענעראַלן און אָפיצערן, וואָס שיכור׳ן און הוליען ביי טאָג און ביי נאַכט

און די סאָלדאַטן שיקן זיי אויפ'ן פייער אין דער מלחמה. און טאַקע צוליב זיי איז שלמה'ס טאַטע אומגעקומען אומזיסט און אומנישט.

שונאים זיינען אויך די גלחים און הייליקע, וואָס ריידן איין דער וועלט, אַז מען מוז בויען קלויסטערס, דינען צו גאָט און נישט טשעפּען די רייכע, ווייל אַזוי האָט גאָט געוואָלט, ס'זאָל זיין אָרימע און רייכע.

דערפאַר טאַקע מוזן די באָלשעוויקעס אָפּטרעטן פון דער גרענעץ. ווייל אָט די אַלע שונאים האָבן זיך צונויפגענומען און גייען אויף רוסלאַנד מיט שווערע האַרמאַטן, מיט מיליאָנען ביקסן און שפּיזן. מוזן די באָלשעוויקעס זיך אויך צונויפזאַמלען און נישט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן געווינען.

די סאָלדאַטן האָבן זיך געפּאַקט אין וועג און ס'זיינען שוין אָנגעקומען אַזוינע טעג פול מיט הייסער זון און קלאָרע שיין. גאַנצע טייכן וואַסער זיינען געלאָפן פון די בערג מיט גרויס טומל. ווייל דער פרילינג איז שוין טאַקע אויף אַן אמת'ן געקומען. אַפילו ביינאַכט זיינען די ריטשקעס געלאָפן פון די בערג אויך מיט אַ רעש, אָבער אַ ביסעלע שטילער. דער טייך אָבער האָט זיך נאָך נישט געעפנט. דאָס אייז איז געוואָרן שוואַרץ און געשוואָלן, אָבער ס'האָט זיך נאָך געהאַלטן.

ס'איז אָבער געווען אַ טאָג און די זון האָט אַזוי מחיה'דיק געוואַרעמט און דאָס אייז האָט געשוויצט, געשמאָלצן זיך, נאָר דאָך געווען פאַר'עקשנ'ט אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג האָט עס זיך אויפגעריסן מיט אַזאַ קראַך, ווי טויזנטער האַרמאַטן וואָלטן אויסגעשאָסן. אינדערפרי האָט זיך שוין דאָס גאַנצע שטעטל פאַרזאַמלט אויפ'ן ברעג און צוגעקוקט, ווי דער טייך לאָזט זיך אין וועג אַריין מיט גרויס געפּילדער. אַזוי פיל אייז און שניי האָט דער דניעסטער אָנגעזאַמלט, אַז ער האָט מער נישט געהאַט קיין כח צו דערטראָגן און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף די ברעגן און פאַרפלייצט אַלע טאָלן.

דריי טעג האבן געפילדערט די וואסערן, און דאס אייז האט זיך געבראכן און די שטיקער האבן זיך געטראגן צעיושעטע, פארשמאיעטע, וואוהין — האבן זיי אליין נישט געוואוסט. דערנאך דעם זיינען די וואסערן געווארן רואיקער, און אין איין שיינעם ווארימען טאג האט שוין דער דניעסטער אויסגעקוקט מילד און ריין, ווי דער קלארער הימל.

איבער׳ן לאנד האט זיך געטראגן נישט קיין פרייליכע בשורות. מען האט דערציילט, אז אוקראינע האט זיך אפגעטיילט פון רוסלאנד און אז עפעס אן אטאמאן, דאכט זיך פעטלורע, האט אריינגעבראכט דייטשישע סאלדאטן אין לאנד, כדי זיי זאלן אים העלפן אנהאלטן די מאכט. די באלשעוויקעס טרעטן איצט אפ טיף אין רוסלאנד און דערפאר דארף איוואנאוו מיט זיינע סאלדאטן אויך אוועקגיין פון דאנען. מען האט אויך געשמועסט, אז באלד וועלן צוריקקומען די פריצים און באשטראפן די פויערים דערפאר, וואס זיי האבן צוגענומען די ערד און אונטערגעצונדן די הויפן.

פון בעסאראביע הערט מען קיין ווארט נישט. די גרענעץ איז פארשלאסן און פארשפארט מיט טויזנטער היטערס. אין וואד-ראשקאוו הערשט אזא אומעטיקייט, די אידן שלעפן זיך דארט ארום ווי שאטנס איינגעבויגענע, טרויעריקע. די טעג קומען אבער אזוינע ליכטיקע און גאלדענע, און ס׳גלויבט זיך גארנישט, אז נייע צרות וועלן אנקומען אויפ׳ן לאנד, אז הונדערטער דערפער וועלן אונטערגעצונדן ווערן פון די דייטשן, ווייל די פויערים וועלן זיך אפזאגן אומצוקערן די פעלדער צוריק צו די פריצים, — אז טויזנטער ארבעטער וועלן פארשפארט ווערן אין די טורמעס פאר נישט וועלן צוריקגעבן די פרייהייט, וואס זיי האבן פריער געוואונען.

דאס גאנצע שטעטל איז זיך אנגעלאפן קוקן ווי די באלשעוויקעס גייען אוועק. זיי שטייען שוין אלע אנגעגרייט און האבן פארנומען די גאנצע גאס ביז׳ן עק שטאט.

די פוסגייער מיט די פּעק און ביקסן אויף די פּלייצעס. די רייטער מיט די ריזיקע פּיקעס. די וועגענער מיט עסנוואַרג און די וועג־קיכן מיט די קוימענס, וואָס האַלטן זיך אין רויכערן. דאָס קאָכט מען קאַשע אויף וואַרעמעס. אָבער עסן וועט מען שוין ערגעץ אין וועג.

סטעפּאַן זיצט אויפ'ן פערדל. דאָס פערדל הייבט זיך אַלע מאָל אויף די פעדערשטע פיס, גלאַט אַזוי. דאָס שפּילט ער זיך אַזוי מיט זיין חבר. סטעפּאַנ'ען אָבער קריכט איצט נישט אין קאָפּ קיין שפּילן. האַלט ער שטאַרק דאָס צוימל און קוקט אויף שלמה'ן מיט אַ טרויעריקן שמייכל. אַ רחמנות אויף סטעפּאַנ'ען אויך. יענער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט אַהיים, נאָך זיין דערפל, וואָס הייסט וואָקאַלעשטי, נאָך זיינע עלטערן און נאָך זיין שוועסטער און נאָכ'ן ביקל, וואָס איז איצט מסתמא שוין אַ גרויסער אָקס. ער וועט שוין נישט קענען אַריינפאָרן אין דאָרף אַריין מיט'ן פערדל, אַז אַלע זאָלן אים מקנא זיין.

נעכטן אָוונט האָט ער אַזוי פיל גערעדט וועגן זיין דאָרף. ער האָט אויך צום ערשטן מאָל זיך מודה געווען פאַר־שעמטערהייט פאַר שלמה'ן, אַז ער האָט דאָרטן אַ כלה, דעם שכן טימאָפּיי'ס אַ מיידל. פאַר דער מלחמה זיינען זיי געוואָרן חתן־כלה. זיין כלה איז אַ גוטע באַלעבאָסטע און קען שיין טאַנצן און זינגען. זי קען שפּינען פלאַקס, אויס־נייען האַנטיכער. זי קען מיט אַ סערפּ שניידן די זאַנגען. זי קען מעלקן די קי און מאַכן קעז און פּוטער. זי קען אפילו גיין מיט'ן אַקער איבער'ן פעלד. אַזוי האָט זי אים איינמאָל געשריבן אין אַ בריוו, ווען ער איז נאָך געווען אויף דער מלחמה.

— טו־טו־טו! — האָט אַ סאָלדאַט מיט אַ טרובע אויס־געשאַלט. דאָס האָט די טרובע געפרעגט, צי אַלע זיינען שוין דאָ. ניין, נאָך נישט אַלע זיינען דאָ, ווייל איבער דער גאַס לויפן אָן אָטעם אַ פּאָר סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך פאַרשפּעטיקט, געזעגנדיק זיך מיט זייערע נייע באַקאַנטע,

וואָס זיי האָבן צוגעקראָגן אין שטעטל.

און ווידער אַ סיגנאַל, אַז אַלע זיינען שוין דאָ. האָט דער פויקער אָנגעהויבן קלאַפּן אין זיין פּייקל און ציילן די טריט: טראַ־טאַ־, טראַ־טאַ, טראַ־טאַ.

מען האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. דער קאָמאַנדיר אויפ׳ן פערד האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום גאַנצן שטעטל, און צו שלמה׳ן האָט ער זיך באַזונדערס אַ בויג געטאָן און האָט אַ זאָג געטאָן פון דער הויך:

„מיר לאָזן דיך איבער. דו ביסט אַ קלוגער און שטאַרקער בחור. ווייס וואָס דו האָסט צו טאָן.“

חיים איז אויך געזעסן רייטנדיק אויף אַ פערד. אָבער דאָס פערד האָט זיך געהויבן אויף די פאָדערשטע פיס, געוואָרפן דעם קאָפּ און נישט געוואָלט האַלטן חיימ׳ען אויף זיין רוקן. אָבער דער לערער איז אַן עקשן. ס׳פערד וואַרפט זיך, חיים שפּרינגט מיט. ס׳פערד וואַרפט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, חיים לאָזט זיך וואַרפן. ביז ס׳איז דעם פערד נמאס געוואָרן האָבן צו טאָן מיט חיימ׳ען און ס׳איז געוואָרן רואיקער. איז שוין דער לערער געזעסן גלייך און שטאָלץ, ווי יעדער רייטער, און אַז דער קאָמאַנדיר האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד האָט ער זיינס אויך אַ שמיץ געטאָן און מען האָט זיך אַלע אַ לאָז געטאָן אין וועג.

פריער זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די רייטער. דער־נאָך דעם זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די קלעזמער, אָבער די טענער פון אינטערנאַציאָנאַל האָט מען נאָך לאַנג גע־הערט, אַפילו נאָכדעם, ווי דער רויך פון די וועג־קיכן איז פאַרלוירן געגאַנגען ערגעץ אין הימל.

ווען דער לעצטער באָלשעוויק האָט פאַרלאָזן די שטאָט, איז די נאַכט געקומען אַ פינצטערע און אַן אומעטיקע. אויף יענער זייט האָט מען געפּראַוועט אַ באַל. מען האָט גע־שיכור׳ט און געהוליעט. די קלעזמער האָבן געשפּילט פריילאַכע לידער און זייערע טענער האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויף דער זייט טייך, באַזונדערס דאָס הודיען פון דער פּויק.

שלמה איז געשטאַנען פאַר'ן הויז, אָבער ער איז נישט געווען אומעטיק. פאַרקערט, ער האָט זיך געפילט שטאַרק און פריילאַך. איצטער ווייסט ער שוין, וואָס ער דאַרף טאָן. לאָז נאָר ווערן וואַרימער, וועט ער אַריבערשווימען דעם טייך און זיך לאָזן קיין בעלץ. באַפרייען זיין מאַמען. ער וועט זי זיכער באַפרייען, ווייל ער פילט זיך דאָך אַזוי שטאַרק... נישקשה: ער וועט זיך נאָך זען מיט זיין מאַמען...

צווייטער טייל

# און חיים האָט אָנגעהויבן דערציילן.

דער פסח איז אַוועק, און אַז די טעג זיינען אויפגעגאַנגען איינער נאָכ'ן אַנדערן לאַכנדיקע און צעשטראַלטע, האָט מען פלוצלינג דערזען, אַז דער הימל און די ערד זיינען אַ סך ברייטער און ווייטער געוואָרן ווי געווען, און וואָס ווייטער אַלץ ליכטיקער און קלאָרער. און העט־העט, קוים וואָס דאָס אויג דערגרייכט, הויבט זיך אָן עפּעס אַ בלוי לאַנד מיט ליכטיקע שפּיצן און ס'ציט דאָס לאַנד יעדנס האַרץ און לאָזט נישט צורו.

שלמה'ן, פאַרשטייט זיך, האָט דאָס געצויגן, האָט ער געמיינט, אַז יעדן איינעם ציט דאָס אַזוי. דאָרטן אין דעם בלויען לאַנד מיט די ליכטיקע שפּיצן שטייט אַ שוואַרצער טורעם. סאַמע אויפ'ן שפּיץ — אַ קליין שטיבעלע מיט אַ פענצטער. פון דאָרט קוקט אַרויס זיין מאַמע אַ פאַרצווייפלטע מיט פאַרבראָכענע הענט.

„מאַמע", — האָט שלמה גערעדט צו איר אין זיין געדאַנק, — „אַז מיך שרעקט גאָרנישט דער ברייטער דניעסטער און די שפּיצעכדיקע ביקסן ביי די רומענער אין די הענט. איך בין שוין אַ שטאַרקער און הויכער בחור און אַז איך גיב זיך אַ צעלייג אויפ'ן טייך און לייג קלאַפּטער, טראָגט מיך דאָס וואַסער ווי אַ שטרויעלע. אין יענער פינצטערער און קאַלטער נאַכט וואָלט איך דען געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ווען נישט דער באָבע'ס גוואַלדן. מאַמע, איך וועל קומען אין פרעמדן לאַנד און איך וויים שוין אַזוי פיל. און מיך שרעקט איצטער גאָרנישט." אַזוי האָט שלמה

געטראַכט און געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער נאַכט. ווען די לבנה וועט אַזוי נישט ליכטיק מאַכן די וואַסערן, יענעם ברעג און די גאַנצע נאַכט.

מאַכט זיך איינמאָל פּאַרנאַכט קומט צו הינקען חיים מיט אַ שטעקן. די קליידער צעריסענע, מיט אַ לאַנגער באָרד און באָרוועסע, פאַרשטויבטע פּיס. די קרעמער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די שוועלן פון זייערע קראָמען און אים באַגריסט, האָבן אים געוואָלט אָפּשטעלן און אויספרעגן וואָס ס'הערט זיך אויף דער וועלט. אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן און האָט אַפילו נישט געוואָלט ענטפערן אויף די באַגריסונגען און אָוועקגעאיילט צו בערל דעם פישער.

דאָרטן האָט ער אויפגעעפנט די טיר און אַז ער האָט קיינעם נישט באַגעגנט אין שטוב, האָט ער זיך אַראָפּגע־לאָזט אויף דער קאַנאַפּע, ווי אַזוי ער שטייט און גייט און אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

די באָבע איז דענסטמאָל געשטאַנען אין קיך פאַר'ן פּריפּעטשיק און געקאָכט וועטשערע, האָט זי נישט געהערט, ווי עמעצער איז אַריינגעגאַנגען אין הויז. אָבער, אַז ס'איז געוואָרן פינצטער און זי איז אַריין פון קיך אין שטוב און אָנגעצונדן אַ לעמפּל, האָט זי זיך דערשראָקן, ווען זי האָט פּלוצלינג דערזען אַ פרעמדן מענטשן שלאָפן אויף דער קאַנאַפּע. זי האָט אים באַלד אָבער דערקענט. ווער האָט נישט געקענט חיים'ען? „פון וואַנעט האָט ער זיך דאָ גענומען? אַ קשיא אויף דעם צעדרייטן. פאַלט אַראָפּ ווי אַ שלעכטע בשורה. אָבער ס'קאָן אים נעבאַך זיין קאַלט. מען דאַרף אים צודעקן מיט דער קאָלדרע".

חיים האָט דערפילט אין שלאָף, אַז ס'איז אים געוואָרן וואַרימער, אָבער ער האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק און נישט געוואָלט אויפעפענען די אויגן אַ קוק טאָן, ווער איז דער, וועך ס'האָט אויף אים אַרויסגעוואָרפן אַ וואַרימע זאַך. ער האָט זיך ווייטער פאַרטאָן אין שלאָף און גאַר־

נישט געוואָלט וויסן.

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אויפ׳ן צווייטן טאָג ערשט אינדערפרי און האָט געטראָפן שלמה׳ן שטיין לעבן אים מיט גרויסע צעעפנטע אויגן פול מיט שטוינונג:

— חיים, ווי קומסטו אַהער?

— ס׳איז מיר, שלמה, טאַקע אַליין אַ חידוש, ווי אַזוי איך קום אַהער.

— ביסט געווען קראַנק, חיים?

— קראַנק גאָר, נאָך דאָס האָט מיר געפעלט.

— וואָס זשע דען?

— אַז דו ווילסט איך זאָל דיר דערציילן, היים דיין באָבען מיר אויפזידן טיי, זיסע טיי. און ברויט זאָל זי מיר אויך געבן, ווייל איך בין שטאַרק הונגעריק און איך האָב זייער ליב זיסע טיי מיט ברויט.

אָנגעגעסן זיך, זיינען זיי ביידע אַראָפּ צום וואַסער, זיך געזעצט אויף אַ שטיין און חיים האָט דערציילט זיין קליי־נעם חבר מיט אַ סך טרויער אין זיין קול:

— ווי, שלמה, זאָלסט וויסן, וואָס ס׳גייט איצט אָן אויף דער אוקראַינע. אין יעדן שטעטל, אין יעדן דערפל, אויף יעדן וואָקזאַל — דייטשן מיט ביקסן און באַמבעס. די באָלשעוויקעס האָבן געמוזט אַוועק אין רוסלאַנד. אָבער מיינסט אָן אמת, אַז זיי זיינען אַוועק אויף שטענדיק, האָסטו אויך אַ טעות. זיי וועלן נאָך קומען צוריק.

ווילסט וויסן ווער ס׳האָט געבראַכט די דייטשן אין אוקראַינע, אָט וועל איך דיר דערציילן. ס׳איז דאָ איינער אַ גענעראַל, פעטליורע, האָט ער פיינט די באָלשעוויקעס און וויל אַליין זיין דער מאַכער פון לאַנד. ער האָט זיי דאָס געבראַכט די דייטשן, כדי זיי זאָלן אים העלפן געוועלטיקן. די דייטשן זיינען אויסגעהונגערט און זייער לאַנד איז אויס־געהונגערט, נעמען זיי צו דאָס גאַנצע ברויט פון לאַנד און שיקן דאָס אַריבער קיין דייטשלאַנד. די פּריצים קערן זיך אום און וועלן צוריק אַ לעב טאָן אַ גוטן טאָג, ווי אין די

אַלטע גוטע צייטן. טויזנטער דערפער ווערן אונטערגעצונדן דערפאַר, וואָס די פויערים ווילן נישט האָבן דעם דייטש ביי זיך אין לאַנד. אַלע בענקען נאָך די באָלשעוויקעס, ווייל זיי האָבן איינגעזען, אַז די באָלשעוויקעס זיינען די אמת׳ע פריינט פון אַלע אָרימע. איז טאַקע איצט שלעכט, אָבער ס׳וועט נישט לאַנג אָנהאַלטן, וועסט זען. די אוקראַי־נער פויערים וועלן אַזוי לאַנג ליידן, ביז וואַנעט זיי וועלן ווערן שטאַרק אין כעס, זיך אויפהייבן אַלע מיטאַמאָל, און אָפּ־טרייבן דעם דייטש און פעטליורען מיט זיינע באַנדיטן.

אָבער מיך האָבן די באָלשעוויקעס נישט געוואָלט מיט־נעמען קיין רוסלאַנד. זיי האָבן מיר געזאָגט: „גיי דיר צוריק פון וואַנעט דו ביסט געקומען און גרייט צו אַלע די, וואָס האָרעווען שווער און האָבן גאָרנישט פון זייער האָרע־וואַניע, אַז זיי זאָלן אויך אָפּשאַפן די רייכע און דעם קייסער, די גענעראַלן און די אָפּיצערן.“ אַזוי האָבן זיי מיר געזאָגט. מוז איך גיין, און אינגיכן וועל איך זיך מסתמא אריבערכאַפּן.

אָבער דער וועג אַהער איז געווען פול מיט סכנות. 500 וויאָרסט האָב איך זיך געשלעפּט צופוס. מיינע שטיוול זיינען מיר צעריסן געוואָרן. אויפ׳ן וועג האָב איך זיי אראָפּ־געשלעפּט און אַוועקגעוואָרפן. איך האָב מיר פאַרלאָזט וואַקסן די באָרד. זע איך מסתמא איצט אויס ווי אַ ווילדער. אַ סך מאָל האָבן מיך די דייטשע סאָלדאַטן איבערגענומען אויפ׳ן וועג, האָב איך זיך געמאַכט פאַר משוגע, און זיי האָבן מיך אָפּגעלאָזט.

פאַרשטייסט, שלמה, דו זעסט אָט דעם רומענער, וואָס זיצט אויף אַ שטיין און רויכערט זיך אַ ליולקע, ער וואָלט זיכער אויף אונז געשאָסן און דער׳הרג׳עט, ווען מיר פרואווון אַריבערגיין די גרענעץ. קענסטו אודאי מיינען, אַז דער דאָזיקער רומענער האָט אַ שלעכט האַרץ און איז אַ פאַר־דאָרבענער מענטש, דערפאַר שיסט ער. האָסטו אויך אַ טעות. ער ווייסט נישט, וואָס ער טוט. נישט ער ווייסט, נישט די דייטשן און נישט די סאָלדאַטן אין פעטליורעס

אַרמיי ווייסן. דערפֿאַר דאַרפֿן מיר זיי געבן צו פֿאַרשטיין און דערפֿאַר וועל איך טאַקע גיין קיין רומעניע צו געבן פֿאַרשטיין. אין אַנדערע לענדער גייען אַנדערע מענטשן אַזוי ווי איך. אומעטום, אומעטום. אַז אַלע וועלן שוין פֿאַרשטיין, ווער ס'איז דער שונא, וועלן מיר אָפּשאַפֿן אַלע גרענעצן, מלחמות און נויט.

ווילסט אודאי ווּיסן, ווער איז דער חבר און ווער איז דער שונא. דער חבר איז יעדער איינער, וואָס פֿאַרדינט זיין ברויט מיט זיין אייגענער מי און האָרעוואַניע. דער שונא איז יעדער איינער, וואָס לעבט אויף פֿרעמדער מי און פֿרעמדער האָרעוואַניע.

שלמה הערט אויס. אַביסל פֿאַרשטייט ער און אַביסל גלויבט ער. ווייל חיים'ס אויגן זיינען אַזוינע גוטע, ווען ער רעדט פֿון אָט די אַלע זאַכן. שלמה וועט אויך אַזוי זיין ווי חיים. לאָז ער נאָר זיין מאַמען באַפֿרייען פֿון טורמע, וועט ער אויך אַוועקגיין צו אַלע אָרימע, זיי טרייסטן און אויפֿקלערן.

די בערג און די טאָלן בליען שוין, קוים וואָס מען זעט. באַלד וועלן זיי זיך צעוואַקסן און דער גאַנצער ברעג וועט ווערן גרין, בלומען וועלן בליען, די ליכטיקע ווינטן וועלן טאַנצן אויפֿ'ן באַרג און דער טייך וועט זיך שווימען אַוועק, אַוועק. דעם זיידנס שטיבל וועט בלייבן ווי געווען מיט ווייסע ווענט, מיט אַ שטרויענעם דאַך, פֿאַרוואַקסן מיט שימל. אָבער ער וועט שוין זיין ווייט. אין דעם בליען לאַנד מיט די ליכטיקע שפּיצן, שטייט אַ שוואַרצע טורמע און אויפֿ'ן העכסטן טורעם קוקט אַ פֿענצטערל אַרויס. דאָרטן זיצט זיין מאַמע מיט פֿאַרבראָכענע הענט און וואַרט אויף איר שלמה'ן, וואָס דאַרף קומען צו איר.

## חיים און שלמה כאַפּן זיך אַריבער די גרענעץ.

גאַנץ פרי איז שלמה אַוועק צום באַרג און אַרויפגע־קלעטערט ביז צום סאַמע שפּיץ. דאָס גאַנצע לאַנד אַרום און אַרום ליגט ווי אויף דער דלאָניע. און ער קען זען אַזוי ווייט! אפשר אויף צענדליקער ווירסט. דאָס איז ער זיך געקומען געזעגענען מיט דעם ברעג. דער טייך זעט אויס פון דאָרטן אַזוי שמאָל, ווי אַ גרינע לענטע, און וואָד־ראַש־קאָוו מיט די פּיצינקע הייזעלאַך, ווי קליין דאָס איז! אָט זעט ער זיין מאַמעס הויז. מען זאָל כאָטש נישט צו׳גנב׳ענען די זאַכן פון שטוב. מען האָט אודאי אַלץ צע׳גנב׳עט און די ווענט שטייען נאַקעטע. חיים זאָגט, אַז קיין וואָד־ראַש־קאָוו טאָר מען נישט קומען, ווייל מען וועט זיי גלייך דער־קענען און אַרעסטירן. בעסער אַוועקגיין וואָס־ווייטער פון דאָרטן. ער וואָלט אַזוי געוואָלט געוואויר ווערן צו זייער שטיבל, ווען ער וועט שוין זיין אויף יענער זייט. ער האָט זיך איצט דערמאָנט אָן דער סאָפּילקע. זע נאָר, גאָר אינגאַנצן אַרויס פון קאָפּ. ווען ער האָט זיך אַריבערגעשיפּט אין יענעם באַרימטן טאָג צום זיידן, האָט ער געהאַט בדעת מיטצונעמען די סאָפּילקע, וואָס ער האָט אויסגעביטן ביי אַ שייגעצל פאַר אַ שטיק ברויט. די סאָפּילקע האָט זעקס לעכעלאַך, און איינס פון אויבן, און שפּילט אַזוי שיין. אָבער אַזוי שפּילן, ווי דער טשאַבאַן, וואָס טרייבט די טשערעדע אויפ׳ן פעלד, האָט ער נאָך נישט געקענט. וואָס זשע איז טאַקע געוואָרן מיט דער סאָפּילקע. ער האָט זי איבער־געלאָזט אין אַ שופלאָד פון קאָמאָד. אַ טייערע סאָפּילקע געווען.

ער זיצט אויפ׳ן באַרג און ער מיינט, אַז ער איז אַזאַ

שטאַרקער, כאָטש פון גאַנץ פּרי אָן קלאַפּט שוין דאָס האַרץ און ער קאָן גאָרנישט נעמען אין מויל אַריין. איצטער איז ער אַזוי הויך, העכער פון דער גאַנצער וועלט. און דערפאַר טאַקע, וואָס ער איז אַזאַ הויכער, וועט אים דען נישט געלינגען אַרויסצורייסן זיין מאַמען פון טורמע? געוויס יאָ. און שלמה פילט, אַז ער איז אויך געוואָרן מיטאַמאָל אַ גרויסער באַרג און ער הויבט אויף אַ קליין שטיינדל און גיט דאָס אַ שליידער. איז דאָס שטיינדעלע געפלויגן ווי אַ פייגעלע אַזוי הויך און געפאַלן גאָר ווייט. ער האָט אויך אַ געשריי געטאָן און דער געשריי איז אויך אַוועקגעפלויגן און געפאַלן פּונקט ווי דאָס שטיינדעלע ווייט, ווייט און דאָרטן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד.

ביינאַכט, און די לבנה האָט שוין מער נישט געמאַכט ווייס די וואַסערן. דער טייך איז געווען שוואַרץ און פינצטער. דער באַרג האָט אויסגעקוקט ווי אַ הויכער ברייטפּלייציקער ריז מיט אַ גראָבן שטעקן און מיט אַ לאַנגער באָרד. שטייט אנימיטן וועג און היט די פינצטערע נאַכט, זי זאָל חס וחלילה נישט אָנטאָן קיין שאָדן דער וועלט.

דער זיידע מיט דער באָבען זיינען געשמאַק געשלאָפן און אפילו נישט געוואוסט, אַז סיי דעם לערערס געלעגער און סיי דעם אייניקלס שטייען ליידיק און פּוסט.

פון וואַסער האָט געצויגן אַ קאַלט ווינטל און עפּעס אַ חיה'לע אין די גראָזן האָט געמאַכט או־האַ, או־הא — האָט זיך שלמה'ן אויסגעוויזן, ווי דער פויגל סטראַשעט אים: או־האַ, אָט גיי איך דערציילן דיין באָבען; או־האַ, אָט וועל איך אויסזאָגן דעם זיידן, און ער וועט דיר נאָכלויפן אין די הוילע אונטערוועש מיט דער יאַרמולקע און דיך כאַפּן און דיך צוריקברענגען אין שטוב און זאָגן צו דער באָבען: קוקסט אָן דעם תכשיט, ער וויל שוין מאַכן נאָכאַמאָל אָט יענע שפּיל, פון וועלכער איך האָב אים קוים אַרויסגעראַטעוועט.

דער פויגל האָט גאָרנישט געמיינט צו דערציילן דעם

זיידן מיט דער באָבען פון שלמה׳ן. ס׳איז אים געוועזן קאַלט און אומעטיק, איז ער זיך געזעסן פאַרשטעקט ערגעץ צווישן די גראָזן, געציטערט פון קעלט און געמאַכט: או־האַ, או־האַ. פויגל, פויגל, מאַך נישט או־האַ, או־האַ. דער רומענער מיט דער ביקס קען אפשר נישט איינשלאָפן צוליב דיין געשריי. איצטער מוז ער אַריינפאַלן אין אַ שווערן שלאָף, ווייל חיים און שלמה וועלן באַלד אַריינשפּרינגען אין וואַסער.

זיי האָבן זיך ביידע גע׳גנב׳עט מיט׳ן ברעג אַרויף־אַרויף, דאָרטן וואו ס׳ענדיקט זיך ס׳שטעטל און ס׳הויבן זיך אָן פעלדער פון איין זייט און פון דער צווייטער — בערג מיט וועלדער. דאָרטן שטייט מסתמא קיינער נישט און היט נישט דעם טייך. אָבער די מורא איז אַזוי גרויס, אַז דאָס האַרץ וויל אַרויסשפּרינגען. און ס׳איז אַזוי שטיל אויף דער וועלט, אַקוראַט ווי דער טייך און די בערג מיט די פעלדער און וועלדער האָבן פאַרהאַלטן דעם אָטעם און שטיל געבליבן, כדי צו זען, ווי אַזוי חיים און שלמה וועלן גנב׳ענען די גרענעץ.

דער לערער קריכט אַזוי פלינק, אַקוראַט ווי זיין פוס וואָלט גאָרנישט אונטערגעהונקען. שלמה נאָך אים, ווי אַן איבערגעשראָקענער האָז. קיינער וועט זיי נישט טשעפּען אויף דעם ברעג, ווייל די גאַנצע וועלט שלאָפט. די חיות און די פייגל אויך. אפילו די רומענער אויף יענער זייט דרימלען אָנגעשפּאַרט אויף די ביקסן, און אפילו דער טייך מאַכט ש־ש־ש.

אָבער עמעצער דאָרטן פון דער ווייטנס ברעכט צווייגן און ביימלאַך. שטיינער קייקלען זיך באַרג אַראָפּ און שלמה׳ן האַקט אין מח פון דעם. ווער קאָן דאָס זיין? אַ צעשראָקענער רייטער איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד. דערזעענדיק דאָס פּאָרל, האָט ער גלייך געוואָלט אויסקערעווען ס׳פערד און אַנטלויפן. חיים איז פאַר אַ ווייל געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער, באַלד אָבער האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צום רייטער, וואָס האָט

געוואָלט אַנטלויפן, און אַ שעפּטשע געטאָן:

— שטיי, מענטש איינער, מיר זיינען נישט דיינע שונאים.

— איך בין דיר אויך נישט קיין שונא, אויב דו וועסט מיך נישט טשעפּען. — האָט דער רייטער זיך אָנגערופן, און זיין קול איז נאָך געווען צעשראָקן. שלמה וואָלט גע־קענט שווערן, אַז דאָס איז סטעפּאַן מיט זיין פערד.

— סטעפּאַן?

— שלמה!

יאָ, ס'איז סטעפּאַן. פאַרבענקט זיך אַזוי שטאַרק אַהיים. מערער שוין נישט געקענט אויסהאַלטן. האָט ער פאַרקע־רעוועט צום דניעסטער. ער איז חס־וחלילה נישט אַנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס. סטעפּאַן איז נישט קיין טרוס. איוואַ־נאָוו האָט אים געזאָגט: ביסט פריי. ווילסטו — גיי מיט אונז. ווילסטו נישט — גיי דיר אַהיים. און וואָס ער האָט מיטגענומען ס'פערד? מען וועט דאָך דערקענען, אַז ער איז אַ סאָלדאַט, די רומענער וועלן אים נאָך כאַפּן. אָבער סטעפּאַן וועט זיך נישט שיידן מיט זיין חבר, מיט וואַסקאַ'ן. ווייל אַזאַ פערד פאַרמאָגט אפילו נישט דער פריץ אַליין. און אַז ער וועט אָנקומען מיט זיין פויגל אין דאָרף און וועט צופאָרן צום הויז, וועלן זיך אַלע פאַר'חידוש'ן.

דער דניעסטער האָט זיי אַלע דריי אַריינגענומען אַזוי ליבלאָך און ווייך. שלמה מיט סטעפּאַנ'ען אויפ'ן פערד. חיים אַ נאַקעטער, האָט זיך אָנגעהאַלטן ביים עק. ס'פערד איז אַ קלוגס, פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף איצט נישט אויפ־הויבן קיין טומל, איז עס ביז'ן האַלז געקראָכן אין וואַסער, געשאַרט מיט די קאָפּיטעס און שטיל געסאָפּעט מיט די נאָזלעכער. דער פינצטערער ברעג האָט זיך גערוקט אַנט־קעגן נענטער און נענטער. אָנגעקומען, און ס'איז דאָך עפּעס גאָר קיין גרענעץ נישט. די זעלבע גראָזן אונטער די פיס און דער זעלבער ריח פון דער ערד.

אין וואַלד האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ ווינט, געפלויגן

באַרג־אַראָפּ אין טאָל, באַגעגנט די דריי אַריבערגעקומענע און זיי געגלעט די צעפּלאָמטע פּנים׳ער, זיך אומגעקערט מיט זיי צוריק און געפירט זיי באַרג־אַרויף טיף אין וואַלד אַריין.

פון וואַלד האָבן זיי פאַרקערעוועט אויף אַ ברייטן וועג. דאָרטן האָט סטעפּאַן זיך צעקושט מיט חיים׳ען און שלמה׳ן און אַוועקגעריטן.

די נאַכט איז שוין געוואָרן וויים. ערגעץ נישט ווייט אין אַ דאָרף האָט אַ האָן אַ קריי געטאָן. און ביידע האָבן דערהערט דעם קריי און געוואָרן פריילאַך. דערנאָכדעם האָט זיך ערגעץ אַ הונט צעהאַווקעט און פון דעם איז זיי אויך געוואָרן גוט. און דאָס גוטסקייט האָט זיך צעשפּרייט און צעגאָסן איבער זייערע לייבער, און זיי האָבן געשפּאַנט ווייטער האַסטיק און פריילאַך.

וואוהין גייען זיי? חיים וועט שוין פירן. דאָ אַרום געבוירן געוואָרן און נישט איינמאָל געשפּאַנט צופוס איבער בעסאַראַביע. זיי וועלן נישט פאַרלוירן גיין.

אויף די גראָזן האָט זיך געלייגט אַ טוי, אַ קלאָרער. אָט באַלד קומט שוין דער טאָג, און דער טשאַבאַן מיט אַ טאָרבע איבער די פּלייצעס און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט טרייבט צוזאַמען מיט זיין קודלאַטן שוואַרצן הונט אַ גאַנצע טשערעדע ווייסע שעפעלאַך. די שעפּעלאַך מעקען, ווייל ס׳איז זיי קאַלט און זיי זיינען פאַרשלאָפן. האָט חיים זיך אָפּגעשטעלט און אַ זאָג געטאָן:

— אַ גוט מאָרגן!

— אַ גוט מאָרגן! פון וואַנען זיינען מענטשן געקומען און וואוהין גייען זיי?

— געקומען זיינען מיר פון יענער זייט און גייען אַזש קיין בעלץ. אונז האָבן די באָלשעוויקעס געשיקט אַהער, אייך אָנצוזאָגן די פריילאַכע בשורה, אַז באַלד וועלן נאָך מערער אָנקומען און מ׳וועט צונעמען די גאַנצע ערד ביי די פּריצים און זי צעטיילן צווישן דיר און צווישן אַנדערע אָרימע פּויערים, וואָס פאַרמאָגן גאָרנישט. אַז דו וועסט

קומען אין דיין דאָרף אַריין, זאָלסטו איבערגעבן דאָס, וואָס איך האָב דיר געזאָגט.

דער פּאַסטוך האָט זיך דערשראָקן פאַר די רייד און פאַר דעם מאָדנע פּאָרל. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס פעל־צענע היטל פון קאָפּ, געבליבן אַזוי שטיין מיט'ן היטל אין איין האַנט און מיט'ן שטעקן אין דער צווייטער, ווי אַ פאַר־שטיינערטער. לעבן אים איז דער הונט אויך געשטאַנען פאַר'חידוש'ט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און זיי האָבן אפילו נישט באַמערקט, ווי די שעפּעלאַך זיינען שוין אָפּגעגאַנגען אַ היפּשע שטרעקע. איז דער טשאַבאַן מיט דעם הונט אַזוי געשטאַנען און זיך נישט גערירט פון אָרט ביז וואַנען חיים און שלמה זיינען שוין ווייט געווען אַוועק. ערשט דעמאָלט האָט דער פּאַסטוך זיך אַ כאַפּ געטאָן אָנ'יאָגן די שעפּעלאַך.

אַז די זון איז שוין געווען אינמיטן הימל, זיינען חיים און שלמה געווען ווייט פון ברעג. אינמיטן סטעפּ, אונטער אַ געדיכטן בוים, האָבן זיי זיך ביידע געזעצט אָפּרוען און אונטער זיין שאָטן זיינען זיי ביידע באַלד אַנטשלאָפן גע־וואָרן ווי געה'רג'עטע.

## וואָר און חלום.

דער פּאַסטוך, דער מאָלדאַוואַן, האָט אַרויפגעטריבן די שעפּעלאַך אויף אַ פעלד מיט פּאַשע. אַליין האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן גראָז, צעבונדן זיין טאָרבע און אַרויס־גענומען אַ שטיקל קאַלטע פאַרהאַרטעוועטע מאַמאַליגע, דערביוועט פון אַ פּאַפּירל אַביסל זאַלץ, באַזאַלצן די מאַמאַ־ליגע און געשלונגען מיט גרוים הנאה. אָפּגעגעסן, איז ער צוגעגאַנגען צום טייכל לעבן וועג, זיך אויסגעצויגן ווי לאַנג ער איז, צוגעלייגט די ליפּן צו דעם קאַלטן קלאָרן וואַסער, וואָס האָט געראָנען אויף אַ ריינעם זאַמד און קליינטשינקע שטיינדלאַך, און זיך גוט אָנגעטרונקען. איז אים געוואָרן מיטאַמאָל גוט און וואויל. אַנטקעגן דער וואַרימער זון איז אַ מחיה צו ליגן. איז ער אַזוי געלעגן און זיך געפּוילט, ביז מיטאַמאָל האָט ער פאַרגעסן, וואו ער איז אויף דער וועלט. אָבער ס'האָט אים נישט געאַרט, ווייל ער האָט גע־פילט אַזאַ גרינגקייט אויפ'ן האַרצן. דער סטעפּ איז מיט־אַמאָל געוואָרן ווייס. דער עק ביים הונט איז אויך געוואָרן ווייס, נאָר דער קערפּער זיינער איז אינגאַנצן געבליבן שוואַרץ ווי געוועזן. האָט דער מאָלדאַוואַן זיך גע'חידוש'ט, וואָס די וועלט איז געוואָרן אַזוי ווייס, און בלויז דער הונט גייט אום אַ שוואַרצער מיט אַ ווייסן עק און האַוקעט אויף די שעפּעלאַך אָן אַ פאַרוואָס.

מיטאַמאָל האָט זיך ווידער באַוויזן דער הויכער בחור, אַ הינקענדיקער, און נאָך אים דאָס קליינע אינגל. אָבער דער הינקענדיקער איז גאָר געווען אינגאַנצן נאַקעט און זיין פּנים האָט געשיינט ווי די זון. דאָס אינגל, וואָס איז נאָכ־געגאַנגען טריט ביי טריט, האָט גאָר אויסגעקוקט ווי אַ

לעמעלע, און געמעקעט: מע־מע.

שטייען זיי ביידע, קוקן אויף אים און שווייגן. איז אָבער דעם הינקענדיקנס פּנים אַזוי מילד און גוט, אַז ער קען שווערן, אַז ער האָט אים ערגעץ געזען.

— וואו האָב איך דיך געזען? — וויל דער פּאַסטוך וויסן.

— אומעטום. — ענטפערט אים דער הינקענדיקער.

— אומעטום? שאַ, וואַרט נאָר אויס — קלערט דער מאָלדאַוואַן און באַטראַכט דעם לאַנגן בחור און ס'קומט אים אויס, אַז זיין פּנים איז אים זייער נאָענט.

„אפשר איז דאָס יעזוס?" גיט ער אַ טראַכט און האָט מורא פאַר אַזאַ געדאַנק.

— ניין, איצט בין איך שוין נישט יעזוס. איצט בין איך אַ באָלשעוויק.

— אַ באָלשעוויק? יעזוס איז גאָר געוואָרן אַ באָלשעוויק. נו, ווער איז דאָס לעמעלע, וואָס גייט דיר נאָך?

— איך ווייס אַליין אויך נישט. אויפ'ן וועג האָט דאָס מיך באַגעגנט, זיך צוגעקלעפּט צו מיר און וויל מיך נישט אָפּלאָזן.

— מיינסטו טאַקע אין אמת'ן, אַז די פּריצים וועלן צעטיילן זייער ערד צו די אָרימע פּויערים? — וויל דער פּאַסטוך שטאַרק וויסן.

— נישט זיי וועלן צעטיילן, מיר וועלן די ערד אַליין צונעמען ביי זיי. מיט געוואַלד וועלן מיר זי אַוועקרייסן.

— אַזוי גאָר? — וואונדערט זיך דער פּאַסטוך — מיט געוואַלד גאָר? וואַרט־זשע אויס. נו, און וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן שיסן אויף אונז? — — אָבער קיינער ענטפערט שוין נישט. פאַרוואָס־זשע ענטפערט ער אים נישט. זע נאָר, שוין קיינער נישטאָ. וואוהין זיינען זיי אַהינגעקומען?

פונדערווייטנס וויקלט זיך אַ שטויב, ווי אַ רויך, און דאָס שעפעלע לויפט אַריין אין שטויב און ווערט פאַר־שוואונדן. האָט דעם מאָלדאַוואַן אָנגעהויבן צו קלאַפּן דאָס

האַרץ און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. איז די זון שוין געווען אינמיטן הימל און די שעפּעלאַך האָבן שוין נישט געוואָלט עסן, געשטאַנען אַרום אים און געקוקט אין זיינע אויגן אַריין מיט רחמנות׳דיקע פּנים׳ער. דאָס האָבן זיי שוין געוואָלט טרינקען, ווייל די היץ האָט זיי געמאַטערט. האָט ער זיי צונויפגענומען און אַוועק מיט זיי אין טאָל, וואו ס׳האָט זיך געצויגן אַ קליין טייכל. דאָרטן האָבן זיך די שעפּעלאַך אָנגעטרונקען, צעלייגט אין טאָל און איינגע־דרימלט. דער פּאַסטוך האָט זיך אויך צוגעזעצט און זיך שטאַרק פאַרקלערט.

פאַרנאַכט, ווען ער האָט די שעפּעלאַך געפירט אין דאָרף אַריין, האָט ער באַגעגנט פּויערים, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון פעלד. האָט ער זיי דערציילט, אַז אינמיטן סטעפּ האָט ער געזען יעזוס׳ן, אַ היינקענדיקן, וואָס האָט מיטגעפירט מיט זיך אַ שעפּעלע, און יעזוס האָט אים גע־זאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ באַלשעוויק און גייט איצט צו די פּריצים אַפּנעמען די ערד און זי אָפּגעבן די פּויערים. האָבן אָבער די פּויערים נישט געוואָלט גלויבן. אָבער ווען דער פּאַסטוך האָט זיך געוואָרפן צו דער ערד, זיך גע׳צלמ׳ט און געשוואוירן, אַז ער האָט אים אַליין מיט זיינע אויגן געזען. האָבן שוין די פּויערים קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און אים געמוזט גלויבן. באַלד האָט זיך דער קלאַנג צע־טראָגן איבער׳ן גאַנצן דאָרף, און נאָך וועטשערע האָבן זיי זיך צונויפגענומען קופּקעסווייז און געהאַלטן אין איין אַרומ־ריידן די זאַך. איז זיי געוואָרן גוט אויפ׳ן האַרצן פון פּאַס־טוכס מעשה און זיי האָבן געגלויבט, אַז אינגיכן וועלן זיי שוין טאַקע געהאָלפן ווערן.

די זעלבע נאַכט, אין דעם זעלבן דאָרף, האָבן שלמה און חיים אָנגעקלאַפּט אין אַ הייזל, ווייל זיי זיינען שוין געווען אויסגעהונגערט און אויסגעמאַטערט. אַ מאָלדאַוואַן האָט זיי געעפנט די טיר און האָט דערזען חיימ׳ען אַ הינ־קענדיקן. איז אים באַלד אַרויף דעם פּאַסטוכ׳ס מעשה.

אָבער ער האָט געמאַכט אַ שווייג און זיי אַריינגעלאָזט אין הויז מיט גרויס גאַסטפריינטלאַכקייט.

זיי ווילן עסן, אָבער אין שטוב פאַרמאָגט ער גאָרנישט. קאַרטאָפליעס האָט ער נאָך. ס׳איז אים נאָך געבליבן פון ווינטער. קיין באַלעבאָסטע אין שטוב האָט ער נישט. נאָך ווינטער איז זי געשטאָרבן פון טיפוס. די קראַנקייט האָט אוועקגעריסן אַ סך נפשות ביי זיי אין דאָרף.

ער האָט באַלד צעלייגט אַ פייער. די קינדער, וואָס זיינען שוין געהאַט געשלאָפן אויפ׳ן אויוון און האָבן גע־כראָפּעט, האָבן זיך אויפגעכאַפּט און באַטראַכט מיט דער־שראָקענע אויגן די צוויי ביינאַכטיקע ווילד־פרעמד געסט. חיים איז אָבער אַ מומחה אויף אַלע זאַכן. ער האָט באַלד אָנגעהויבן מיט זיי זיך שפּילן, געוויזן פאַרשידענע קונצן און דאָס קליינוואַרג האָט געלאַכט און זיך צוגעשאַרט נענטער. ביז זיי זיינען געוואָרן מיט אים גרויסע גוטע־פריינט און ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן פאַר זיי אַ מעשה.

דער טאָפּ מיט די קאַרטאָפליעס האָט זיך געקאָכט אין אויוון. אַ גרויסער פלאַם האָט דאָרטן געפלאַקערט און האָט געוואָרפן אַ שיין אויף דער פינצטערער שטוב און אויף חיים׳ען און אויפ׳ן קליינוואַרג אַרום אים, וואָס האָט זיך צוגעהערט מיט בלישטשענדיקע אייגעלאַך צו פרעמדנס רייד. דער טאַטע זייערער האָט זיך איינגעהערט מיט נאָך מערער אויפמערקזאַמקייט ווי די קינדער און האָט זיך וויי־טער דערמאָנט אָן דער מעשה, וואָס דער פאַסטוך האָט דערציילט.

די קאַרטאָפליעס האָבן זיך אָפּגעקאָכט. האָט דער פויער אַרויסגענומען דעם טאָפּ פון אויוון, אים איבערגע־קערט אין אַ גרויסער שיסל און די שיסל אַנידערגעשטעלט אויף אַ קליין קיילעכדיק בענקעלע. האָבן זיך אַלע אַרומ־געזעצט און זיך גענומען צו דער אכילה. די קינדער האָבן געשלונגען מיט דער שאָלעכץ און זיך געבריט דעם גומען,

אָבער זיי האָבן נישט געקוקט דערויף, ווייל זיי זיינען געווען שטאַרק הונגעריק. שלמה האָט אויך געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. אין איין וועגס האָט ער שוין באַטראַכט די קינדערלאַך און די אָרימקייט פון דער שטוב.

נאָך וועטשערע, ווען די קינדער מיט׳ן טאַטן האָבן זיך צוריק געלייגט אויפ׳ן אויוון שלאָפן, האָט שלמה נישט געלאָזט חיים׳ען איינדרימלען. ער וואָלט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי קען מען מאַכן, אַז דער פּויער מיט זיינע קינדער זאָלן אַזוי נישט הונגערן.

— וואָס הייסט ווי אַזוי? — וואונדערט זיך חיים. — מען דאַרף דעם פּויער געבן מערער ערד.

— און אַז ער וועט שוין האָבן די ערד? — קען שלמה אַלץ נישט פאַרשטיין.

— וואָס פאַרשטייט ער דאָ נישט? — דערקלערט אים חיים און איז ברוגז, וואָס יענער לאָזט אים נישט שלאָפן. — אַז ער וועט האָבן מערער ערד, וועט ער פאַרזייען מערער ברויט, מערער קאַרטאָפליעס און אַנדערע זאַכן — וועט דער פּויער האָבן מערער צו עסן.

חיים איז באַלד איינגעשלאָפן, אָבער שלמה האָט נאָך אַלץ געקלערט. זע נאָר, ס׳גייט גאָר אָן מערער ערד, און ער האָט געזען אַזוינע ברייטע סטעפּעס פרייע און ווייטע. זיי זיינען געווען גוט באַאַרבעט, צעאַקערט און פאַרזייט — גרינע בלעטלאַך האָבן שוין געשפּראָצט. חיים האָט געזאָגט, אַז ס׳וועט וואַקסן קאָרן. וועמעס־זשע זיינען זיי, אָט די גרויסע שטרעקעס לאַנד?

— דעם פּריצ׳ס.

— נו, און די וועלדער?

— אויך דעם פּריצ׳ס.

— נו, און דער באַרג, וואָס קוקט אויס, ווי עמעצער וואָלט אים פאַרשפּרייט מיט פּליושענע קאָווראָן?

— אויך דעם פּריצ׳ס.

וויי, וויי, אַלץ דעם פּריצ׳ס! און די קינדער האָבן זיך

גערביט מיט די הייסע קאַרטאָפּליעס און עס האָט זיי גאָר־נישט געאַרט, ווייל זיי זיינען געווען שטאַרק הונגעריק.

דער פּויער אויפ'ן אויוון איז אויך נישט געשלאָפן. גע־היט אין דער פינצטער דעם הינקענדיקן מיט'ן אינגל און געטראַכט: ווי קען ער גאָר זיין יעזוס, אַז ער רעדט אַזוי שוואַך מאָלדאַוואַניש. יעזוס רעדט מסתמא מאָלדאַוואַניש פּונקט ווי אַ זייעריקער. און עפּעס אַזוינע מאָדנע רייד האָט דער פרעמדער צום קליינוואַרג גערעדט. ער האָט דערציילט, אַז ווען זיי וועלן שוין זיין גרויסע, וועט זייער טאַטע געווים שוין וואוינען אין אַ גראַמער ברייטער שטוב. ערד וועלן זיי שוין האָבן וויפיל נאָר זיי וועלן קענען באַארבעטן. ברויט וועלן זיי אויך האָבן איבערגענוג, און אפילו פלייש, ווייל ס'זיינען אויפגעשטאַנען אַזוינע מענטשן, וואָס רופן זיך באָלשעוויקעס. האָבן זיך די באָלשעוויקעס אריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ צו גיין אויף רומעניע און צונעמען די ערד ביים פריץ מיט די אַקערס און שנייד־מאַשינען און דאָס אַלץ אָוועקגעבן זייער טאַטן.

אַזוי האָט דערציילט דער פרעמדער. אָבער מאָלדאַ־וואַניש רעדט ער דאָך זייער שלעכט. ווי קאָן דען געשיקט זיין, אַז ס'זאָל זיין יעזוס?

דער מאָלדאַוואַן האָט באַשלאָסן נישט איינצושלאָפן און זען, וואָס וועט דאָ זיין. אָבער פון מידקייט האָבן זיך דאָך ביי אים די אויגן געשלאָסן און ער איז אריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. זיינען פון די פרומע בילדער, וואָס הענגען אויף דער וואַנט, אַראָפּגעגאַנגען אַלע הייליקע, זיך געזעצט אַרום טיש און אים געהייסן דערלאַנגען קאַרטאָפל. האָט ער זיי דערלאַנגט אַ גרויסע שיסל מיט קאַרטאָפל, און וואָס מערער זיי האָבן געגעסן, אַלץ מערער איז נאָך פאַרבליבן אין שיסל. פּלוצלינג זיינען אַלע געבליבן שטיל, ווייל די טיר האָט זיך אָן עפן געטאָן און דער הינקענדיקער איז אריין, פירנדיק ביי דער האַנט אַ אידיש אינגל. אַלע אַרום טיש האָבן זיך אויפגעשטעלט פון זיין כבוד וועגן און גע־

מאַכט פּלאַץ פאַר זיי אויבנאָן.

דער הינקענדיקער אָבער האָט זיך נישט געוואָלט זעצן, גענומען אַ קאַרטאָפל און זי געגעבן דעם אידישן אינגל און אַליין האָט ער גאָרנישט פאַרזוכט. געשטאַנען אַ ווײַלע און געשוויגן. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגערופן: איר זעט אָט דאָס אידישע אינגל? וואַקסט ער אַ גרויסער באָלשעוויק און ער וועט אויסלייזן אַלע פּויערים פון זייער אָרימקייט. איר זעט זײַנע שיינע שוואַרצע אויגן? זעט נאָר וואָס פאַר אַ גוטסקייט זיי שטראָמען אַרויס פון זיך. פּלוצלינג האָבן אַלע קלויסטער-גלעקער אָנגעהויבן צו קלינגען. אַלע האָבן זיך געוואָלט אַ לאָז טאָן צו דער טיר. אָבער דער הינקענדיקער האָט זיי אָפּגעשטעלט און אַ מאַך געטאָן: „מען דאַרף נישט גיין אין קלויסטער אַריין. דאָרטן איז שוין יעזוס מער נישטאָ. אַנטלאָפן פון קלויסטער צו די באָלשעוויקעס אויף יענער זייט. וואָס טוט איר גאָר ביי דעם אָרימען פּויער אין הויז און וואָס עסט איר אויף זײַנע קאַרטאָפל? ער דאַרף מיט זיי האָדעווען זײַנע הונגעריקע קינדער. בעסער גייט אין פעלד אַריין, דער טאָג גייט שוין אויף און מען דאַרף אַרבעטן.“

ווען דער פּויער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זײַנען שוין ביידע נישט געווען, און דער פאַרטאָג האָט שוין געקוקט אין די פענצטער, און דאָס האַרץ האָט אים שטאַרק געקלאַפּט. ער איז אַראָפּגעקראָכן פון אויוון, זיך פרום איבערגע׳צלמ׳ט עטלאַכע מאָל און האָט ווידער אַריינגעשטעלט אַ טאָפּ קאַרטאָפליעס אין אויוון אַריין. ער האָט אויפגעוועקט דאָס קליינוואַרג, אָנגעהאָדעוועט זיי. אַ פּאָר אָפּגעקילטע קאַרטאָפליעס האָט ער אַריינגעלייגט אין זיין טאָרבע און איז אַוועק צוזאַמען מיט אַ סך פּויערים פון זיין דאָרף אויף דעם פּריצ׳ם פעלדער. קיין אייגענע אַקסן האָט ער נישט געהאַט. ער האָט בסך-הכל פאַרמאָגט צוויי מאָרג ערד. האָט ער איין מאָרג נאָך העט-פריער פאַרזייט מיט קאַרטאָפל, דעם צווייטן — פּאַפּשויעס. און איצט אַרבעט

ער אויפ'ן פריצ'ס פעלדער. דאָרטן האָט ער אַלעמען דער־ציילט פון די ביינאַכטיקע געסט און אַלע האָבן זיך גע־וואונדערט.

אָבער אומעטום זיינען דאָ מוסרים. איינער, אַ שייגעץ, איז געקומען און האָט דערציילט דעם שעף פון דאָרף, און יענער איז באַלד געקומען מיט סאָלדאַטן און האָט אַרעס־טירט דעם פאַסטוך מיט דעם פויער. אין אַ פינצטערן קעלער האָט מען זיי געמוטשעט און געשלאָגן און דערנאָך אָפּגעלאָזט. אָבער די סימנים פון חיים'ען און שלמה'ן האָט שוין דער שעף געוואוסט און ער האָט געגעבן צו וויסן אין אַנדערע דערפער צו אַנדערע שעפן, אַז מען זאָל זיי אַרומ־זוכן אויף אַלע וועגן.

ביז בעלץ איז זייער ווייט. מען דאַרף דורכגיין שטעט און שטעטלאַך, דערפלאַך, טאָלן און בערג. ס'איז אָבער פרילינג אויף דער וועלט. די סטעפּעס גרינען מיט יונגע גראָזן און די הויכע וואָלקנס טיף אין הימל זיינען קלאָר ווייס. די ערד וואַרימט די באָרוועסע פיס און די שיקסעס מיט די שקצים אויף די פעלדער זינגען לידער.

שלמה וועט נישט פאַרלוירן גיין און חיים אודאי נישט. די סטעפּעס זיינען אָבער ברייטע און ציען זיך אוים וויים־ווייט, און חיים און שלמה קוקן אוים פונדערווייטנס ווי צוויי קליינטשינקע אינגלאַך אינמיטן אָט דער ברייטער וועלט. אָבער אַז מען קומט־צו צו זיי נאָענט, קוקן זיי שוין נישט אוים אַזוי קליין. חיים דער לערער הינקט אונטער. זיין האַלז איז לאַנג און אויסגעשטרעקט. גייט ער זיך פאָרוים און זיינע אויגן שלינגען די ווייטקייט. שלמה איז שוואַרץ געוואָרן פון דער זון און איז אויסגעוואַקסן אויפ'ן וועג. אָט באַלד וועט ער שוין זיין אַזוי לאַנג ווי חיים, אָבער ברייטער און פעסטער. אָן היטלאַך גייען זיי ביידע. באָרוועסע, די שיך צוזאַמענגעבונדן און אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסלען.

## מען פייניקט אסתר'ן אין טורמע.

די טורמע אין בעלץ איז פינצטער און די ווענט זיינען נאַסע. אונטער'ן דאַך האָבן די טויבן זייערע נעסטן. ווייסע טויבן און פריילאַכע. פּאַפּעסקו גיט זיי עסן, האָבן זיי גאָר־נישט קיין מורא פאַר אים און פּיקן די קערנדלאַך גלייך פון זיין האַנט . דענקען אודאי די טויבן, אַז דער אויפזעער, וואָס הייסט פּאַפּעסקו, איז זייער אַ גוטער מענטש און מען דאַרף אים ליב האָבן. ווען די טויבן זאָלן אָבער קענען פאַר־שטיין, וואָס מענטשן ריידן, און זיך צוהערן, וואָס די אַרעס־טאַנטן דערציילן וועגן אים, וואָלטן זיי אײנגאַנצן זיך גע־שעמט צו פּיקן די קערנדלאַך פון זיין האַנט און וואָלטן פאַרלאָזט דעם דאַך פון דער טורמע.

די טורמע איז גרוים און ווייסע טויבן פלאַטערן איבער איר און שפּילן זיך אין דער לופט. פּאַפּעסקו האָט ליב די ווייסע טויבן און האָט פיינט מענטשן. באַזונדערס האָט ער פיינט אסתר'ן. וואָס האָט ער צו איר? אירע אויגן זיינען שיינע און טרויעריקע. אירע הענט זיינען לאַנגע און בלייכע. אירע ליפּן זיינען שטענדיק געשלאָסן און אירע האָר שוואַרצע, גלאַנציקע און פאַרקעמט.

דער פּאַפּעסקו האָט ליב געהאַט עטלאַכע מאָל אַ טאָג זי אַריינעמען אין זיין צימער און זי מוטשען.

— שפּיאָנקע, קום נאָר אַהער, זעץ דיך אויפ'ן בענקל.— פלעגט ער אַ זאָג טאָן מיט חוזק.

אסתר ענטפערט נישט און אויפ'ן בענקל זעצט זי זיך נישט. ווערט ער שוין אין כעס און גייט־צו צו איר און וויל זי אַרומנעמען, כדי מיט געוואַלד זי אַנידערזעצן אויפ'ן בענקל. אָבער זי גיט אַ קוק אויף אים. מער נישט ווי איין

קוק, און ער קען זי נישט אַרומנעמען און זי אַנידערזעצן אויפ׳ן בענקל מיט געוואַלד.

— ווילסט נישט זיצן, שטיי אין געהאַקטע וואונדן! — גיט ער אַזוי אַ מאַך כלומר׳שט קאַלטבלוטיק און ציטערט אַזש פון כעס.

— הער נאַר, דו אידישקע. דו ווייסט, אַז ווען איך וויל, רוף איך אַריין צוויי זשאַנדאַרמען און מען צעשלאָגט דיר דיין פנים... — אסתר שווייגט נאָך אַלץ און ענטפערט נישט. אָבער קוקט אויף אים מיט אַזוי פיל האַס און חוזק. פּאַפּעסקו דערקענט דאָס באַלד און פילט זיך אַזוי נידעריק און קליין פאַר אירע אויגן.

— הויבט ער שוין אָן מיט גוטן:

— הער נאַר, מען באַשולדיקט דיך, אַז דו ביסט געווען אַ שפּיאָנקע ביי די באָלשעוויקעס. פלעגסט זיי אַריבערגעבן סיגנאַלן אויף יענער זייט. און דו ווייסט כאָטש, וואָס פאַר אַ שטראָף ס׳קומט דיר דערפאַר? די העכסטע שטראָף — טויט... אָבער ווען דו פאָלגסט מיך, וואָלט דיר געווען גוט ווי די וועלט. איך האָב אַ הויז הינטער גאַלאַץ און דאָס איז אַ פּאַלאַץ. אַ גרויסער גאָרטן אַרום און אַרום. דינסטן און קנעכט, און אַן אויטאָמאָביל אפילו קען איך קויפן. ווער מיין ווייב. דאָס בעסטע און דאָס שענסטע וועסטו ביי מיר האָבן.

צעלאַכט זיך אסתר אויף אַ קול פון זיינע רייד. פון דעם געלעכטער הויבט אים אָן צו שטעכן אין הארצן און דער כעס זידט אין אים און ס׳ווילט זיך אים אַזוי שטאַרק איר געבן אַ פּאַטש אין פנים.

אַזוי דריי מאָל אַ טאָג, און אַמאָל מערער, רופט ער זי אַרויס צו זיך און פייניקט זי מיט זיינע רייד. שלאָגן זי קען ער אָבער עפּעס נישט.

אסתר האָט שוין נישט קיין מורא פאַר דער גאַנצער וועלט. אין אָנהויב האָט זי מורא געהאַט און געשריגן געוואַלד, ווען מען האָט זי אַרויסגעפירט פון איר הויז. אין

קעלער ביים קאָמענדאַנט אין וואָד־ראַשקאָוו האָט זי זיך אַזוי פיל געזאָרגט. אָבער אַז מען האָט זי שוין אַריינגע־זעצט אין וואָגן צווישן אַזוי פיל מיידלאַך און בחורים און זיינען זיי אַזוינע יונגינקע און ס׳איז אַ רחמנות אויף זיי — איז זי מיטאַמאָל געוואָרן אוים טרויעריק. אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו שמייכלען און איר האַרץ איז געוואָרן גוט צו אַלעמען. פון דעמאָלט אָן האָט זי אָנגעהויבן אַכטונג צו געבן אויף זיי, טרייסטן און ריידן גוטע רייד.

דער טאָג אינדרויסן איז אַ הייסער. אין ענגן קאַמער איז דערשטיקט צו ווערן: איין פענצטער פאַר ניין מענטשן. פיר בעטלאַך שטייען אונטן, פיר בעטלאַך אויבן און מאַרפאַס געלעגער וואַלגערט זיך אויף דר׳ערד. דאָס פענצטער קוקט אַרוים אין הויף אַריין. און דער הויף איז שטענדיק אַזאַ אומעטיקער. ער איז געברוקירט פון שפּיציקע שטיינער, און צוויי סאָלדאַטן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן דרייען זיך אַרום. אַז איינער גייט רעכטס, גייט דער צווייטער לינקס, און ווען זיי קערן זיך אום און באַגעגענען זיך, קוקן זיי זיך אָן אַ ווײַלע און האָבן זיך פיינט. איינער האָט דעם צווייטן נישט געטאָן קיין שלעכטס. אָבער פיר שעה דאַרפן זיי זיך אַרומדרייען אַזוי איינער רעכטס און דער צווייטער לינקס. אַזוי וויל פּאַפּעסקו. ריידן צווישן זיך טאָרן זיי נישט און אפילו ווען זיי מעגן, האָבן זיי אויך נישט וואָס — איז קיין חידוש נישט, וואָס זיי האָבן זיך פיינט.

קיין איין ביימל וואַקסט נישט אין הויף. גראָזן רייסן זיך יאָ אַרוים פון צווישן די שטיינער, אָבער זיי ווערן פאַר־וועלקט איידער זיי צעבליִען זיך נאָך.

איז אַ גאַנצן טאָג געווען אין קאַמער שטיקנדיק הייס און אַלע אַרעסטאַנטקעס זיינען געלעגן אויף זייערע בעטלאַך און געשוויגן, אַחוץ די גוי׳ע מאַרפאַ. מאַרפאַ האָט זייער פיינט געהאַט אַלע מיטזיצערקעס. זי איז געווען אַ גרויסע שיכור׳טע. אַריינגעפאַלן איז זי, ווייל צוליב אַ קריגערײַ האָט זי אונטערגעצונדן איר שכנה׳ס הויז. אַ רעכטע בחור־

טע געווען, און זי איז אלעמען דערגאנגען די יארן. געשאלטן זיך און געזידלט גאנצע טעג: „פארשיווע אידישקעס, מען דארף אייך אלעמען הענגען". זי האט ליב געהאט צו שפייען יענעם גלייך אין פנים אריין. קיינער אבער האט איר קיין ווארט נישט געזאגט און דערפאר פלעגט זי נאך מער אין כעס ווערן.

פארנאכט איז געווארן קילער, און די מיידלאך האבן אנגעהויבן צו זינגען. האט מארפא אבער נישט געלאזט, אנגעהויבן צו שרייען און איבערשרייען. האט זיך פלוצלינג איינע פון די מיידלאך, חנה'קע, א בת־יחידה ביי אירע עלטערן, צעוויינט אויף א קול, זיך געווארפן אויפ'ן בעט און איינגעגראבן דאס פנים אין קישן. אסתר'ן האט אזא נעם געטאן ביים הארצן פון איר געוויין און ס'האט זיך איר אויסגעדאכט, אז דאס וויינט גארנישט חנה'קע, נאר איר זון שלמה קלאגט דאס אזוי, איז זי צוגעגאנגען צום מיידל, אנגעהויבן גלעטן אירע האר, אויסריידן דאס הארץ.

חנה'קע האט אויפגעהערט צו וויינען, זיך צוגעהערט צו אסתר'ס רייד און געשמייכלט. אפילו מארפא איז איינגעשוויגן. זי האט טאקע נישט פארשטאנען קיין אידיש, אבער עפעס האט זי געפילט, אז אסתר'ס רייד דארפן זיין גאנץ גוטע, ווייל זי רעדט זיי ארוים אזוי הארציק. דערפאר האט זי געפינטלט מיט די אויגן און אריינגעקוקט יעדן איינעם אין פנים אריין.

אזוי פיל ווינטן זיינען פארבייגעלאפן די שטאט און קיינעם איז גאר אין זינען נישט געלעגן, אז מען דארף אריינקוקן אין פארשטיקטן קעמערל. אבער איין ווינטעלע האט יא א טראכט געטאן, איז אריין און דערפרייט די פארשפארטע. אסתר האט זיך דערפרישט פון ווינטעלעם גלעט און זי האט זיך דערמאנט, אז ווען שלמה איז געווען א קליין אינגל, האבן זיינע הענטלאך אויך אזוי געגלעט, ווי דאס ווינטל האט געטאן. און אפשר איז דאס ווינטל אומישנע געשיקט געווארן פון שלמה'ן, עס זאל זי א גלעט

טאָן פאַר אים. איז דערפאַר וועט איר שוין גאָרנישט שווער זיין אין טורמע. מעג דאָס געדויערן לאַנג, לאַנג. אָבער זי וועט דאָך באַפרייט ווערן. זי וועט קומען צו שלמה׳ן, אים אַרומנעמען און אים זאָגן: גרויסער זון מיינער, איך האָב דיר אַזוי פיל צו דערציילן. אַז דו וועסט אַלצדינג אויסהערן, וועלן קומען צו דיר גאָר אַנדערע געדאַנקען. אַז דו וועסט אויסוואַקסן, וועסטו גיין צוזאַמען מיט אַלע בעסטע בחורים פון דער וועלט, זיך אָננעמען פאַר אַלע די, וואָס ליידן. און אַז מען וועט דיך אַרעסטירן און פייניקן, וועל איך טאַקע וויינען, אָבער איך וועל דיך נישט אָפּהאַלטן, ווייל אַלע די בחורים און מיידלאַך, וואָס זיצן פאַרשפאַרט מיט מיר צוזאַמען, האָבן מאַמעס, און די מאַמעס זייערע וויינען אויך מסתמא אין דער איצטיקער שעה.

אסתר האָט גאָר געטראַכט פון וויינען און דערווייל האָט זי זיך אין אמת׳ן צעוויינט. אָבער אַזאַ וויינען שאַדט נישט. און איר האָט פון דעם אויך גאָרנישט געשאַדט. זי איז דערנאָכדעם בעסער איינגעשלאָפן און זיך אינגאַנצן פאַרגעסן.

# די באָבע ווערט קראַנק פון האַרצווייטיק.

די באָבע חיה איז דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן קראַנק געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט געמוזט אויסטאָן די ברילן און זיך לייגן אין בעט. דאָס איז זי קראַנק געוואָרן פון האַרצווייטיק, נאָכדעם ווי איר אייניקל איז פאַרשוואונדן געוואָרן.

דעם זיידן בערל האָט דאָס אויך שטאַרק געערגערט. אָבער גיין קראַנק ווערן און זיך לייגן אין בעט האָט ער געהאַלטן פאַר אַ נאַרישקייט, איז צו אַלעם ערשטן האָט ער זיך געבייזערט אויף דער באָבען, וואָס זי ליגט אין בעט.

— נאַרישע אידענע, — האָט ער געהודיעט, — זיך צעלייגט ווי אַ קוואָטשקע. מאַלע וואָס ער האָט נישט גע־סטאַיעט. נישקשה, שלמה איז אַ געזונטער שייגאָץ. ער וועט איינגיכן קומען צוריק. אפשר נאָך היינט און אפשר גאָר מאָרגן.

האָט די באָבע נישט געקאָנט ליידן, וואָס דער זיידע בייזערט זיך אויף איר, און האָט געפּרואווט זיך אַ הויב טאָן פון בעט, אָבער צוריקגעפאַלן מיט׳ן קאָפּ אויפ׳ן קישן. אַ גליק נאָך, וואָס דאָס קישן איז אַ ווייכס, אַנישט וואָלט זי נאָך צעקלאַפּט דעם קאָפּ.

האָט דער זיידע שוין געזען, אַז ס׳איז קיין שפּילעכל, איז ער טאַקע אויף אַן אמת׳ן דערשראָקן געוואָרן און גע־וואָלט לויפן רופן אַ דאָקטאָר. אָבער די באָבע האָט אים אָפּגעהאַלטן און געזאָגט, אַז זי וויל נישט קיין דאָקטאָר, נאָר וואָס־זשע דען — ס׳איז געבליבן אַ שטיקל עוף פון נעכטן, לאָז ער דאָס אָפּקאָכן, וועט זי אויסזופּן די יויך און ער וועט אויפעסן דאָס פלייש. אַ רחמנות נעבאַך אויפ׳ן אַלטן, פון גאַנץ פרי אָן אין מויל נישט געהאַט.

קאָכן אַ יאיכל — דער באָבען איז גרינג צו זאָגן, ווייל זי

קען. אָבער ער קען נישט. אַ קאַשעק פיש קען ער אָנכאַפּן, אָבער אַ יאַיכל גאָר. נאָר אַז די אַלטע זיינע וויל אַביסל יויך — האָט ער געמוזט אויסטאָן די קאַפּאָטע און צעלייגן אַ פייער. אַ פייער קען ער צעלייגן, אָבער וואָס טוט מען מיט דעם איבעריקן? די באָבע האָט אים געגעבן עצות פון בעט.

— נעם — זאָגט זי — ס׳קליינע טעפל, גיס אָן וואַסער און זיד דאָס אויף.

דער זיידע האָט אַזוי געטאָן.

— איצטער נעם — זאָגט זי — אַ שיסל און וואַש אויס דאָס שטיקל עוף.

דער זיידע האָט אויסגעפאָלגט.

— איצט נעם לייג אַריין דאָס שטיקל עוף אין טעפל, גיס אָן וואַסער און שטעל דאָס צוריק אויפ׳ן פייער.

איז דער זיידע שוין געווען אַביסל אין כעס. אַז אויב אַריינלייגן דאָס שטיקל עוף אין וואַסער, האָט ער דאָך געקענט דאָס טאָן ס׳ערשטע מאָל און נישט אומזיסט און אומנישט אויסגיסן דאָס זודיקע וואַסער...

— זע־זשע אָבער, אַז די יויך זאָל נישט אויסלויפן, און אַז דאָס וואַסער וועט אָנהויבן צו זידן, זאָלסטו פאַרבראָקן אַ ציבלקע און אַריינוואַרפן עטלאָבע פאַסאָלקעלאַך.

ציבלקעלאַך און פאַסאָלקעלאַך, און אָפּגעבריט די הענט האָט ער זיך שוין אויך... און דאָס יאַיכל איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק. וועט ער אָוועקגיין רופן עפּעס אַ אידינע. וועמען זאָל מען נעמען? יאָ, שרה־חיה די אלמנה מיט די הענטשקעס. יענע האָט באַקומען אָט דעם נייעם צונאָמען אין שטעטל, ווייל זי טראָגט הענטשקעס זומער און ווינטער. זינט זי האָט זיי געקויפט, גייען זיי נישט אַראָפּ פון אירע הענט.

שרה־חיה די אלמנה איז געקומען און זיך גענומען צום יאַיכל. באַלד איז טאַקע אַלצדינג געוואָרן פאַרטיק. ר׳ בערל איז געזעסן און האָט געגעסן ס׳שטיקל עוף, און די באָבע האָט געזופּט די יויך, זיצנדיק אין בעט און זיך געקוויקט.

בערל האָט קיין הנאה נישט געהאַט פונ'ם עסן, ווייל ס'איז אים פּלוצלינג אָנגעקומען אַ גרויסער פאַרדראָס אויף זיין אייניקל. אַזאַ שנעק נעמט און סטאַיעט נישט. און ווען ער האָט אים איצטער לעבן זיך, וואָלט ער אים אויף אַן אמת אויסגעפּאַטשט. פּעטש ווי האָלץ. פאַרשאַפן גאָר יסורים דער באָבען. זיך האָט ער נישט גערעכנט. אַז ער האָט נאָך געהאַט מער יסורים פון דער באָבען, האָט ער גאָרנישט געוואָלט מודה זיין. וואָס טוט מען? — האָט ער געטראַכט און נישט געקענט געפינען קיין עצה. אַ גאַנצן טאָג זיך אַרומגעדרייט און נישט געקענט קיין אָרט געפינען. זיך אָלע ווײַלע צוגעזעצט לעבן דער באָבען און איר פאַר־זיכערט, אַז היינט, מאָרגן, קומט ער צוריק. נאָר וואָס־זשע דען, לאָז ער קומען, ער וועט אים אין שטוב נישט אַריינלאָזן.

שרה־חיה די אלמנה איז דערווייל געוואָרן די גאַנצע באַ־לעבאָסטע אין שטוב. זי האָט אירע הענטשקעס באַהאַלטן אין שאַפע. אָנגעטאָן אַ פאַרטוך און נאָכ'ן יאַיכל האָט זי זיך גענומען אויסוואַשן דאָס געפעס, פאַרקערן דאָס הויז. נאָכדעם האָט זי גענומען אַ גלעזל און אַוועקגעגאַנגען צו אַ שכנה נאָך אַביסל מאַלינאָווע איינגעמאַכץ. געבראַכט צו טראָגן, האָט די באָבע פאַרזוכט און ס'איז איר געוואָרן ליכ־טיק אין די אויגן; האָט זי געוואָלט, אַז דער זיידע זאָל אויך פאַרזוכן. אָבער יענער האָט נישט געוואָלט, זיך אויף איר צעשריען — וואָס מיינט זי, ער איז קראַנק חס־וחלילה, צי ער איז אַ פּיצעלע קינד, אַז ער זאָל פּלוצלינג אינמיטן דערינען נאַשן איינגעמאַכץ.

חיה די אלמנה האָט שוין נישט אָפּגעטראָטן פון הויז און די באָבע חיה איז זיך געלעגן, ווי אַ גביר'טע, און גע־קענט זיך פאַרגינען קראַנק צו זיין. אָבער אַז ס'איז געקומען דער ביינאַכט, האָט זי זיך פאַרבענקט נאָך די פעדערן. אוי, וואָלט זי געוואָלט אָנפּליקן כאָטש אַ פּאָר זשמעניעס פעדערן, ס'טייטשט אַזוי פיל יאָר, נאַכט נאָך נאַכט, אַחוץ שבת און יום־טוב, נישט פאַרפעלט. דער זיידע האָט אָנגעשריגן

אויף איר, זי זאָל נישט זיין קיין נאַרישע אידענע, ווייל זי האָט געגוג קישנס און פעדערן, און פאַר דעם קליינעם רוצח'ל דאַרף מען גאָר אינגאַנצן נישט קיין קישנס. אַז ער קען אָפּטאָן אַזאַ זאַך, אַנטלויפן און קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגן, דאַרף מען נישט פליקן פאַר אים קיין פעדערן.

אין אַ צוויי טעג אַרום איז איר געוואָרן אַביסעלע גרינ־גער און די באָבע האָט זיך שוין אויפגעהויבן פון בעט, אָבער זייער אָפּט געקרעכצט. דער זיידע האָט נישט געקענט פאַרליידן איר קרעכצן און ער האָט זיך שוין געוואָלט צע־שרייען אויף איר, אָבער זיך אָפּגעהאַלטן, זעענדיק, ווי אַ תל נעבאַך זי איז.

איינמאָל, שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער פּלוצלינג דערהערט, ווי די באָבע רעדט פון שלאָף און דערמאָנט ס'איניקל און דעם טייך. האָט ער שוין מערער נישט געקענט פאַרטראָגן איר צער, איז ער אויפגעשטאַנען פון בעט, זיך אָנגעטאָן אין דער פינצטער און איז אַוועק אין שטאַל. דאָרטן צווישן דעם שטרוי איז געלעגן פאַרשטעקט אַ שיפל זייער אַ שמאָלס, אויסגעדלובעט געוואָרן פון אַ ליפּענעם בוים, זייער אַ גרינג האָלץ. דאָס שיפל איז נישט געווען אויף צו כאַפּן פיש. ער פלעגט דאָס נאָר באַנוצן דענסטמאָל, ווען ער האָט געדאַרפט אויסקוקן דעם טייך און אָפּזוכן אַ גוט אָרט, וואו די פיש האַלטן זיך אין אַ גרויסער צאָל. האָט ער דאָס שיפל אַ וואַליע געטאָן אויף די פּלייצעס, פאַרכאַפּט אַ רודער און איז אַוועק צום טייך.

ס'האָט שוין אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, נאָר איין שטערן איז געבליבן אויפ'ן הימל און יענער האָט זיך אויך געלאָשן. דאָס וואַסער איז געווען פאַרשלאָפן און פויל. ר' בערל האָט זיך אַריינגעזעצט אין שיפל און געמוזט אונ־טערבייגן זיינע פיס, ווייל ער איז געווען לענגער פון דעם קליינעם שיפל. אַריינגעזעצט דעם רודער אין דעם וואַסער און זיך אַ רוק געטאָן זיך איבער'ן טייך. ווען ער איז צו־געשוואומען צו דער מיט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט אויף

אַ ווייל און זיך צוגעהערט צו דער שטילקייט. קיין מענטש־לאַך קול האָט ער נישט געהערט, דערפֿאַר אָבער האָט ער געהערט דאָס רוישן פֿון די פֿיש אונטער'ן וואַסער. ער האָט דערפֿילט נאָך די כוואַליעס נאָך, ווי זיי טריפֿען זיך דאָרטן, וואַרפֿן זיך, נורען און שווימען אום אין גרויסע מחנות. קיין שום מענטש קען נישט הערן דעם גערויש פֿון פֿיש. אַ פֿישער יאָ.

„אַ שאָד — האָט ער געטראַכט — אַזוי פֿיל פֿיש און ער קען זיי נישט כאַפּן".

ווען ער האָט זיך צוגערוקט מיט'ן שיפֿל צום צווייטן ברעג, האָט ער גאָרנישט אַזוינס דערזען, וואָס זאָל אים אָפּשרעקן, נאָר ווען ער איז אַרויסגעקראָכן און געמאַכט אַ פּאָר טריט, איז פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען אַ רומענער מיט דער ביקס אָנגעשטעלט אויף בערלען און זיך צע־שמייכלט.

— אַהאַ, — האָט ער אַ מאַך געטאָן, צולייגנדיק דעם פּיסק פֿון דער ביקס צום פֿישערס ברוסט, — ווילסט גנב'ענען די גרענעץ, דו באָלשעוויק, קום מיט, אונזער קאָמענדאַנט וועט דיר שוין ווייזן, ווי צו גנב'ענען אַ גרענעץ.

דער אַלטער בערל האָט געוואָלט אויפֿעפֿענען אַ מויל און זיך גוט אויסבייזערן אויף אים אין מאָלדאַוואַניש, ער האָט זייער גוט געקענט די שפּראַך, אָבער באַטראַכט, אַז עס לוינט זיך נישט, ווייל פֿאַר אַ ביקס האָט ער מורא געהאַט אַלע זיינע יאָרן. דער רומענער האָט אים געזאָגט „ריר זיך", האָט בערל געמוזט פֿאָלגן, אָבער אין האַרצן האָט אים געזאָדן פֿון כעס.

ווען זיי האָבן זיך געלאָזן קריכן באַרג־אַרויף, איז די זון ערשט אַרויס און ס'האָט זיך אָנגעצונדן אַ שטיק הימל, האָט ר. בערל אויסגעדרייט דעם קאָפּ און באַלד דערזען זיין ווייס הייזל און די פֿענצטערלאַך, וואָס האָבן זיך אויך אָנ־געצונדן פֿון דער זון. איז אויף אים פּלוצלינג אָנגעקומען אַזאַ גרויס רחמנות צו זיין הייזל און צו דער באָבען, וואָס

זי איז געבליבן איינע אליין. דאָ האָט ער געכאַפּט אַ קוק צום סאָלדאַט און דערזען פּלוצלינג, ווי נידעריק און קליין־געוויקסיק ער איז. האָט ער זיך פּשוט פאַרשעמט: אַזאַ קליין שייגעצל זאָל אים, דעם הויכן ברייטן ר׳ בער׳ן, פירן ווי אַ לעמעלע. מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַזאַ כח אין אַלע זיינע איברים און אַ גרויס עקשנות ווי אין די יונגע יאָרן. די נאָזלעכער האָבן זיך אַזש ביי אים צענומען. און די ביקס? די ביקס קען מען אויסרייסן און אַוועקוואַרפן. אין איין אויגנבליק איז שוין די ביקס געלעגן אַ פּאָר צענדליקער טריט ווייטער און דער אַלטער ר׳ בערל האָט זיך געכאַפּט שלאָגן דעם סאָלדאַט.

יענער איז פאַרטויבט געוואָרן פון די קלעפּ און האָט זיך גאַרנישט געקאָנט ווערן. אָבער אַז דער איד האָט געגעבן אַזוינע שטאַרקע זעץ און גאַרנישט געקוקט וואוהין ער טרעפט: אין פּנים, אין בויך, האָט זיך דער רומענער אויף טויט איבערגעשראָקן פאַר דעם אַלטן אידן מיט׳ן געוואַלטיקן כח און ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען מיט גרויס פּחד, ווי אַ קליין שייגעצל, ווען עס טרעפט אים אַן אומגליק:

— העלפט, העלפט!

ר׳ בערל, אַז ער ווערט אין כעס, קען מען אים שוין נישט אָפּרייסן. „זע נאָר, ער איז געגאַנגען זוכן זיין שלמה׳ן, קומט דער סמאַרקאַטש און וויל מיך אָפּשטעלן.“ אָבער ווען ער האָט דערהערט, דער אַלטער, ווי מען האָט נישט ווייט ערגעץ אויסגעשאָסן, האָט ער אַ שליידער געטאָן דעם סאָל־דאַט צו אַ בוים און זיך געלאָזט צום טייך.

פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן יאָגן רומענער און געשאָסן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, ווייל זיי האָבן דאָך נאָך נישט געוואוסט, וואָס עס האָט פּאַסירט. צו־לויפנדיק אָבער צום פּלאַץ האָבן זיי דערזען, ווי זייערער אַ סאָלדאַט וואַלגערט זיך אויף דער ערד אַ צעבלוטיקטער, און איבער׳ן טייך טראָגט זיך אַ שיפל גיך, גיך, צו יענער זייט. האָבן זיי אָנגעהויבן גלייך צו צילעווען און שיסן.

די קוילן האָבן זיך געטונקען אין וואַסער האַרט בײַם שיפל, און ר׳ בערל האָט דערזען, אַז דאָ שטעקט אַ גרויסע סכנה. האָט ער אויף גיך אויסגעטאָן די שיך, אַראָפּגעוואָרפן די קאַפּאָטע און גלייך פונ׳ם שיפל — בויך אין וואַסער. האָבן שוין די רומענער גאָרנישט געזען און נישט געוואוסט וואוהין צו שיסן. ווייל ר׳ בערל איז געשוואומען אונטער׳ן וואַסער פונקט אַזוי ווי אַ פיש און טאַקע געקומען בשלום אויף יענער זייט.

ער האָט זיך געשעמט אָן אַ קאַפּאָטע, אַ באָרוועסער און אָן אויסגעווייקטער אַרויסגיין אויפ׳ן ברעג, אָבער אַלע זיינען נאָך געשלאָפן אין די הייזער און קיינער וועט אים נישט באַמערקן. האָט ער זיך אַזוי שטיל אַריינגע׳גנב׳עט אין הויז, אַז די באָבע האָט אַפילו נישט געהערט, זיך אויסגעטאָן, אַרויפגעצויגן אויף זיך פרישע וועש און די נאַסע קליידער באַהאַלטן אין שטאַל, זיך אַריינגעלייגט אין בעט, באַגלייך ווי גאָרנישט איז געשען, און איינגעשלאָפן.

אַז די באָבע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט דער זיידע געשנאָרכט, און עס איז איר געווען קשה, וואָס ער שלאָפט שפּעטער, ווי אַלע טאָג, אָבער אים נישט געוועקט.

ווען ר׳ בערל האָט זיך אויפגעכאַפּט איז שוין געווען שפּעטער טאָג און אַ מאָלדאַוואַן אַ פישער איז אים געקומען זען. ער האָט אים איבערגעגעבן, אַז ער האָט נישט ווייט פון זיין הויז געזען ר׳ בערל׳ס שיפל אַ ליידיקס און אָן אַ רודער, האָט ער דאָס אָפּגעבראַכט צוריק. דער אַלטער האָט אים געגעבן אויף אַ טרונק בראָנפן דערפאַר און די באָבע חיה האָט טאַקע אַלץ נישט געוואוסט, וואָס איז געשען ביינאַכט, און דער זיידע האָט איר אוודאי נישט דערציילט. אָבער ווי די מעשה זאָל נישט זיין, עס זיינען אַוועק וואָכן און חדשים, זייער אייניקל איז טאַקע נישט געקומען צוריק, האָבן זיי אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך אים, געזעסן אַלע פאַרנאַכט אומעטיקע אויף דער פריזבע און געהאַלטן אין איין אַרויסקוקן.

# שלמה׳ן איז קאַלט

אַז דער פּאַרנאַכט קומט אָן אויפ׳ן וועג ווערט שלמה אומעטיק און הייבט אָן ציטערן. חיימ׳ען אָבער מאַכט דאָס ניט אויס. ער קען אַנידערפאַלן אונטער אַ בוים, צומאַכן די אויגן, און ער כראָפּעט שוין. שלמה׳ן איז אָבער קאַלט און די ערד איז האַרט און ווייט־ווייט אַרום איז נישטאָ קיין לעבעדיקער נפש. די שטערן קוקן מיט אָפענע אויגן צום הימל. אַז אַ ווינט הייבט אָן צו בלאָזן, שאָקלען זיך די גרעזלאַך און רוישן: קאַלט, קאַלט. אַ וואָגן פאָרט — און איבער׳ן שליאַך אַ הונט לויפט נאָך און האַווקעט. דער־שמעקט די חיה, אַז מענטשן ליגן אין גראָז, דאַרף ער אַ לויף טאָן, אַ קוק טאָן און אַ ניוכע טאָן. שלמה האָט מורא און פאַרמאַכט די אויגן. דער הונט באַשמעקט פריער דעם גרעסערן און דערנאָך דעם קלענערן און לויפט זיך אַוועק מיט אַ בילעריי.

ער וואָלט געוואָלט דערציילן דעם באַלעבאָס פון דעם, וואָס ער האָט געזען, איז אָבער דער וואָגן שוין ווייט און ער מוז זיך שנעל צעלויפן ביז ער דעריאָגט אים און אַז ער דעריאָגט אים איז ער זיך מישב, אַז עס לוינט זיך נישט צו דערציילן, ווייל דער באַלעבאָס איז עפעס בייזלאַך און קען אים נאָך דערלאַנגען מיט דער בייטש.

בייטאָג איז שלמה געווען אַ גרויסער בחור, זיך גע־גאַנגען אַזוי שטאָלץ איבער׳ן וועג, באַגעגנט אַ פּויער, האָט ער אים געזאָגט: „אַ גוט מאָרגן, פּעטער!" און יענער האָט אים געזאָגט: „אַ גוט מאָרגן, ליבער מענטש!" האָט ער באַגעגנט אַ אידן מיט אַ טאָרבע איבער די פּלייצעס, האָט ער אים געזאָגט: „גאָט העלף, וואָס מאַכט אַ איד." האָט

יענער אַנידערגעלייגט דעם קלומעק אויף דער ערד, זיך אויסגעגלייכט די ביינער און געענטפערט: „וואָס זאָל מען מאַכן? דאַנקען גאָט, מען גייט אין שטאָט אַריין, איינגע־האַנדלט אַביסל מעל אין דאָרף.“

אין דער נאַכט אָבער אינמיטן פעלד איז שלמה אַ קליין אינגל און ער וואָלט געוואָלט ליגן אין אַ ווייך בעט צו־געדעקט מיט אַ קאָלדרע, וואָלט ער שוין דענסטמאָל נישט קיין מורא געהאַט פאַר דער נאַכט און פאַר דער פינצטער־ניש.

ביז דער טאָג וועט אָנקומען איז נאָך ווייט, און די קעלט פון דער נאַכט עסט די ביינער, הויבט ער אָן צו וועקן:

— חיים, חיים.

חיים כאַפּט זיך אויף.

— האַ, וואָס איז, שלמה?

— גאָרנישט, ס׳איז מיר קאַלט.

— ס׳איז דיר קאַלט? — און ער נעמט אים אַרום און זאָגט: — נאַרעלע, שלמה׳לע, ס׳איז גאָרנישט, וואָס עס איז קאַלט. מאָרגן וועט דער טאָג זיין אַזאַ וואַרימער, און קיין בעלץ איז שוין נישט ווייט. דאָרטן האָב איך אַ סך חברים און מיר וועלן שוין שלאָפן ביידע אין אַ וואַרימען בעט, ווי צוויי גראַפן. אַ סך מענטשן שלאָפן אויף דער קאַלטער ערד, ווייל זיי האָבן נישט קיין היימען און נישט קיין בעטן, אָבער זיי געוואוינען זיך צו צו דעם. דו מוזט אויך זיך צוגעוואוינען, ווייל דו ווילסט דאָך זיין אַ באָלשע־וויק. אַ באָלשעוויק שלאָפט אויף דער הוילער ערד און די קעלט עסט זיינע ביינער, אָבער גאַנץ פרי, אַז עס קומט אַרויס די זון, כאַפּט ער זיך אויף און לאַכט. ער לאַכט, ווייל ער איז פריילאַך, און פריילאַך איז ער דערפאַר, ווייל ער גייט אָפּשאַפן די נויט און אָרימקייט פון דער וועלט. אַט דאַרפסטו נאָך אויסוואַקסן אַ פייערדיקער באָלשעוויק מיט אַ פערד און דו וועסט פליען אומעטום.

יאָ, שלמה וויל אויך זיין אַ באָלשעוויק. זאָגט ער שוין

גאָרנישט. פאַרמאַכט די אויגן, אָבער ער קען נישט איינ־שלאָפן, ווייל זיין מאַמע אין תפיסה אויפ׳ן הויכן טורעם זיצט לעבן פענצטער מיט פאַרבראָכענע הענט און וואַרט ביז וואַנעט איר זון וועט קומען און וועט זי באַפרייען. יאָ, ער וועט זי באַפרייען. און דערווייל ווערט גוט. די קעלט האָט פלוצלינג אָפּגעטראָטן פון זיין לייב און ער האָט אַזוי ליב חיים׳ען, טוליעט ער זיך צו אים און ווערט אַנטשלאָפן.

פאַרטאָג פאַלט אַ טוי אויפ׳ן סטעפּ. דעם פרימאָרגן איז ער געפאַלן אויף די גראָזן, אויף שלמה׳ן און חיים׳ען. קליינע זילבערנע טראָפּנס האָבן זיך באַזעצט אויף זייערע שפּיץ האָר און ס׳האָט אויסגעוויזן, ווי זייערע שוואַרצע קעפּ זיינען באַזעצט מיט דימענטן און טייערע שטיינער. דאַן האָבן זיי זיך ביידע אויפגעהויבן און זיך געלאָזט גיין, האָבן זיי נישט געוואוסט, אַז זיי טראָגן אויף זייערע קעפּ קרוינען פון דימענטן און בריליאַנטן. חיים האָט שוין אויך געציטערט פון קעלט. האָט ער אַ מאַך געטאָן צו שלמה׳ן:

— ווייסטו וואָס, לאָמיר לויפן, וועלן מיר זיך אָנ־וואַרימען.

— לאָמיר.

האָבן זיך ביידע געלאָזט לויפן און פון זייערע האָר האָבן זיך אָפּגעטרייסלט אַלע בריליאַנטן און דימענטן און זיי זיינען געפאַלן צו דער ערד. שפּעטער אַביסל איז די זון אַרויס און עס האָבן אָנגעהויבן צו שטראַלן אַלע וועגן. זיי סאָפּען פון לויפן און עס איז זיי שוין וואַרים אין אַלע גלידער. אויפ׳ן וועג קומען אָן אַנטקעגן אַ פּאָר אָקסן, וואָס שלעפּן אַן אַקער און נאָכ׳ן אַקער גייט נאָך אַ פרוי מיט אַ לאַנגער בייטש און שרייט, ווי אַ פּויער, „צאָביי״. די אָקסן קען זי זיכער נישט אָפּנאַרן, ווייל ווען אַ מאַן זאָל שרייען אויף זיי „צאָביי״, וואָלטן זיי אפשר מורא געהאַט און זיך צוגעאײלט. פאַר דער פּויערטע שרעקן זיי זיך נישט באַזונדער איבער און טוען, וואָס זיי ווילן.

שלמה האָט ס׳ערשטע מאָל אויף זיין לעבן געזען אַ

פרוי גיין נאָך אַן אַקער. חיים האָט זי אָפּגעשטעלט און זיך צערעדט מיט איר, איז שלמה׳ן פאַרענטפערט געוואָרן די קשיא, ווייל דעם מאַן אירן האָט מען דער׳הרג׳עט אויף דער מלחמה און עס זיינען איבערגעבליבן דריי פּיצלאָך קינדער און פיר מאָרג ערד. ווער די ערד שטיין ליידיק? האָט זי אָפּגעדונגען ביי אַ שכן זיינע אָקסן אויף אַ פּאָר טעג און זי וועט פרואוון אַליין צעאַקערן די ערד.

אינמיטן טאָג זיינען זיי ביידע אָנגעקומען צו אַ טייך. דער סטעפּ איז שוין געווען הייס און אָנגעגליט און די פּנים׳ער ביי זיי ביידען האָבן געפלאַמט רויטע און פאַרשוויצטע. דער טייך איז געווען אַ ברייטער און אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט הויכע שלאַנקע ווערבעס. שלמה האָט זיך אויסגעטאָן און איז אַריינגעשפּרונגען, חיים נאָך אים מיט׳ן קרומען פיסל. געוואָלט אָניאָגן שלמה׳ן, אָבער בשום אופן נישט געקענט. דאָס קאַלטע וואַסער האָט געפרוירן דאָס לייב און זיי האָבן ביידע געקוויטשעט, געקוליעט זיך און געהאַט דעם אמת׳ן פאַרגעניגן. זיי האָבן זיך געפרייט און גאַרנישט געוואוסט, אַז פאַרשטעקט צווישן די ווערבעס וואַרט עמעצער אויף זיי. דאָס האָט געוואַרט דער שעף מיט צוויי סאָלדאַטן פון יענעם דאָרף, וואו ס׳איז פאָרגעקומען די מעשה מיט׳ן פאַסטוך.

חיים איז דער ערשטער אַרויס פון טייך. האָט ער פלוצלינג דערזען דריי הויכע געזונטע פערד שטייען נישט ווייט פון ברעג און צופּן דאָס גראָז. האָט ער שוין דערשמעקט, אַז עפּעס אַ סכנה ליגט ערגעץ פאַרשטעקט דאָ נישט ווייט. האָט ער אַ געשריי געטאָן צו שלמה׳ן, וואָס האָט געהאַלטן אין אַרויסגיין פון וואַסער: „איך האָב מורא, מיר זיינען שוין פאַרפאַקט.“ ווי נאָר ער האָט אַרויסגעזאָגט אָט די ווערטער, האָט זיך דער שעף אַרויסגעלאָזט פון זיין באַהעלטעניש, צו צו חיים׳ען און אים דערלאַנגט אַ פּאַרפאָר מיט דער רעכטער האַנט אין דער לינקער באַק. פון דעם פּאַטש איז חיים אומגעפאַלן, אָבער באַלד האָט ער

זיך אויפגעהויבן, אַ שפּרונג געטאָן אויפ'ן רומענער און אים דערלאַנגט דעם זעלבן פּאַרפּאַר מיט דער רעכטער האַנט אין דער לינקער באַק. אויף אַזאַ „ברוך הבא" האָט זיך דער שעף נישט גערעכנט. זיינע אויגן זיינען פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט און ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער שייד פון זיין שווערד. אָבער חיים, אַ נאַקעטער מיט די הויזן אין די הענט, האָט זיך געלאָזט לויפן באַרג-אַרויף און שלמה נאָך אים. ווייט האָבן זיי אָבער נישט געקענט אַפּלויפן. די סאָלדאַטן אויף די פערד האָבן זיך אַ לאָז געטאָן און זיי גיך געפּאַקט.

— פאַרפאַלן, שלמה, — האָט חיים אַ מאַך געטאָן און זיך געלאָזט בינדן פון די סאָלדאַטן.

# ביינאַכט אין סטעפּ.

גאַנץ פרי איז די מאַמע געווען נאָענט פון שלמה'ן. אָט, אָטאָ קומט ער קיין בעלץ. איצטער איז זי געוואָרן אַזוי ווייט. חיים, אַ צעשלאָגענער, אַ געבונדענער, ליגט אין וואָגן מיט'ן פּנים אַרויף צום הימל און שמייכלט. דעם וואָגן האָבן די סאָלדאַטן אָפּגעשטעלט אויפ'ן וועג. איז זיך געפאָרן אַ מאָלדאַוואַן אַהיים, אַ פריילאַכער: פאַרקויפט קאַרשן אין שטאָט, אָפּגעלייזט ס'געלט, געקויפט אַ זעקעלע זאַלץ, זייף און שוועבעלאַך און איצטער האָט ער געמוזט פאַרקערעווען די פערד און פירן אַ פּאָר געכאַפּטע אידן קיין בעלץ.

די סאָלדאַטן אויף די פערד רייטן פון ביידע זייטן וואָגן בייזע און קאַלטע. חיים שמייכלט גאָר צו זיי. פאַרדריסט דאָס, וואָס ער שמייכלט, און זיי קערן אָפּ די פּנים'ער.

די צוויי רייטער זיינען געווען זשאַנדאַרמען. אַזוינע, וועלכע דינען אין דער אַרמיי פרייוויליק און קריגן געצאָלט. אַזוינע סאָלדאַטן זיינען פאַרהאַרטעוועטע, האָבן קיין טראָפּן רחמנות אויף קיינעם. האָט חיים מיט זיי גאָרנישט געקענט מאַכן. אין אַ נאָענטן דאָרף אָבער האָבן איבערגענומען די אַרעסטירטע צוויי פּשוט'ע סאָלדאַטן. מיטל־יאָריקע רומע־נער, וואָס זיינען שוין פאַרוואָגלט פון דער היים עטלאַכע יאָר, נאָך פון זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. האַלטן זיי שטענדיק אין איין בענקען נאָך דער היים, נאָך זייערע ווייבער און קינדער, נאָך דער ערד און נאָך די אָקסן. מיט זיי איז חיים געוואָרן אינגיכן גאָר גוטע פריינט. די צוויי זעלנער האָבן זיך געהאַלטן אין איין וואונדערן פון דעם אידנס רייד און פון זיין גאַנצער האַלטונג. אַ מענטש ליגט

אין וואַגן אַ צעשלאָגענער, אַ געבונדענער און דאָך לייכטן זיינע אויגן. ער שמייכלט און ווילט זיך נאָך, באַגלייך ווי ער וואָלט געפּאָרן אויף אַ חתונה.

„חברים" האָט ער זיי גערופן. „מיר זיינען מיט אייך חברים, אפילו איר זענט מיין וואָך און איך בין אייער געפאַנגענער. אָבער ס'איז דאָך נישט מיט אייער ווילן. איר ווילט דאָך נישט דינען אין דער אַרמיי. איך ווייס דאָס גאַנץ גוט. עס איז איצטער פרילינג אין לאַנד און איר וואָלט גאָר באַדאַרפט אַרבעטן אויף די פעלדער."

ער האָט גערעדט און זיי האָבן געשוויגן, מורא געהאַט צו ענטפערן, אָבער אין זייערע אויגן האָט חיים דערקענט, אַז זיי שטימען איין מיט אים. האָט ער זיי טאַקע דערפאַר אָנגעהויבן צו דערציילן מעשיות פון די באָלשעוויקעס, און זיי האָבן זיך גע'חידוש'ט און געשמאָטשקעט מיט די ליפּן פון באַגייסטערונג. דערפאַר האָבן זיי שלמה'ן און חיים'ען אָפּגעטיילט פון זייער ברויט און פון זייער ברינזאַ און זיי אויך געלאָזט אַ זופּ טאָן פון זייע פלאַש מיט וויין, וואָס איז טאַקע געווען זויער, אָבער דאָך געקוויקט דאָס האַרץ.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן און די ערד איז דערפאַר געוואָרן ברוגז און זיך אָנגעכמורעט. שלמה איז געלעגן לעבן חיים'ען מיט'ן פּנים אַרויף צום הימל און חיים האָט זיך אונטערגעפייפט אַ לידל. אַז די פערד האָבן דערפילט, אַז עס וועט באַלד ווערן פינצטער און די נאַכט וועט אָנקומען, האָבן זיי זיך אונטערגעאײַלט און אָנגעהויבן צו לויפן, נישט וואַרטנדיק אפילו, אַז דער באַלעבאָס זאָל זיי אונטערטרייבן.

ס'ווערט קיל. די שטערן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן פריער איינציקווייז און דערנאָך גאַנצע חברות'־ווייז. די פערד זיינען דערווייל אַריינגעפּאָרן מיט דעם גאַנצן וואָגן אויף אַ פינצטערן שליאַך און זיי האָבן געוואָלט אויפהויבן די קעפּ און אַ קוק טאָן, ווי דער הימל איז באַדעקט מיט אַזוי פיל ליכטיקע פינטעלאַך, אָבער זיי האָבן נישט

געהאַט קיין צייט, געדאַרפט שלעפּן דעם וואָגן, לויפן און אונטעראייַלן זיך.

שלמה וואָלט געוואָלט וויינען אַביסעלע, אָבער חיים האָט אים ווייטער דערמאָנט, אַז אַ באָלשעוויק טאָר נישט וויינען. מילא, וועט ער זיך שוין באַגיין אָן דעם, אָבער בענקען קען ער דאָך יאָ. די רומענישע זעלנער זיינען אַזוינע גוטע, זיצן איינגענורעט אין דער שטרוי מיט די ביקסן און ציען אַ טרויעריק ניגונ'דל. זיי בענקען אויך, די סאָלדאַטן, און אַזוי בענקענדיק, היטן זיי און וואַכן שלמה'ן און חיים'ען. מיט זייערע פאַרבענקטע אויגן וועלן זיי איבערגעבן דעם קאָמענדאַנט פון בעלץ די אַרעסטירטע. זיי וועלן אפשר מוזן שטיין דערביי און צוקוקן, ווי דער שעף שלאָגט חיים'ען און אפשר דעם קליינעם אינגל וועט ער אויך געבן קלעפּ. דערנאָכדעם וועלן זיי זיך לייגן שלאָפן און איבערטראַכטן וועגן דעם, וואָס מען שלאָגט אַזוינע גוטע מענטשן און קיינער נעמט זיך נישט אָן פאַר זיי.

שלמה איז מיד. ער וויל שלאָפן. לאָז זיך שוין זיין, וואָס ס'וויל זיך. ער וועט אָפּלאָזן אַלע זיינע געדאַנקען אויף דער פריי. לאָזן זיי גיין וואוהין זיי ווילן און ער וועט איינדרימלען אין דער ווייכער שמעקעדיקער שטרוי.

וואָלקנס זיינען אָנגעקראָכן פון אַלע עקן אַזוינע שווערע און פינצטערע און באַלד איז די גאַנצע וועלט פאַרלוירן געגאַנגען אין דעם חושך. אָבער פערד דערשמעקן אַ וועג, זיינען זיי געלאָפן בלינדערהייט צווישן דער נאַכט און דאָך פון וועג נישט אָפּגעקערט.

דער ערשטער טראָפּן איז געפאַלן אויף שלמה'ס באַקן און דערנאָך האָט אַ בליץ צעריסן די בלינדקייט. עס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן טראָפּנס און טראָפּנס, און שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט אַ צע'רעש'טער פון די דונערן און בליצן און זיך אויפגעזעצט אין וואָגן אַ צעטומלטער.

דער מאַלדאַוואַן האָט אַרויסגעשלעפּט אַ זאַק פון אונטער דעם שטרוי, איבערגעדעקט איבער'ן קאָפּ, זיך איינ-

געקאָרטשעט און אָפּגעלאָזט די לייצעס. ווי איינער רעדט: טוט אייך, פערדעלאַך, וואָס איר ווילט.

חיים האָט זיך צוגעטוליעט צו שלמה'ן און אים אַ שעפּ־טשע געטאָן, אַז ער זאָל צובויגן זיין אויער: „איך האָב שוין מיינע פיס באַפרייט פון די שטריק, איצטער העלף מיר אָפּבינדן די הענט. אָבער טו דאָס אַזוי, אַז זיי זאָלן ניט באַמערקן! און אַז דו וועסט נאָר באַפרייען מיינע הענט, שפּרינג גלייך פון וואָגן און איך באַלד נאָך דיר."

שלמה האָט זיך אויסגעצויגן איבער דעם שטרוי, זיך געמאַכט ווי ער דרימלט, אָבער זיינע הענט האָבן זיך דאָרט געפּאָרעט פאַרבאָרגענערהייט. דערנאָכדעם האָט ער אין אַן אויגנבליק אַ פאַרוואָרף געטאָן די פיס איבער'ן וואָגן און באַלד געפאַלן אויף דער נאַסער ערד. זיך גלייך אָבער אַ הויב געטאָן און גענומען לויפן. חיים'ען אָבער איז שוין נישט געלונגען צו אַנטלויפן. די רומענער האָבן באַלד דאָס באַמערקט און אים אַ כאַפּ געטאָן אין צייט. איין סאָלדאַט איז געבליבן מיט'ן לערער און דער צווייטער האָט זיך אַ לאָז געטאָן פון וואָגן נאָכלויפן שלמה'ן.

אַ בליץ האָט דורכגעשניטן דעם סטעפּ און זיך צע־בראָכן. איז מיטאַמאָל געוואָרן ליכטיק אַ שטיק פינצטער־ניש און אינמיטן דער ליכטיקייט האָט דער סאָלדאַט דער־זען, ווי שלמה לויפט אַן אָטעם. „שטיי!" האָט דער זעלנער אויסגעשריגן. אָבער דער בליץ איז פאַרגאַנגען אַזוי גיך, ווי ער איז געקומען, און ס'איז ווידער געוואָרן בלינד די וועלט. דער רומענער האָט אויסגעשאָסן, אָבער באַלד האָט אַ דונער געטאָן און פאַרהילכט דעם שאָס און דעם גאַנצן סטעפּ. ס'האָט ווידער אַ בליץ געטאָן, אָבער ער האָט שוין מערער נישט געזען אינמיטן דער ליכטיקייט שלמה'ן לויפן. נישט געסטאַיעט דער קליינער.

די רומענער האָבן זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט ווייטער. ווי אַזוי קענען זיי באַווייזן זייערע פּנים'ער פאַר'ן קאָמענדאַנט, אַז ער האָט זיי איבערגעגעבן צוויי אַרעסטאַנטן

און זיי וועלן נאָר ברענגען איינעם. איצטער איז אוממעג־לאַך אים אָפּצוזוכן. אַ קליין אינגל וועט ווייט נישט אַנט־לויפן. לאָז נאָר ווערן אַביסל ליכטיקער, וועלן זיי אים געפינען.

דער פויער האָט אויסגעשפּאַנט די פערד און זיי גע־שטעלט מיט די פּנים׳ער צום וואָגן, זיי זאָלן קענען צופּן די פאַרגעצטע שטרוי. אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגן, זיך פאַרדעקט מיט׳ן זאַק איבער׳ן קאָפּ און תיכּף אָנגעהויבן צו כראָפּען. די רומענער וועלן שוין נישט שלאָפן. „גאַטע־ניו, אָ, גאַטעניו, — האָבן זיי אַ זיפץ געטאָן, — אַזאַ אומ־גליקלאַכע נאַכט."

דער רעגן האָט געליאַפּעט לאַנג, לאַנג, ביז וואַנען עס איז אים נמאס געוואָרן און ער האָט אויפגעהערט, אָבער די שווערע כמאַרעס זיינען זיך נישט צעקראָכן, און די זעלנער האָבן נישט אויפגעהערט צו קלאָגן. רופט זיך אָן חיים:

— הערט אויף צו קלאָגן, איך וועל אייך בעסער אויס־לערנען אַ שיין ליד. איר קענט מסתמא ניט זינגען דעם אינ־טערנאַציאָנאַל. ס׳הויבט זיך אָן אַזוי: „שטייט אויף איר אַלע, ווער, ווי שקלאַפן, פון הונגער, עלנד און פון נויט". חיים האָט אָפּגעזונגען דאָס גאַנצע ליד, און די צוויי זעלנער איז עס זייער געפעלן געוואָרן. „איצטער פּרואווט מיט־זינגען" — מאַכט חיים. די סאָלדאַטן האָבן זיך אויסגעהוסט, כּדי צו קענען בעסער נעמען אַ טאָן, און אָנגעפאַנגען. חיים האָט מיט זיי דאָס ליד איבערגעזונגען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. און די נאַכט איז דערווייל ביסלאַכווייז אַראָפּ, און אַ טומאַן האָט זיך צעלייגט אויפ׳ן בלייכן פאַרטאָג. איז איינער פון זיי אַראָפּ פון וואָגן, געלאָפן איבער׳ן סטעפּ אַזש פינף מייל און געשריגן:

— אידליקל, שלמה, קום צוריק, איך בעט דיך, קום צוריק!

— נישטאָ. — האָט ער זיך אומגעקערט מיט גרויס פאַרצווייפלונג אויף זיין פּנים. איז דער אַנדערער אַוועק

זוכן אין אַן אַנדער ריכטונג און אויך געשריגן: „אידליקל, אידליקל". ס'אידליקל איז נישטאָ.

זיינען זיי ווייטער געפאָרן און דעם גאַנצן וועג געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל", זיך אומיסנע גע'חזר'ט, כדי נישט צו פאַרגעסן.

אין בעלץ האָט דער קאָמענדאַנט אויסגעהערט זייער באַריכט און האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט. זיין פּנים איז געבליבן רואיק ווי געווען, נאָר ער האָט אויפגעהויבן זיין ראַפּניק און אַראָפּגעלאָזט מיט גרויס כח גלייך אויף די סאָלדאַטן, וואָס זיינען געשטאַנען אויסגעצויגן ווי צוויי הילצערנע ליאַלקעס. דוקא מיט די ביקסן אין די הענט געהוידעט זיך פון די שמיץ, אָבער דאָך זיך צוריק אויסגע־גלייכט גלייכע ווי סטרונעס. ווייל דער געזעץ זאָגט, אַז ווען מען שטייט פאַר אַן אָפיצער, דאַרף מען שטיין גלייך און אויסגעצויגן. דאָס הייסט אָפּגעבן כבוד אַן עלטסטן.

זיי האָבן געבראַכט אין אַרעסטאַנט צו פירן, אָבער באַלד איז געוואָרן דריי — די צוויי סאָלדאַטן האָט מען אויך פאַרפּאַקט. מען האָט זיי אַריינגעשליידערט אין אַ קאַמער, און זיי האָבן זיך באַלד געלייגט אויף זייערע נאַרעס, גע־קלאָגט און געזעגנט זיך אין זייער געדאַנק מיט'ן דאָרף, מיט זייערע ווייבער און קינדער און מיט זייערע אָקסן.

# די צען רוסאַקעס.

שלמה איז נישט פאַרלוירן געגאַנגען אין דער פינצטע־רער נאַכט. ער האָט אויך נישט געוויינט. געגאַנגען וואו־הין עס האָט זיך געלאָזט, ביז וואַנען ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ פּלויט. איז ער דעם פּלויט אַריבערגעקראָכן, גע־טאַפּט אין דער פינצטער און אָנגעטראָפן אַ שטאַל. די טיר האָט זיך לייכט געעפנט און דאָרט זיינען געשלאָפן אַ קו מיט איר קעלבל און אַ הונט. דער הונט האָט זיך אפילו נישט אויפגעכאַפּט, ווייל ער איז געווען פויל צו האַווקען. צעהאַווקעט האָט ער זיך ערשט פאַרטאָג, ווען ער האָט דערזען, אַז אַ פרעמד אינגל ליגט און שלאָפט... ער איז געווען זייער בייז, דער הונט, און זיך אַליין נישט געקענט מוחל זיין, וואָס ער האָט אינמיטן דער נאַכט זיך נישט צעהאַווקעט, ווען דער פרעמדער איז אַריינגעקראָכן.

שלמה האָט זיך אויפגעכאַפּט אַן איבערגעשראָקענער און זיך געלאָזט לויפן. אָבער באַלד איז אַרויס פון דער שטוב אַ פּויערטע און אים אָפּגעשטעלט, דעם הונט איינגעשטילט און זיך דערפרעגט ביי אים, ווי אַזוי ער האָט זיך געיאָוועט.

שלמה האָט איר דערציילט די גאַנצע מעשה, און יענע האָט זיך אַזש צעוויינט, אָנגעהויבן צו אָכצן: „מאַי, מאַי, אין אַזאַ שרעקלאַכער נאַכט, אין אַזאַ איבערקערעניש, און נאָך אַזאַ קליין אינגל דערצו." דערפאַר האָט זי אויסגעמאָלקן די קו און אים אויפגעקאָכט אַביסל מילך. די קינדער פון דעם הויז זיינען געשטאַנען אַרום אים מיט אָפענע מיילער, געזען ווי ער ברייט זיך מיט דער מילך און נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס קומט אָט דעם פרעמדן אינגל אַ גאַנץ טעפּעלע מילך און זיי גיט די מאַמע קיינמאָל נישט קיין מילך, ווייל דעם גאַנצן עמער טראָגט זי אַוועק אין נאָענטן

שטעטל צו פארקויפן צווישן פרעמדע מענטשן.
— וואוהין-זשע לאזסטו זיך, אינגל?
— קיין בעלץ לאז איך זיך.
— אזוי ווייט, און איינער אליין.
— איך מוז גיין צו מיין מאמען.
— גיי, גיי, אינגעלע, אט וועל איך דיך ארויספירן אויפ'ן וועג. די פויערטע האט געזאגט „א גוטן טאג“ צו אירע קינדער, זיי אויך פארזאגט, אז זיי זאלן זיך נישט שלאגן צווישן זיך, ווייל ביז בייטאג וועט זי נאך אהיימ־קומען און קאכן אנבייסן. דערנאך האט זי גענומען דעם עמער מילך און זיך געלאזט מיט שלמה'ן אויפ'ן וועג.

העט ווייט איבער'ן סטעפ איז נאך געלעגן א טומאן, אבער דער וועג איז שוין געווען א ליכטיקער און זיך גע־ווארימט אנטקעגן דער זון. ס'זיינען אנגעפארן צען וועגע־נער מיט גרויסע שווערע קלעצער, וואס מען האט אנגע־האקט אין די וועלדער ארום אריעוו.

אלע צען אנטרייבער האבן אויסגעקוקט, ווי וואלד־גזלנים. הויכע ברייטע גויים. רוסישע, נישט קיין מאל־דאוואנעס. מיט רויטע פנים'ער אפגעלישעט און אפגע־פרעסן פון דער זון, ווינט, רעגן און שניי. אנגעטאן אין גרויסע בורקעס, זיינען זיי געזעסן אויף די בערג מיט קלע־צער און אויסגעקוקט ווי ריזן, וואס האבן איבערגעקערט א וואלד און איצטער פירן זיי דעם וואלד א געפאלענעם און אונטערטעניקן אין די וועגענער.

— וואוהין פירט איר אט די קלעצער, ליבע מענטשן, און א גוט מארגן אייך. — האט די פויערטע אפגעשטעלט דעם ערשטן וואגן, און צוליב דעם ערשטן וואגן האבן זיך שוין געמוזט אפשטעלן די איבריקע ניין.

— קיין בעלץ פירן מיר אט די קלעצער, וועט מען אויפשטעלן טעלעגראף-סלופעס.

— קיין בעלץ? — האט די גוי'ע אזש א פליעסקע געטאן מיט די הענט, — אט א מזל, נעמט-זשע מיט, איך

בעט אייך, אַז דאָס אידישע אינגל, זיין מאַמע איז אַרעס־טירט אין בעלץ. קיין טאַטן האָט ער נישט, דער׳הרג׳עט אויף דער מלחמה.

— קריך אַרויף, ממזר׳ל, — האָט דער אַנטרייבער אַ מאַך געטאָן צו שלמה׳ן אַזוי גוטמוטיק.

אַז די צען רוסאַקעס זיינען געווען וועג־מענטשן, קיינ־מאָל נישט געשטאַנען לאַנג אויף איין פּלאַץ. זיי האָבן גע־האַט הויכע געזונטע פערד מיט ברייטע, לאַנגע וועגענער. פאַר דער מלחמה פלעגן זיי פירן סחורות קיין קיעוו און אָפטמאָל קיין מאָסקווע. זיי זיינען שוין אויסגעווען גאַנץ רוסלאַנד. אויסגעקוקט האָבן זיי טאַקע, ווי רויבער אויפ׳ן גרויסן וועג, אָבער צו שלמה׳ן זיינען זיי געווען זייער גוט. דאָס קליינע אידל מיט זיינע צוויי גרויסע שיינע שוואַרצע אויגן איז זיי זייער געפעלן געוואָרן.

ווען די זון איז שוין געווען אינמיטן הימל, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט נישט ווייט פון אַ דאָרף לעבן אַ פּריצישן גרויסן הויף. באַלד זיינען זיך אָנגעלאָפן די קינדער פון דאָרף פאַרשמירטע, באָרוועסע שקצים׳לאַך און שיקסלאַך מיט הוילע קעפּלאַך, און זיי אַרומגערינגלט. די רוסאַקעס האָבן זיי נישט צעטריבן. פאַרקערט, יעדן איינעם איינגעטיילט צו שטיקלאַך צוקער. דאָס קליינוואַרג האָט דאָס געלעקט, ווי אַנדערע קינדער לעקן גוטע צוקערקעלאַך, וואָס מען דאַרף זיי קויפן פאַר געלט און זיינען איינגעוויקלט אין שיינע פּאַפּירלאַך מיט מענטשעלאַך. יעדערער האָט צעבונדן זיין טאָרבע און זיך גענומען צו דער אכילה. וויי, ווי זיי האָבן געפרעסן! יעדער איינער האָט איינגעשלונגען אפשר אַ גאַנץ ברויט מיט אַ פונט קאָלבאַס און אַלעמאָל פאַרזופּט פון אַ פלעשל בראָנפן. נאָכ׳ן עסן זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און איינגעשלאָפן.

ווען זיי האָבן זיך גערירט אין וועג, האָט די זון שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין און זיי אַלע זיינען געווען פרישע און מונטערע און געזונגען לידער אַזוינע בענקענדיקע און

נאָגנדיקע.

אָרום פאַרנאַכט האָבן זיך פּלוצלינג באַוויזן פונדער־ווייטנס צוויי רייטער מיט ביקסן, פאַר זיי האָט זיך נאָכ־געשלעפּט אַ פוסגייער, און יענע האָבן אים אַלעמאָל גע־שלאָגן מיט די אַראַפּניקעס. האָט דאָס די רוסן פאַרדראָסן און זיי האָבן אָפּגעשטעלט די וועגענער און אָפּגעוואַרט ביז יענע גרופּע וועט זיך אויסגלייכן מיט זיי.

שלמה האָט נאָך פונדערווייטנס דערקענט אין פוסגייער סטעפּאַנ׳ען. דערקענט אים אין זיין גאַנג. ווײ! ווײ! סטעפּאַנ׳ען אויך אַרעסטירט. און וואָס איז געוואָרן מיט זיין וואַסקאַ׳ן? ס׳איז טאַקע געווען סטעפּאַן. מיט אַ צע־בלוטיקט פּנים און געבונדענע הענט האָט ער זיך געשלעפּט און יענע האָבן אים אַלע ווײלע געשלאָגן.

„גרויסע חכמים", האָט שלמה אַ טראַכט געטאָן מיט פאַרדרוס, — "שלאָגן יענעם, ווען די הענט זיינען געבונדן".

די רוסן האָט דאָס, ווייזט אויס, אויך פאַרדראָסן, וואָס די רומענער שלאָגן אַ געבונדענעם מענטשן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומצואווינקען מיט די אויגן איינער מיט׳ן צווייטן און דער וואונק האָט באַטייט: „זאָלן מיר אפשר אַרויפפאַלן אויף די צוויי פּאַסקודניאַקעס און זיי גוט אָנ־ברעכן די ביינער". דער עלטסטער פון זיי האָט אויך אַ וואונק געטאָן זייער ערנסט און זיין וואונק האָט באַטייט: „איר זעט נישט, אַז זיי האָבן ביקסן מיט זיך?"

די זשאַנדאַרמען האָבן זיך, ווייזט אויס, דערשראָקן פאַר די הויכע גויים, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי וואַלד־גזלנים, ווייל זיי האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן גלייך אויף די רוסאַקעס.

סטעפּאַן האָט דערקענט שלמה׳ן. אַ בליץ געטאָן אויף אים מיט אַזוינע טרויעריקע אויגן. ער האָט אויך דערזען ווי די גויים קוקן אויף אים מיט אַ סך מיטלייד און אויף די סאָל־דאַטן מיט אַזוי פיל האָס, האָט ער אַ געשריי געטאָן צו זיי:

„העלפט, ליבע מענטשן, זיי וועלן מיך פאַרפייניקן ביז טויט

דאָרטן אין טורמע." אַ פּאָר פון זיי האָבן זיך שוין געריסן אַרויפצושפּרינגען אויף די רומענער, אָבער דער עלטסטער האָט דאָס באַמערקט און אין צייט זיי פאַרהאַלטן. די סאָלדאַטן האָבן געפּילט, אַז זייערע לעבנס הענגען אויף אַ האָר. דערפאַר, ווען זיי זיינען שוין אַריבער דעם געפערלאַכן פּלאַץ, האָבן זיי צעטריבן די פערד, אומטערגעאיילט סטעפּאַנען און אָן זיך אַ לאָז געטאָן גיך, גיך.

די פּויערים האָבן געאָטעמט שווער. זיי האָבן, דאַכט זיך, גאָרנישט געטאָן און געווען אַזוי אויפגערעגט. אויף אויסצולאָזן זייער כעס האָבן זיי געכאַפּט שטיינער פון שליאַך און אָנגעהויבן צו באַוואַרפן די רומענער. זיי האָבן געטראָפן די סאָלדאַטן אין די פּלייצעס און אין די קעפּ. האָבן די רייטער אפילו דענסטמאָל זיך אויך נישט אומגעקוקט. זיי האָבן זיך נאָר ברייט צעשפּרייט מיט זייערע פערד, אַזוי אַז דער אַרעסטאַנט איז געבליבן אינמיטן און אַזוי אַרום אָפּגעשטעלט דאָס וואַרפעריי, ווייל זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז איצטער קען דאָס סטעפּאַנ׳ען אויך טרעפן און יענע וועלן דערפאַר שוין מערער נישט וואַרפן.

לאַנג, לאַנג האָבן זיך די רוסן נישט געקענט באַרואיקן. געשאָלטן די רומענער און אויסגעלאָזט זייער גאַנצן כעס צו זיי. די וועגענער האָבן זיך גערירט, אָנגעהויבן צו סקריפּען און די נאַכט האָט זיך גערוקט, ווי אַ גנב, מיט אַ זייט. פריער פאַרקראָכן אין די ווייטע דערפער, דערנאָכדעם זיך אַראָפּגעלאָזט אויפ׳ן סטעפּ און זיך פאַרשפּרייט ביז׳ן שליאַך און אים אויך פאַרכאַפּט. איינער פון די צען האָט אָנגעהויבן אַ ליד, די איבעריקע האָבן אונטערגעכאַפּט און שלמה האָט אַלץ נישט געקענט פאַרגעסן סטעפּאַנען. און וואָס איז געוואָרן מיט וואַסקען? אַזאַ שיין פערד, אַ הויכער, אַ שטאָלצער, מיט אַזוינע לאַוקע׳ פּיס. ערשט איצטער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז וואַסקאַ האָט געהאַט אַ ווייסן פלעק אויפ׳ן בויך און עס האָט אים דערפאַר אַזוי שטאַרק באַנג געטאָן.

# עלנט אין אַ גרויסער שטאָט

בעלץ, אַ גרויסע שטאָט מיט הויכע מויערן. שלמה האָט נאָך אויף זיין לעבן נישט געזען אַ גרויסע שטאָט. די גאַסן געפּלאַסטערט מיט שטיינער און די קליינע אַזוינע רייכע. די גויים האָבן אים אַראָפּגעלאָזט פון וואָגן, זיך געזעגנט מיט אים אַזוי ווארים און אים געוואונטשן, ער זאָל זיך קענען דערשלאָגן צו זיין מאַמען און איר אָפּגעבן אַ גרוס פון זיי.

אינמיטן וועג, צווישן די סטעפּעס, האָט זיך שלמה נישט געפילט אַזוי עלנט, ווי דאָ אין דער גרויסער שטאָט. ער האָט געוואַנדערט פון גאַס צו גאַס. פאַרגאַפט געוואָרן פון די חידושים, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן, באַזונדערס פון די הויכע גרויסע שפּיגלדיקע פענצטער מיט פאַרשידענע שיינע סחורות. ער האָט אויך פאַרבלאָנדזשעט אין בולוואַר אַריין מיט די שיינע ביימער, גלאַטע, אונטערגעשוירענע. בענקלאַך אומעטום צעשטעלט איבער די אַלעען. לויפן אום קינדער שפּילן זיך אין באַל, שפּרינגען איבער רויטע, גרינע, בלויע שטריקלאַך, און אויף די בענק זיצן די מאַמעס און שמועסן צווישן זיך. אינמיטן בולוואַר שטייט אַ גרויסער קלויסטער, אַ ווייסער, אַ זילבערנער. אונטער'ן דאַך פון טורעם הענגט אַ גרויסער גאָלדענער גלאָק און שפּילט זיך מיט דער זון. יונגע בחורים פאָרן־אום אויף וועלאָסיפּעדלאַך, יאָגן זיך, ווייזן פאַרשידענע קונצן. און שלמה האָט נישט קיין וועלאָסיפּעד. ער האָט אפילו נישט קיין שיך אויף די פיס און ער איז טויט־הונגעריק.

ער האָט דעם בולוואַר פאַרלאָזט און אַרויף אין די קליינע געסלאַך. דאָרט איז שוין נישט געווען וואָס צו באַוואונדערן. די הייזער פונקט אַזוינע קליינע און אָרימע, ווי אין

אַ סך שטעטלאַך. אינגלאַך רייטן נישט דאָרט אויף וועלאָ־סיפּעדלאַך און קינדער שפּילן נישט אין באַל. דאָ שפּילן זיך די קינדער אין זאַמד און שטיינדלאַך, און זיינען פּונקט אַזוינע פריילאַכע ווי יענע אויפ'ן בולוואַר. אָבער מאַמעס זיצן דאָרט נישט אויף בענקלאַך און שמועסן זיך דורך. קיין מאַמעס זעט מען אינגאַנצן נישט.

אין אַ ווינקל פון גאַס איז געזעסן אַן אַלטיטשקער שוסטער פאַר אַ קליין טישל. דאָס טישל איז געווען אָנגע־וואָרפן מיט שטיפטן, העמערלאַך און שטיקלאַך לעדער. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסן שטיוול און מיט די ברילן אויף די אויגן האָט ער אים באַטראַכט, אפילו צוגע־לייגט צום אויער, ווי אַ דאָקטאָר. שלמה'ן איז עפּעס גע־פעלן געוואָרן דער שוסטער. ערשטנס, וואָס ער זיצט אויף דער גאַס און אַרבעט. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין שוסטער זיצן אויף דער גאַס און אַרבעטן. צווייטנס, וואָס דער דאָזיקער אַלטיטשקער האָט גאָר אינגאַנצן נישט קיין סימן פון קיין בערדל. איז שלמה שטיין געבליבן און זיך פאַר'חידוש'ט. רופט זיך אָן דער אַלטיטשקער:

— דו וואונדערסט זיך מסתמא, וואָס איך אַרבעט אויף דער גאַס?

— זע נאָר, פון וואַנעט ווייסט איר, אַז איך וואונדער מיך? — האָט שלמה איבערגעפרעגט.

— איך ווייס אַלץ. — האָט דער שוסטער אַ מאַך געטאָן וואַזשנע. — אָט וועל איך דיר זאָגן. איך האָב דוקא אַ פּאַ־לאַץ, נישט קיין פּשוט'ע שטוב, אָבער אין גאַס איז ליכטי־קער און איך האָב ליב צו אַרבעטן אַנטקעגן דער זון. שלמה האָט זיך צעלאַכט פון זיינע ווערטער.

— לאַך נישט פון קיין עלטערן פון זיך, דו שקאָץ איי־נער! — איז דאָס שוסטערל אין כעס געוואָרן, פאַרטיפט זיך אין דער אַרבעט און געמאַכט זיך, אַז ער איז שטאַרק פאַר־נומען. האָט שוין שלמה געמיינט, אַז דער אַלטיטשקער איז אויף אים ברוגז געוואָרן. האָט אים דאָס אינגל געוואָלט

איבערבעטן, אָבער ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי. איז זיך שלמה אַזוי געשטאַנען אַ שולדיקער ביז ער האָט בים־לאַכווייז זיך אָנגעהויבן אָפּצורוקן. אָבער יענער האָט אַ הוסט געטאָן און זיך אָנגערופן:

— המ... המ... וואוהין־זשע לויפט מען שוין דאָס?

— וואָס וועל איך דאָ שטיין?

— אויף וואָסער גאַס וואוינסטו?

— איך בין נישט קיין היגער.

— נישט קיין היגער, נאַ־זשע דיר שלום־עליכם. פון וועלכער שטאָט קומסטו דען?

— נישט פון קיין שטאָט, נאָר פון אַן אַנדער לאַנד, פון אוקראַינע. — האָט שלמה אים אויסגעשטרעקט זיין האַנט.

— ש־ש־ש... — האָט דאָס שוסטערל אַ וווּיז געטאָן מיט אַ פינגער און זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, אויב עמעצער האָט נישט דערהערט דאָס וואָרט „אוקראַינע", — דערמאָן נישט דעם נאָמען אַזוי הויך. ווי אַזוי־זשע קומסטו אַהער?

האָט שלמה אים דערציילט פון אַלץ. ווען ער האָט געענדיקט, האָט דאָס שוסטערל ווייטער אַ קוק געטאָן אין אַלע זייטן צו זען אויב קיינער שטייט נישט דערביי, און אַ מאַך געטאָן אַזוי געהיימניספול:

— בויג־צו דיין אויער, וועל איך דיר עפּעס זאָגן. דו ווייסט כאָטש ווער איך בין?

— ווער? — האָט שלמה געפרעגט און זיך שוין גע־שראָקן, טאָמער איז ער ווער ווייסט ווער.

— אַ באָלשעוויק בין איך, אָבער מיין ווייב פּעשע ווייסט נישט פון דעם און דו, קליינער, זאָלסט דאָס קיינעם נישט דערציילן.

שלמה האָט זיך ווידער צעלאַכט.

— וואָס לאַכסטו וואָס? גלויבסט נישט? איך האַלט מיט זיי פון דער ערשטער מינוט אָן, אָבער מאַך אַ שוויג.

פאַרשטייט זיך, אַז שעפּסל, אַזוי האָט געהייסן דאָס שוסטערל, האָט שוין שלמה'ן נישט אָפּגעלאָזט.

— וואַרט, וואָס האָסטו קיין צייט נישט, — האָט שעפּסל אים איינגערעדט, — וועסט מיט אונז עסן אַ מלכות'־דיקע וועטשערע. מיין ווייבס געקעכצן מעג מען אפילו דערלאַנגען צום קייסערס טיש. וועסט זיך אויסרוען, איבערשלאָפן און מאָרגן וועסטו זיך גיין וואוהין דו וועסט וועלן.

שלמה האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דר'ערד און דאָס שוסטערל האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט געלייגט אַ גרויסע פּידמעטקע אויפ'ן שטיוול. „דער שטיוול" האָט ער דערקלערט — „איז יאָשע דעם בעל־עגלה'ס. איז אָט דער יאָשע האָט אַ טבע שטענדיק אויסצוטרעטן נאָר די פּידמעטקע פון דעם לינקן שטיוול, די רעכטע איז שטענדיק גאַנץ און קיינמאָל דאַרף מען זי נישט פאַרריכטן. האָסט שוין געזען אין דיין לעבן אַזעלכעס?"

— ניין, — האָט שלמה געענטפערט ערנסט. ער האָט אין זיין לעבן נאָך נישט געזען אַזעלכעס.

דערנאָכדעם האָט דאָס שוסטערל אָנגעהויבן אונטערצוברומען אַ חזנ'יש ניגונ'דל. שלמה'ן איז געפעלן געוואָרן זיין זינגען און ער האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן. שעפּסל האָט דאָס באַמערקט און עס האָט אים הנאה געטאָן. האָט ער דערפאַר שוין אויסגעזונגען איין שטיקעלע נאָכ'ן צווייטן.

פאַרנאַכט־צו האָט ער פאַרפּאַקט אַלע זיינע זאַכן אין אַ זעקל. שלמה האָט אונטערגעכאַפּט ס'טישל און זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט צום שוסטערס פּאַלאַץ. געדאַרפט האָט מען צו דעם פּאַלאַץ אַראָפּנידערן פינף פוס טיפער פון דער גאַס, און אַז שעפּסל האָט געעפנט די טיר, זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ פינצטערניש און פון דאָרט האָט זיך דערטראָגן אַ קול פון אַ פרוי:

— שוין, ביסט שוין דאָ?

— ניין, איך בין שוין דאָ, — האָט דאָס שוסטערל אַ מאַך געטאָן פריילאַך. — געבראַכט מיט זיך אַן אורח צו אונזער סעודה.

פּעשע האָט געמיינט, אַז איר אַלטיטשקער שפּאַסט,

ווייל זי האָט געוואוסט פון לאַנג, אַז איר מאַן האָט אַ טבע צו חכמה׳נען זיך, אָבער ווען זי האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל, האָט זי שוין געזען, אַז איר מאַן האָט געזאָגט דעם אמת. נאָך וואָס פאַר אַן אורח. אַ באָרוועס אינגל מיט אַ פּאָר גרויסע, שיינע, שוואַרצע אויגן, ס׳פּנים פאַרשטויבט, דאָס רעקל צעריסן און דאָס העמד צעבראַשטשעט.

שעפּסל האָט פּעשע׳ן אַריינגערופן אין קיך און איר אין קורצן דערציילט וועגן אים, האָט די שוסטערקע זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן און אַ פּאַק געטאָן שלמה׳ן און אים אַ נעם געטאָן אַרומוואַשען. אים אַפילו אויסגעצוואָגן, אַרויסגענומען פון שופלאָד דעם מאַנס אַ העמד און אים גע־הייסן זיך איבערטאָן.

ביי דער וועטשערע איז שוין דעם קליינעם אורח נישט געווען צו דערקענען. ער איז געזעסן ביים טיש און באַ־שיינט דאָס קעלער־שטיבל מיט דער נידעריקער סטעליע, זיינע באַקן האָבן געפלאַמט, און פּעשע די שוסטערקע האָט זיך זאַט נישט געקענט אָנקוקן אין זיין פּנים.

די סעודה איז באַשטאַנען פון דריי געריכטן. דאָס ערשטע געריכט איז געווען קאַשע מיט יויך, דאָס צווייטע — אַ טעלערל מיט ברוינע פּאַסאָלקעלאַך, דאָס דריטע — פליייש מיט ביינער. שלמה האָט שוין לאַנג נישט פאַרזוכט אַזאַ טייערע וועטשערע. האָט ער געגעסן מיט אַפּעטיט און איז געווען אויפגעלייגט. דאָס קעלער־שטיבל איז טאַקע ביי אים אין די אויגן געווען אַ פּאַלאַץ. די ערד איז געווען מיט רעדנעם פאַרשפּרייט, און דער גרויסער גלעזערנער קאָמאָד אָן איין שטויבעלע. פון די פּאָליצקעלאַך האָבן אַרויסגעקוקט קופּערנע לייכטער, וואָס האָבן געבלישטשעט, און אַ מעשע־נער גרויסער שטויסל מיט אַ פּאָרצעלייענעם טשאַיניק, באַצירט מיט קווייטעלאַך.

מאָרגן וועט ער גיין צו דער טורמע און אויב מען וועט דאַרפן אַפילו צעברעכן די ווענט, כדי אַרויסצונעמען זיין מאַמען, וועט ער דאָס טאָן. ער פילט זיך איצט שטאַרק אין

כוח, ווייל ער איז זאַט און אויף דער קאַנאַפּע איז ווייך צו ליגן.

פּעשע זיצט אַזוי פאַרטיפט איבער דעם קליינעם אורח׳ס הויזן, לאַטעט און צירעוועט. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זי אָפּגעהאָרעוועט און ווען זי האָט שוין פאַרענדיקט די אַרבעט, האָט זי פּלוצלינג געזען, אַז די תחתונים טויגן אינגאַנצן נישט און מען דאַרף זיי אַרויסוואַרפן. האָט זי אַרויסגענומען פון קאָמאָד שעפּסל׳ס אַ פּאָר אַלטע, נאָר גאַנצע הויזן און זיי אַנידערגעלייגט אויף אַ בענקל לעבן שלמה׳ן, וואָס איז שוין געשלאָפן, ווי אַנגעלייענט. אויף זיין פּנים איז געפאַלן דער שיין פון לעמפּל. ער האָט אויסגעזען אַזוי נאָענט צו איר, אַקוראַט ווי איר אייגענער זון. אָבער זי האָט קיינמאָל קיין אייגענעם זון נישט געהאַט, האָט זי דערפאַר אַ זיפץ געטאָן, אויפגעעפנט די טיר און אַרויסגעוואָרפן די פאַרלאַטעטע הויזלאַך אויף דער גאַס. דערנאָכדעם האָט זי זיך געלייגט אין בעט און נישט געקענט איינשלאָפן, אַלץ געטראַכט, וואָס וואָלט דעם רבונו־של־עולם געאַרט, ווען ער שענקט איר אַזאַ געראָטענעם זון מיט צוויי שיינע ליכטיקע שוואַרצע אויגן.

## שיכור'ע פֿאָרן זיי צו דער טורמע.

די זון איז אַוועק פֿון איין גאַס און אַרויף אויף דער צווייטער, דאָרטן זיך אויך נישט געזאַמט און געגאַנגען ווייטער פֿון שטוב צו שטוב, ביז זי איז אָנגעקומען צו דער תּפיסה. האָט זי דערזען, ווי אויפ'ן טורעם זיצן ווייסע טויבן, האָט זי זיי אַלעמען באַגאָסן מיט אַ רויטער ליכטי־קייט. האָט זיך אויסגעוויזן, ווי אַלע טויבן וואָלטן זיך מיט־אַמאָל אָנגעצונדן און זיי ברענען. איין מינוט האָט דאָס אײנגאַנצן געדויערט און די זון איז פֿון דאָרט אויך אַוועק ווייט אַרום, אויף יענער זייט שטאָט. איז שוין דער שפּיץ פֿון טורעם געווען שוואַרץ, אָבער די טויבן זיינען נאָך גע־בליבן ווייס.

פּלוצלינג האָט אַ פֿייף דורכגעשניטן די לופֿט און אַלע פֿייגל האָבן זיך אַ הויב געטאָן און מיט אַ פּאַטשעריי אַראָפּגענידערט אין הויף. דאָרטן איז שוין געשטאַנען פּאַפּעסקו מיט אַ זעקעלע הירזש. פֿון אַלע פֿענצטער האָבן די אַרעסטאַנטן אַראָפּגעקוקט און געזען, ווי אַ שוואַרצער הויף איז באַדעקט מיט ווייסע טויבן. האָבן זיי פּלוצלינג אָנגעהויבן שטאַרקער צו בענקען ווי אַלעמאָל און ס'האָט זיי געצויגן אויף דער פֿריי.

די טויבן האָבן געפּיקט קערנדלאַך פֿון דער ערד און פּאַפּעסקו איז געשטאַנען און געקליבן נחת. אָפּגעגעסן וועטשערע, האָבן זיי אַ פּאַטש געטאָן מיט די פֿליגל און פֿאַרשוואונדן אין דער הויך.

איז אויפ'ן טונקעלן טורמע־הויף געשטאַנען דער שוואַר־צער פּאַפּעסקו, ווי אַ שאָטן, מיט פֿאַרריסענע אויגן צום הימל און געקוקט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דער לעצטער ווייַ־

סער פלי האָט זיך אויסגעלאָשן. דעמאָלט האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט זיין אַראַפּניק איבער זייַנע לאַנגע שטיוול, אָנגעהויבן אויסצופייפן אַ ליד און זיך אַוועקגעגאַנגען איבערטאָן.

אַ גרויסער באַל דאַרף היינט פאָרקומען אין אָפיצערן־קלוב, וועט ער זיך אָנטאָן זייַנע יום־טוב׳דיקע קליידער. פאַר׳ן טויער פון טורמע שטייט שוין אַן עקיפּאַזש, און לעבן דעם שמייסער מיט׳ן צילינדער אויפ׳ן קאָפּ און ווייסע הענטשקע׳ס זיצט אַ סאָלדאַט און האַלט אַ שטורקאַץ. דער שטורקאַץ פלאַמט און פונקען רייסן זיך, אַנטלויפן אין דער פינצטערניש און דאַרטן ווערן זיי פאַרלוירן. די פערד ווילן נישט אייַנשטיין אויף אַן אָרט, טופען זיי מיט די קאָפּיטעס און גראָבן די ערד. אָבער אָט האָט דער עקיפּאַזש זיך אַ ריר געטאָן און דער פלאַם פון שטורקאַץ האָט אָנגעהויבן צו ציטער׳ן. פּאַפּעסקו, אַ פאַרפּוצטער, ליגט שוין צעלייגט אויף די ווייכע קישעלאַך און שמייכלט צו זיך אַליין.

אין אָפיצערן־קלוב הענגען אַראָפּ קרישטאָלענע עלעקטרישע לאָמפּען גאָר נידעריק פון דער הויכער סטעליע. קלעזמער׳ער שפּילן און אַ גאַנצער זאַל מיט מענטשן דרייט זיך. די סטעליע מיט די לאָמפּן דרייט זיך אויך און אפילו די לאַקייען אין די שוואַרצע פראַקן און ווייסע העמדער, מיט די טאַצן אָנגעשטעלט מיט כל־ערליי פאַרבייסאַכצן.

פּאַפּעסקו האָט אַ סך פריינט, האָבן זיך אַלע דערפרייט, ווען ער האָט זיך געיאַוועט. זייַנען זיי אַלע צו צו אים, געקלאַפּט אין די פּלייצעס און אים אַריינגענומען אין אַ צווייטן צימער, וואו ס׳איז געשטאַנען אַ בופעט אָנגעשטעלט מיט כל־ערליי שנאַפּסן, געריכערטע פליישן און פיש. די אָפיצערן מיט׳ן אויפזעער פון טורמע האָבן זיך אַ נעם געטאָן שיכור׳ן. ווען זיי זייַנען שוין געוואָרן בגלופין, האָט מען זיך אָנגעהויבן קושן און ווייטער געגאָסן. אַז זיי זייַנען שוין געווען רעכט שיכור, האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן פּלאַפּלען און באַרימען זיך: דער מיט זיין פערד, אַן אַנדערער מיט זיין זילבערנער שווערד און פּאַפּעסקו האָט זיך באַרימט, אַז

ביי אים אין טורמע זיצט אַ אידישקע, אסתר הייסט זי, דאַרף מען אויספאָרן לענדער נאָך אַזאַ שיינהייט.

— ווייז זי אונז! — האָבן זיך אַלע גוטע־ברידער אָנ־געכאַפּט און זיך אָנגעהויבן בעטן ביי אים.

— ווייזן זי אייך! אַ גרויסע מלאכה! זי איז בסך־הכל אַ שפּיאָנקע, אָבער אַ שיינע, די קאַנאַליע.

פיר עקיפּאַזשן מיט שיכור׳ע אָפּיצערן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טורמע. די שמייסערס מיט די הויכע צילינ־דערס און ווייסע הענטשקעס, די סאָלדאַטן מיט די שטור־קאַצן אין די הענט זיינען נישט געווען שיכור. זיי זיינען געזעסן הויכע און גלייכע און ס׳האָט ווי געטאָן די קרי־זשעס פון דעם, אָבער זיי האָבן זיך נישט קיין בויג געטאָן, ווייל אַז עלטסטע פאָרן, מעג אפילו ברעכן און שטעכן די קריזשעס, דאַרף מען זיצן אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע.

יעדע נאַכט איז געווען אַ ישועה פאַר אסתר׳ן, ווייל ווי נאָר זי איז איינגעשלאָפן, איז באַלד געקומען שלמה צו לויפן אין חלום, און ס׳איז איר געוואָרן גוט. זיי האָבן געשמועסט, געשפּאַצירט און פאַרבראַכט. יענעם אויפדערנאַכט איז שלמה אַזוי גיך נישט געקומען צו לויפן, ווייל די גאַנצע וועלט איז מיטאַמאָל געוואָרן פינצטער, נאָר דער הויכער באַרג, וואו שלמה איז געשטאַנען, איז געווען איינגאַנצן ליכטיק, שטייט שלמה אויף דעם ליכטיקן שפּיץ און שטראַלט ווי די זון.

— שלמה, קום אַראָפּ! — שרייט זי צו אים.

— וואַרט אויס, מאַמע, איך דאַרף אויסוואַקסן, אַז מען שטייט אויפ׳ן באַרג, קען מען גוט אויסוואַקסן. — און שלמה הויבט טאַקע אָן וואַקסן, הייבט זיך, ווערט גרעסער און העכער.

— שוין, קום אַראָפּ, ביסט שוין גענוג הויך.

איר זון לאָזט זיך אַראָפּ און דער באַרג אונטער אים לעשט זיך און ווערט פינצטער. אַז ער איז שוין געווען אין טאָל, איז די גאַנצע וועלט שוין שוואַרץ געווען. אָבער איר

ליכטיקער שלמה האָט זיך נאָך אַלץ נישט אויסגעלאָשן. ער גייט צו איר אַ שטראַלנדיקער, קומט צו נאָענט, נעמט זי אַרום און זאָגט: אַט וועל איך דיך אַרויספירן פון טורמע. מיר וועלן זיך נישט באַזעצן אויף איין אָרט. מיר וועלן גיין פון שטאָט צו שטאָט. אַ־יאָ, מאַמע?

— יאָ, מיין קינד.

מער האָט זי שוין מיט אים נישט געקענט רעדן, ווייל אַ שיין האָט איר אַ שניט געטאָן אין די אויגן און זי האָט דערהערט אַ געלעכטער. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט: דער קאַמער איז עפּעס העל באַלויכטן, פאַרפּוצטע אַפּיצערן, וואָס האַלטן זיך קוים אויף די פיס, און אַ ריח פון שנאַפּס. פּאַ־פּעסקו האָט זיך געשטעלט לעבן איר בעט, מיט איין האַנט אָנגעוויזן אויף איר, די אַנדערע אַוועקגעלייגט אויפ׳ן האַרצן און אַ מאַך געטאָן מיט חוזק אין זיין קול:

— איך האָב אייך די ערע פאַרצושטעלן די באַרימטע שיינהייט און שפּיאָנקע, אסתר ריבאַק.

ער האָט זיך נאָך געוואָלט ווייטער חכמה׳נען, אָבער ער האָט שוין נישט געקענט — אַ קישעלע האָט מיטאַמאָל אַ פלי געטאָן און אים געטראָפן גלייך אין דער נאָז אַריין, און ער איז געפאַלן אויפ׳ן בעט.

דאָס האָט מאַרפאַ די שיכור׳טע געוואָרפן דאָס קישעלע און באַלד אַלע נאָך איר. קאָלדרעס, קישנס און שיך האָבן אָנגעהויבן צו פליען אויף די אָפּיצערן און יענע האָבן זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט.

איז ווידער געוואָרן פינצטער אין קאַמער. מען האָט אַ צייט אַרומגערעדט די פּאַסירונג מיט גרויס פאַרדרוס. באַזונדערס מאַרפאַ. יענע האָט געשאָלטן מיט טויטע קללות די אָפּיצערן. זיי האָבן זיך באַרואיקט און צוריק איינגע־שלאָפן. אָבער אסתר האָט נישט געקענט צומאַכן קיין אויג. ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, ווי זי גייט אויף אַ פוסטן סטעפּ, גייט שוין אַזוי טעג און נעכט, און די פוסטקייט ציט זיך און ציט זיך אָן אַן עק און אָן אַ סוף.

## דער טורמע־וועכטער.

שלמה דרייט זיך אַרום דער טורמע. די ווענט אָבער זיינען הויכע און די פענצטער זיינען פאַרשמידט. דער טויער מיט אייזן אַרומגעשלאָגן, און פאַר'ן טויער גייט אַרום אַ סאָלדאַט מיט אַ געלאָדע'נער ביקס. שפּאַנט אַהין און צוריק און ווערט גאָרנישט מיד.

— העי, חבר סאָלדאַט, קענסטו כאָטש איבערגעבן אַ גרוס מיין מאַמען, זי הייסט אסתר ריבאַק.

— איך בין דיר נישט קיין חבר און גיי אַוועק, אַז נישט שיס איך.

נישט ווייט פון טורמע שטייט אַ הילצערן בודקעלע און דאָרט זיצט אַ אידינע און פאַרקויפט סאָדע־וואַסער, צו־קערקעס און פּאַפּיראָסן. שלמה איז צו צום בודקעלע און אַריינגעשטעקט זיין קאָפּ אין טיר.

— וואָס פאַרלאַנגסטו, זון, אַ גלאָז סעלצער־וואַסער צי אַ זיסן מאַנדל?

— איך פאַרלאַנג נישט קיין סעלצער־וואַסער און נישט קיין זיסן מאַנדל. קענסטו מיר אפשר זאָגן, ווי אַזוי קען איך איבערגעבן אַ גרוס מיין מאַמען אין טורמע, דו וואוינסט דאָך נישט ווייט.

— דו האָסט אַ מאַמען אין טורמע און איך האָב אַ זון. זיץ איך שוין אין דעם בודקעלע באַלד מער ווי אַ יאָר און וואַרט און וואַרט. אפשר וועל איך כאָטש קענען אויף אים אַמאָל אַ בליק טאָן. אָבער דו האָסט געזען דעם אייזערנעם טויער אין טורמע. אַז ס'קומען אָן אַרעסטאַנטן, עפנט ער זיך זייער ברייט. לאָזן לאָזט ער אַריין, אָבער אַרויס קיינ־מאָל נישט. אַ וועלט מיט מענטשן זיצן דאָרטן. טאַטעס,

מאַמעס און אַפילו קליינע קינדער. בייטאָג שווייגן די וויסטע וועגנט און ביינאַכט שרייען זיי: גע—וואַ—אַ—לד. אַקוראַט, ווי מען וואָלט זיי געשמיסן.

— וואָס מיינט איר, די וועגנט שרייען געוואַלד, — וויל שלמה וויסן און דער אַטעם פאַרכאַפּט אים דערווייל.

— אַזוי ווייזט זיך מיר אויס. איך שלאָף טאַקע דאָ אין קרעמל, און אַרום 12 אַזייגער ביינאַכט וועקט מיך אויף עפּעס אַ געוויין. קען איך שוין נישט שלאָפן און מוז אַרויסגיין אין דרויסן. שטיי איך אין דער פינצטער און הער זיך איין. כאַפּ איך אויף ווי מען שרייט אַזוי פאַרדעמפּט: גע—וו—אַל—ד. ווי מען וואָלט עמיצן געפּייניקט. אַזוי ביז אַרום 2 אַזייגער.

סאַמע אויפ'ן שפּיץ פון דאַך איז דאָ אַ טורעם. דער טורעם האָט נאָר איין פענצטערל. שטייט שלמה מיט אַ פאַררייסן פּנים צו דעם פענצטערל און קען גאָרנישט זען. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז דאָרטן אין טורעמל מוז זיצן פאַרשפּאַרט זיין מאַמע. אַזוי האָט ער זיך פאַרגעשטעלט פון יענער זייט. יאָ, ער דערזעט עפּעס אַ פּנים. ווייזט אויס, זיין מאַמע האָט אים דערזען, ווי ער שטייט אַזוי אונטן און קוקט אַרויף, איז זי צוגעגאַנגען צום פענצטער. שלמה מאַכט מיט די הענט. פון דאָרטן מאַכט מען מיט אַ ווייס פאַטשיילעכל. אפשר איז דאָס טאַקע זיין מאַמע.

ניין, נישט זיין מאַמע שטייט דאָרטן ביים פענצטערל מיט גראַטעס סאַמע אונטער'ן דאַך, נאָר בערעזין, דער באַרימטער בערעזין, וואָס האָט אויפגעמונטערט צען דערפער אַנטקעגן די רומענער און ער האָט אָנגעפירט אַ מלחמה אַנטקעגן זיי צוויי טעג מיט צוויי נעכט דורכאַנאַנד. די רומענער האָבן געשאָסן פון האַרמאַטן און עראָפּלאַנען. די פּויערים האָבן געהאַט נאָר ביקסן און נישט גענוג קוילן. דערפאַר האָבן זיי פאַרשפּילט. און בערעזינ'ען האָט מען געכאַפּט, אים אָנגעטאָן אַלערליי יסורים און צום סוף אים פאַרשפּאַרט אין דעם קאַמער, וואָס אונטער'ן דאַך.

דאָס קעמערל איז אַזוי קליין, אַז ער קאָן אפילו קיין שפּאַן נישט טאָן. דער דאַך בייטאָג ווערט אָנגעגליט פון דער זון און אין קעמערל ברענען די ווענט פון היץ, און בערעזין פּאַלט אַנידער אויפ׳ן בעטל אַ פּאַר׳חלש׳טער. דער־פאַר ביינאַכט ווערט קיל און ער קען זען אַלע שטערן. האָט ער ליב צו זינגען דעמאָלט לידער. שלאָגן אים די סאָלדאַטן דערפאַר וואָס ער זינגט. אָבער ס׳העלפט נישט. איצטער זעט בערעזין, אַז אַ קליין אינגעלע אין דער נידער, וואָס זעט אויס ווי אַ מוראַשקע, מאַכט צו אים מיט דער האַנט, שמייכלט ער פון דעם.

לעבן אַ טעלעגראַף־סלופּ האָט זיך שלמה אַנידערגע־זעצט, באַהאַלטן דעם קאָפּ אויף די קני און ער האָט אַ גרויסן וויימיק. ווען ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, האָט ער דערזען, ווי אַ קליין טירעלע פון אייזערנעם טויער האָט זיך געעפנט און עפּעס אַ מענטש איז דורכגעקראָכן און האָט זיך געלאָזט גיין צו דער שטאָט. שלמה איז אויפגע־שפּרונגען און זיך געלאָזט נאָך אים. אפשר האָט ער אַ גרוס פון זיין מאַמען. ווייזט אויס אַ קריסט, אַ הויכער מיט ברייטע פּלייצעס, שפּאַנט זיך פון גאַס צו גאַס. שלמה וואָלט אים געוואָלט אָפּשטעלן, האָט ער עפּעס מורא. אָבער דאָך שפּאַנט ער אים נאָך.

דער פרעמדער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ בעקערײַ און געקויפט אַ ברויט. שלמה האָט זיך אויך אָפּגעשטעלט און געוואַרט. דערנאָכדעם איז יענער אַריין אין אַ קלייט און אַרויס צוריק מיט פּעקלאַך, אַ קוק געטאָן מיט פאַרדאַכט אויף דעם אינגל און ווייטער געשפּאַנט. אַזוי האָט ער גייענדיק זיך עטלאַכע מאָל אומגעקוקט אויף צוריק. אין אַ פּוסט געסל האָט זיך דער פרעמדער פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, צו צו שלמה׳ן, אים אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען, אים אָנגע־הויבן טרייסלען און שרייען:

— צו אַלדי רוחות, וואָס גייסטו מיר נאָך טריט ביי טריט?

— מיין מאַמע זיצט דאָרטן פאַרשפּאַרט אין טורמע צוליב אַ בלבול, — האָט שלמה געענטפערט מיט אַ ציטער־דיקן קול און געפּרואווט זיך אויסרייסן פון זיינע הענט.

— ווי אַזוי הייסט דיין מאַמע? — האָט יענער נאָך אַלץ געשריגן אויף אים.

— אסתר ריבאַק.

— אסתר ריבאַק? ווער קען דען נישט אסתר ריבאַק. אַלע קענען זי אין טורמע. זי איז אַזאַ וואוילע, רעדט צו יעדן איינעם אַזוי שטיל און גוט, אפילו צו אים איז זי אויך גוט.

—קענסטו טאַקע מיין מאַמען — זאָג מיר, ווי אַזוי־זשע קוקט זי אויס? וואָס־זשע מאַכט זי עפּעס? ביז וואַנעט וועט זי נאָך זיצן? דו ווייסט דאָך, אַז ס'איז אינגאַנצן אַ בלבול.

ער איז בלויז אַ וועכטער אין טורמע און ער ווייסט נישט צי זי איז שולדיק, אָדער נישט. ער ווייסט גאָרנישט. זיין אַרבעט איז נאָר צו היטן די אַרעסטאַנטן. פאַראַן דאָרט אַלערליי אַרעסטאַנטן: פערד־גנבים און מערדער, אונטער־צינדער, איידעלע יונגעלייט און שיינע מיידלאַך. זיין מאַמען קען ער ביים נאָמען, ווייל אַלע קענען זי אין טורמע. זי פאַרריכט יעדן איינעם די וועש, הויזן און רעקלאַך. עסט זייער ווייניק און גיט בעסער אָפּ איר חלק צו די, וואָס האָבן ליב צו עסן אַ סך. שאַ, ער טאָר דאָך גאָרנישט ריידן אַזוי פיל מיט פרעמדע מענטשן.

— העי דו, אינגעלע, אַנו, טראָג זיך נאָר אָפּ פון מיר, אַז נישט גיב איך דיר אַזאַ טערעבוך, אַז דו וועסט זיך אי־בערדרייען צען מאָל.

שלמה איז דערציטערט געוואָרן פון זיין סטראַשונאַק, נאָר ער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן אים און זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט געבעט און דער־שרעק. זיין אונטערשטע ליפּ האָט אָנגעהויבן צו ציטערן און ער האָט זיך געוואָלט צעוויינען, אָבער ער וועט שוין נישט

וויינען, ווייל חיים האָט אים געזאָגט, אַז אַ באָלשעוויק טאָר נישט וויינען.

דאָס אינגעלע האָט מיט זיין בליק דורכגענומען דעם וועכטער דורך און דורך, אַז ער האָט אַזש אַ ציטער געטאָן, נאָר ער האָט זיך געמאַכט קוראַזש, דער גוי, און אַ זאָג געטאָן כלומר׳שט בייז:

— שאַ, שאַ, זע נאַר, ווי ער האָט זיך צעקוקט אויף מיר. איך וועל דיך נישט אָנרירן. איך האָב גאָר קיין צייט נישט צו שטיין מיט דיר. — ביי די ווערטער האָט ער זיך אָפּגעקערט פון אים און זיך געלאָזט גיין. שלמה האָט אים אָבער נישט אָפּגעלאָזט, געבליבן אַביסל אָפּגעשיידט, אָבער דאָך נאָכגעשפּאַנט.

— וואָס וויל אָט דאָס אינגל פון מיר און פאַרוואָס טאַקע האָב איך אים נישט פאַרפאַרן? — האָט דער טורמע־וועכטער גייענדיק איבערגעקלערט. עס איז טאַקע געווען מאָדנע. ער, אַזאַ פאַרהאַרטעוועטער, וואָס אַז ער פלעגט אַרויף אויף אַן אַרעסטאַנט, שלאָגט ער אָן רחמנות, און דאָ האָט זיך אין אים איינגעטשעפּעט אַ קליין אינגל און ער קען אפילו אויף אים זיך רעכט נישט אָנבייזערן.

דער וועכטער האָט זיך פאַרדרייט אין אַ געסל, באַוואַקסן מיט גרויסע געדיכטע ביימער. אין עק געסל, אינמיטן פון אַ גרויסן גאָרטן איז געשטאַנען אַ שטיבל מיט אַ רויטן דאַך. ער איז צו צו דעם שטיבל, האָט אויפגעעפנט די טיר און פאַרשוואונדן געוואָרן. שלמה איז אַרויפגעקראָכן אויפ׳ן פלויט און איז געבליבן זיצן מיט אַראָפּגעהאָנגענע פיס.

דער וועכטער האָט אָפּגעגעסן דאָרטן אין הויז, געכאַפּט אַ קוק אין פענצטער און געזען, אַז דאָס אינגל זיצט נאָך אויפ׳ן פלויט, האָט ער אויפגעעפנט אַ לופטשיק און אַ געשריי געטאָן:

— וואָס דאַרפסטו דאָ האָבן?

אָבער שלמה האָט זיך נישט גערירט. דער וועכטער

האָט פאַרמאַכט ס׳פענצטערל און זיך געלייגט שלאָפן, ווייל אַ גאַנצע נאַכט איז ער געווען אויף אין טורמע. איינער אַליין טאַקע געוואוינט אין דעם הייזל, נישט געהאַט נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד.

ס׳איז אַוועק אַ שעה און צוויי און שלמה איז שוין מיד געוואָרן צו זיצן אויפ׳ן פלויט. אין שטיבל איז שאַ־שטיל, יענער ליגט זיך גאָר און שלאָפט געשמאַק. שלמה איז טויט־הונגעריק און אין גאָרטן שטייט אַ וויינשל־בוים. רויטע, גרויסע וויינשל. פייגעלאַך קומען צו פליען, גיבן אַ פּיק אַ וויינשל און אַנטלויפן. די פייגעלאַך מעגן און ער טאָר נישט? האָט ער געריסן די ווייניקע, פליישיקע וויינשל און געלייגט אין מויל אַריין און געשטילט אַביסל זיין הונגער. דערנאָכדעם איז ער וויטער אַרויף אויפ׳ן פלויט און דאָרטן געבליבן זיצן.

שפּעט אויפ׳ן טאָג האָט זיך דער וועכטער אויפגעכאַפּט. ער גיט אַ קוק אין פענצטער, דאָס אידליקל איז נאָך אַלץ דאָ. געשלאָפן איז ער במילא נישט גוט, ווייל עס איז געווען שטיקנדיק אין הויז. איז ער שוין אַזוי אויך געווען אין כעס און דערפאַר איז ער באַלד אַרויס אין דרויסן, געכאַפּט אַ שטיק האָלץ, וואָס איז געלעגן פאַר דער טיר, און גלייך אויף דעם אינגל. שלמה איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד מיט אַ צעבלוטיקטן שטערן. געבליבן זיצן און זיך נישט צעוויינט, נאָר פאַרהאַלטן מיט דער האַנט דאָס בלוט, וואָס האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו רינען.

אַזאַ עקשנות פון אַ אינגל, כמעט נאָך אַ קינד, האָט דעם וועכטער שטאַרק געוואונדערט. „גיב נאָר אַ קוק — האָט ער געטראַכט צו זיך אַליין — ס׳רינט בלוט און יענער וויינט אפילו נישט. אַזאַ בחור׳עץ האָט ער נאָך אויף זיין לעבן נישט געזען.“

— הער נאָר, דו אינגל! — האָט זיך דער וועכטער צע־שריען אויף אים. — זאָג מיר שוין, וואָס דו ווילסט פון מיר,

און קום אַריין אין הויז אַריין, וועל איך דיר אָפּוואַשן ס'בלוט פון שטערן.

וואָס וויל דען שלמה פון אים? ער וויל, אַז דער טורמע־וועכטער זאָל איבערגעבן אַ קליין בריוועלע זיין מאַמען. און אין דעם בריוועלע שרייבט ער אַזוי:

„ליבע און טייערע מאַמע!

איך בין געזונט און פריילאַך. איך וויל דיך שוין אַזוי שטאַרק זען. אָבער מסתמא וועלן מיר זיך שוין אינגיכן זען. זיי נישט טרויעריק, מאַמע, זיי פריילאַך.

דיין זון שלמה.“

יעדן טאָג נאָכמיטאָג פלעגט מען אַלע אַרעסטאַנטן פירן שפּאַצירן איבער'ן הויף. צוויי וועכטער האָבן זיי געפירט. איינער פון פאָרנט, דער צווייטער פון הינטן. ריידן צווישן זיך האָבן זיי נישט געטאָרט. איז אויסגעקומען ווי שטומע מענטשן וואָלטן זיך געדרייט אין אַ ראָד אַרום און אַרום. עס איז אַביסל בעסער ווי אין קאַזעמאַט, אָבער די בענקעניש דאָ אין טורמע־הויף צעפלאַקערט זיך נאָך שטאַרקער. אויבן איז אַזאַ שיינער הימל, און אַרום — אַזוינע גרויע גראָבע ווענט מיט בייזע סאָלדאַטן.

אסתר האָט זיך געלאָזט גלייך מיט אַלעמען איבער'ן לאַנגן פינצטערן קאָרידאָר גלייך אין הויף אַריין און פּלוצלינג רוקט איר עמעצער אונטער אין די הענט אַריין אַ שטיקל פּאַפּיר. ווייל זי ווייסן, וואָס אין צעטעלע שטייט, אָבער זי קאָן דאָס איצט נישט צעוויקלען. שטענדיק האָט זי געוואָלט, אַז דער שפּאַציר זאָל זיך ציען און ציען און אַריינזאַפּן אין זיך וואָס מער פרישע לופט. איצטיקס מאָל האָט זיך דער שפּאַציר געצויגן אַזוי לאַנג. קוים דערוואַרט.

אודאי איז דאָס פון איר זון אַ בריוול. ווי קומט ער גאָר אַהער? די גאַנצע וועלט קען איצט גיין טאַנצן מיט איר, אסתר'ן, דערפאַר וואָס זי האָט אַזאַ קלוגן זון. אין דעם פינצטערן קאַמער איז גאָר ליכטיק געוואָרן און זי איז אַ חשוב'ע מאַמע, ווייל זי האָט אויסגעהאָדעוועט אַ שטאַרקן,

מוטיקן אינגל. ווי אַזוי האָט ער גאָר געקענט אָנקומען אַהער? אין בריוועלע שטייען נאָר עטלאַכע ווערטער, אָבער די האָפנונג צעוואַקסט זיך און ס׳ווערט גרינג און לייכט. באַלד מסתמא וועט זי שוין זיין פריי און אַלע שבת וועט זי גיין שפּאַצירן צוזאַמען מיט איהר שלמה׳ן אונטער׳ן שטאָט. ער מוז שוין מסתמא איצט זיין אַ גרויסער בחור, ווען אַלע מיינען, אַז דאָס שפּאַצירן אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. זיי וועלן אומישנע זיך אַזוי פאַרשטעלן. לאָז זי נאָר אַרויס אויף דער פריי. אָבער איצטער איז סיי־ווי־סיי גוט, דערפאַר וועט זי זיך פאַרקעמען די האָר און זיך אויספּוצן, לאָזן אַלע וויסן, אַז ביי איר איז היינט יום־טוב.

# בריוו.

עטלאכע מאָל אַ וואָך פלעגט דער טורמע-וועכטער ברענגען אסתר׳ן בריוו פון שלמה׳ן. אַזוי שוין ביי צוויי חדשים. טימאָפיי, דער טורמע-וועכטער, האָט שטאַרק ליב באַקומען דאָס קליינע אידעלע. שלמה האָט געקענט אַ סך מעשה׳לאַך, וואָס זיין זיידע האָט אים דערציילט. היינט זיינע אייגענע מעשה׳לאַך, די וואָס זיינען אים צוגעקומען אויפ׳ן וועג. טימאָפיי האָט ליב געהאַט צו הערן, ווי שלמה דערציילט זיי, און בשעת מעשה ברענען ביי דעם אינגל אַזוי פייערדיק די אויגן... באַגלייך ווי ער וואָלט אַליין געווען דערביי. דער טורמע-וועכטער איז געווען אַן עלנטער מענטש. אַמאָל אַליין געווען פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע און שווער געאַרבעט אין שטיין-ברוכן. דאָרטן האָט ער פאַרלוירן זיין פריילאַכקייט. און ווען מען האָט אים באַפרייט, האָט אים שוין גאָרנישט געפרייט. ער איז געווען אומעטיק, צו קיין מענטשן נישט גערעדט, האָט מען פון אים געוויכט, און ער איז געבליבן עלנט און אָן קיינעם. מיט אַט דעם אינגל האָט ער זיך גאָר דערפרייט. ביידע פלעגן אָפּזיצן שעה׳ן טאָקע ביי אים אין גאָרטן, שמועסן און ריידן. און שלמה איז געוואָרן זיין איינציקער חבר.

פון די בריוו האָט שלמה זיך דערוואוסט, אַז חיימ׳ען פייניקט מען שטאַרק אין טורמע. ער האָט פיינט צו פאָלגן און שלאָגט זיך מיט די וועכטער, שפּייט פּאָפּעסקו׳ן אין פּנים אַריין, ווען יענער וויל צו אים ריידן. האָט מען אים פאַרשפּאַרט אין אַזאַ שטיינערנעם זאַק — אין קאַרצער, וואו ס׳איז פינצטער און נאַס, די לופט דרינגט קוים אַריין, און מ׳גיט אים בלויז וואַסער און שוואַרץ ברויט. האָט חיים

אינגאַנצן אויפגעהערט צו עסן און איז אַרויס אויף אַ הונ־גער־סטרייק. טוט זיך חושך אין טורמע, אַלע אַרעסטאַנטן פּראָטעסטירן און פּאַפּעסקן צווינגט אים עסן מיט גוואַלד. חיים אָבער איז שוין אַזוי אָפּגעשוואַכט, און מען האָט מורא, אַז אָט־אָט וועט ער אויסגיין. אָבער דעם סטרייק גיט ער נישט אויף.

פון די בריוו האָט ער זיך אויך דערוואוסט פון בערע־זינ׳ען. די מאַמע האָט אים אויסגעמאָלט ווי איינעם פון די שענסטע מענטשן אין דער וועלט. דער בערעזין איז גרויס געלערנט. געענדיקט אַן אוניווערזיטעט און אַ גרויסער פּיאַנאָ־שפּילער. ווען יענער שפּילט פּיאַנאָ, איז אַקוראַט, ווי ער וואָלט אָפּגעטאָן אַ כּישוף. ער קען זיין דער רייכסטער מענטש אויף דער וועלט, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון רייכקייט און כּבוד און אַוועק צו די, וואָס האָרעווען אַזוי שווער און ביטער און האָבן גאָרנישט פון זייער האָרעוואַניע.

זי האָט אים אויך דערציילט פון סטעפּאַנ׳ען, אַז יענער איז געוואָרן אַ גרויסער שווייגער, רעדט צו קיינעם נישט אויס קיין וואָרט. שטענדיק אומעטיק. און מען האָט נאָך מורא, אַז ער וועט אַראָפּ פון זינען.

שעפּסל דער שוסטער און זיין ווייב פעשע האָבן געמוזט וויסן פון אַלע בריוו, און ביינאַכט נאָך דער וועטשערע פלעגט זיי שלמה פאָרלייענען ביים שיין פון לעמפּעלע. שעפּסל פלעגט אויסווישן די גלעזער פון די ברילן און זיך זעצן הערן, איז אויסגעקומען אַקוראַט, ווי ער הערט נישט דורך די אויערן, נאָר דורך די ברילן. פעשע פלעגט צו־שאָקלען מיט׳ן קאָפּ און אונטערזיפצן.

אין בעסאַראַביע, אַז עס קומט דער זומער, ווערן אַלע מאַרקן פאַרפלייצט מיט גרויסע געלע אַבריקאָסן, ברוינע און בלוטיק־רויטע פלוימען, שוואַרץ־גרינע גרויסע קאַווענעס און שמעקנדיקע געלע דיניעס. די אָרימעלייט זיינען זיך גאָר מחיה מיט די פּירות. זיי קאָסטן זייער ביליק. עסט מען זיי מיט ברויט. אַ גאַנצע משפּחה קען זיך אָנזעטיקן מיט

אַ גרויסן גרין־שוואַרצן קאַווען. מ׳גיט אים אַ צעשנייד און ס׳גיט אַ בלענד אַ פֿייערדיקע רויטקייט מיט די ברוינע קערלאַך. און אַז מען עסט אים מיט ווייס ברויט, איז דאָס גאָר טעם גן־עדן. שפּעטער־צו קומען אויף ווײַנטרויבן פֿון אַלערליי מינים. דענסטמאָל, ווען ס׳קומען שוין אויף די ווײַנטרויבן, ווערן שוין די נעכט קאַלטע און די טעג אַזוינע הייסע און שמעקנדיקע.

שלמה האָט גאָרנישט געוואוסט, וואָס ס׳גייט אויף זיין קאָפּ. איינמאָל אין אַ הייסן שמעקעדיקן טאָג האָט ער אַרומגעשפּאַצירט אין מאַרק צווישן די גרויסע געפלאָכטענע קוישן מיט פּירות. ער האָט זייער ליב געהאַט זיך אַרומ־צודרייען דאָרטן. האָט ער איינמאָל באַגעגנט די צען רוסן, וואָס זעען אויס ווי וואַלד־גזלנים. זיי זיינען אָנגעפּאַרן אויף׳ן מאַרק מיט זייערע וועגענער פול מיט גרינע גרויסע קאַווענעס. ווען זיי האָבן שלמה׳ן דערזען, האָבן זיי זיך דערפרייט, און נאָכדעם, ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיט׳ן אויסלאָדן די סחורה, זיינען זיי אַלע אַרויפגעקראָכן אויף איין וואָגן, מיט׳ן אינגל אינדערמיט, צעשניטן אַ פּאָר קאַווענעס און זיך געלאָזט וואוילגיין.

שלמה האָט זיי געמוזט דערציילן פון יעדן פּיצעלע און זיי האָבן גוזים הנאה געהאַט פון זיין דערציילן. זיי האָבן אים נאָך דענסטמאָל אויפ׳ן וועג ליב באַקומען. (אַזאַ מזל האָט שוין שלמה געהאַט — יעדער איינער, ווער ס׳האָט זיך נאָר באַקענט מיט אים, האָט אים ליב באַקומען.) זיי האָבן געוואָלט ער זאָל מיט זיי מיטגיין אין אַ צירק. זיי ווילן אים קויפן אַ בילעט און דאָרטן איז אַזוי פריילאַך. פאַרשידענע חיות און מענטשן, וואָס קוקן אויס ווי שדים, און מיידלאַך, וואָס טאַנצן אויף שטריק מיט קאָלירטע זאָנטיקלאַך.

שלמה וואָלט אודאי געוואָלט מיטגיין, ער האָט נאָך אויף זיין לעבן קיינמאָל נישט געזען אַזאַ זאַך, אָבער היינט מוז ער זיין ביי טימאָפעי׳ן, אפשר איז דאָ אַ בריוול פון זיין מאַמען.

— קום-זשע מאָרגן צו אונז אין אײַנפֿאָר, וואו מיר שטייען אײַן, — האָבן אים זיינע חברים די ריזן געבעטן. — מיר בלייבן נאָך אַ פּאָר טעג אין שטאָט, ווייל מיר דאַרפֿן זיך אײַנקויפֿן אויפ'ן ווינטער שטיוול מיט פעלצן.

שלמה האָט זיך געזעגנט מיט זיי, צוגעזאָגט, אַז ער וועט קומען און ס'איז אים געווען זייער אויפגעלייגט אויפ'ן האַרצן. אין די שטילע געסלאַך האָט ער זיך צעזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" אויף אַ קול און גאָרנישט מורא געהאַט. געגאַנגען און אונטערגעשפרונגען אויף איין פוס און זיך געמאַכט קינדיש.

## שלמה ווײנט פֿון האַרצווײטיק

אויפֿ׳ן וועג אָבער צוריק פֿון טימאָפּעי׳ס שטיבל איז געווען פֿינצטער. אויף די שטילע געסלאַך האָט מען געקענט אָנטאַפּן די פֿינצטערניש, און שלמה איז געגאַנגען, ווי אַ שיכור, און האָט זיך געוואָלט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט פֿון ווייטיק. זיינע פֿיס האָבן געציטערט און ער איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט. נישטאָ קיין ברירה פֿון זיין מאַמען. אָבער נישט דאָס. ער וועט שוין אפשר אינגאַנצן נישט האָבן קיין מאַמען.

מאָרגן אויפֿדערנאַכט פֿירט מען זי אַרויס פֿון תפיסה מיט נאָך עטלאַכע אַרעסטאַנטן. ס׳הייסט, אַז מען פֿירט זיי כלומר׳שט אויף אַריבערצושיקן די גרענעץ קיין אוקראַינע. אָבער טימאָפּעי ווייסט, אַז זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט דערלעבן צו זען אוקראַינע, ווייל מען דערשיסט זיי אין וואַלד ביי דער גרענעץ און פּטור.

אויף די הויפּט-גאַסן איז ליכטיק, ווי בייטאָג. אויף די גאַניקלאַך זיצן בחורים און מיידלאַך. די בחורים שפּילן אויף מאַנדאָלינעס און די מיידלאַך זינגען און פֿרייען זיך, ווייל די נאַכט איז קיל און ס׳שמעקט. שלמה איז פּלוצלינג געוואָרן איינגעקאָרטשעט, ווי אַ פּיצל קינד מיט אַראָפּ-געלאָזטע אַקסלען, קוים וואָס ער שלעפּט זיך איבער די גאַסן. אָט-אָט וועט ער פֿאַלן.

נאָך אויף יענער זייט, ווען ער איז געווען ביים זיידן, האָט ער אָפּטמאָל געהערט אַ שיסעריי און געוואַלדן. דאָס האָט מען, ווייזט אויס, צעשאָסן אַנדערע מאַמעס און טאַטעס. ער האָט דעמאָלט גאָרנישט געוואוסט, זיך איבערגעדרייט אויף דער אַנדערער זייט און ווייטער געשמאַק אַנטשלאָפֿן

געוואָרן.

פּעשע האָט געוויינט און שעפּסל דער שוסטער האָט זיך געווישט די אויגן. שלמה האָט נישט געוויינט. געקוקט אויף זיי פאַר'חידוש'ט, געמיינט, אַז זיי וועלן אים עפּעס זאָגן אַזוינס, וואָס ס'וועט אים העלפן — צום סוף וויינען זיי גאָר. ער איז באַלד אַנטלאָפן פון הויז

— וואוהין לויפסטו אַזוי שפּעט אין דער נאַכט?

שלמה ענטפערט נישט. ער גייט צום איינפאָר. דאָרטן אין איינפאָר זיינען נאָך זיינע חברים נישטאָ, ווייזט אויס נאָך פאַרבליבן אין צירק.

אין גרויסן הויף כראָפּען מאָלדאַוואַנער אויף די וועגע־נער. די פערד זיצן קניענדיק אויף דעם שטרוי און דרימלען אויך, כראָפּען פונקט אַזוי ווי די מאָלדאַוואַנער. אַנטקעגן איינפאָר שטייט אַ טראַקטיר. הוליעט מען דאָרטן. עמיצער שפּילט אויף אַ קאַטערינקע און אַ שיכור'ע גויה טאַנצט אַ קאָזאַטשאָק. די איבריקע שיכורים פּליעסקען מיט די הענט און שרייען אור־כאַ, מען קושט זיך, מען האַלזט זיך און מען וויינט און מען צלמ'ט זיך...

שלמה זיצט אויף אַ ליידיקן וואָגן און ס'האַרץ ביי אים איז אַרויסגעשפּרונגען און ער קען נישט איינהאַלטן גלייך דעם קאָפּ. ס'גייט אַוועק אַ שעה און צוויי. אין טראַקטיר האָט מען זיך נאָך שטאַרקער צעהוליעט און דאָס אינגל פילט, ווי די פּלייצעס זיינע זיינען אים געוואָרן שווער, ער פילט, אַז ער ווייסט שוין וועגן דעם מאָרגן אויפדערנאַכט פון יאָרן און יאָרן. ווי אַזוי־זשע האָט ער געשוויגן ביז אַהער? מען דאַרף עפּעס טאָן. ער לאָזט זיך לויפן. אָפּ־געלאָפן אַ גאַס, דערמאָנט ער זיך, אַז ער ווייסט גאָרנישט וואוהין ער לויפט. האָט ער זיך אומגעקערט צוריק. ער גייט און זעצט זיך צו, און ווען ער זעצט זיך איז שלעכט. שטעלט ער זיך אויף די פיס, וויגט זיך די ערד אונטער אים.

אַלע צען זיינען אָנגעקומען מיטאַמאָל צעהוליעטע. אויפ'ן וועג האָבן זיי גענומען אַ שנעפּסל ערגעץ אין טראַק־

טיר. די פאַרשטעלונג איז גאַר געווען אויסערגעוויינלעך. האַלטן זיי אין איין איבערדערציילן און דערמאָנען זיך די חידושים, וואָס זיי האָבן דאָרטן געזען.

— וואָס טוסטו דאָ אַזוי שפּעט, שלמה?

דאָס אינגל האָט אויסגעשאָסן אַ געוויין.

— דערצייל, אידעלע, וואָס איז געשען. נו, וויין נישט, ביסט דאָך אַ גרויסער בחור!... — שלמה וויינט שוין נישט, נאָר ער כליפּעט.

— בחורעץ, דערצייל אונז, מיר וועלן גיין פאַר דיר אין פייער און וואַסער, אַבי וויין נישט. מיר קענען אַלץ אויפטאָן.

ווי קאָן גאַר שלמה רעדן אַ וואָרט, אַז דער אומגליק איז אַזוי גרויס, און ס'איז גאַרנישט אויף צו דערציילן.

# אין די נאַסע פיר ווענט

אַ שטיק הימל האָט אָנגעהויבן צו ברענען מיט אַ גרויס פייער. אַלע דעכער האָבן זיך אָנגעצונדן. דאָס האָט די זון בשום אופן נישט געוואָלט אַוועק פון דער וועלט. די נאַכט האָט זיך אָבער גערוקט פּאַמעלאַך, זיכער און געלאָשן דאַך נאָך דאַך. ביז וואַנעט זי האָט זיך צום הימל דערקליבן און געמאַכט פינצטער.

אין פינצטערע נעכט טוט זיך אָן ס׳יונגוואַרג אין ווייסע קליידער און מען לאָזט זיך אַרויס אויף די גאַסן און אויף די בולוואַרן. די עלטערע מענטשן וואַרפן אַראָפּ די רעקלאַך, בלייבן אין די ווייסע העמדער, צעזעצן זיך אויף די גאַניקעס און טרעפּ און מאַכן איינער צום אַנדערן: אוי־וואַ, אַזאַ קילער אָוונט, אַ מחיה.

אַ ליכטיקער שטראַל האָט זיך אַרומגעוויקלט אויף אַ גראַטע און בשום אופן נישט געוואָלט אַוועק. די זון האָט זיך שוין פון לאַנג אויסגעלאָשן און די פינצטערניש האָט פאַרכאַפּט אין קאַמער אַלע בעטן, ווענט און סטעליע. אַרויפ־געקראָכן אויף די מיידלאַכ׳ס קעפּ. דער ליכטיקער שטראַל האָט זיך אָנגעהאַלטן אין גראַטע און געשיינט איין און איינציקער.

אַ יתום געבליבן, דער שטראַל. די מאַמע, די זון, האָט די נאַכט דערשטיקט און נאָר ער איז נאָך געבליבן, ציטערט ער און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

דער שלאָס האָט אַ סקריפּע געטאָן, די טיר האָט אַ קרעכץ געטאָן. האָבן אַלע אויסגעדרייט די קעפּ. איז אַריינ־געקומען אַ וועכטערקע און פאַרבעטן אסתר׳ן מיט זיך. ווען ביידע זיינען אַרויס, האָבן אַלע מיידלאַך צוריק אויסגעדרייט

די קעפּ צום פענצטער מיט די גראַטעס. איז דער ליכטיקער שטראַל שוין נישט געווען, האָבן זיי טאַקע נישט געוואוסט, וואו ער איז אַהינגעקומען.

ציטערן די מיידלאַך און קענען גאָרנישט פאַרשטיין, נאָך וואָס דאַרף מען אסתר׳ן אין אַזאַ שפּעטער שעה. אפשר וועט זי באַלד קומען. איז פאַרגאַנגען אַ שטיק נאַכט, די מיידלאַך ליגן מיט וואַכנדיקע אויגן און וואַרטן.

וואָס פלוצלינג האָט מען זי געבראַכט אין פינצטערן קעמערל? ווי קען אסתר וויסן? אַ שרעק רוקט זיך אָן און ס׳האַרץ וויל אַרויסשפּרינגען. זי האָט גענומען שפּאַנען אין דער פינצטער. אַכט שפּאַן און זיך אָנגעשלאָגן אין אַ קאַלטער נאַסער וואַנט, אַכט שפּאַן אין דער ברייט און ווייטער אַ וואַנט. אַזאַ שטילקייט און קיינער וויל איר נישט זאָגן, וואָס האָט מען זי פלוצלינג געבראַכט אַהער? און וואָס וויל מען פון איר? זי האָט אָנגעהויבן קלאַפּן. עמיצער האָט אויפגערוקט ס׳קליינע פענצטערל, וואָס איז געווען אויבן אין טיר, און אַ פרויען־קול האָט אַריינגעשריען בייז און צערייצט:

— קלאַפּ נישט, דו פאַרשיווע אידישקע, אַט פאַל איך אַריין און טרעט דיך מיט די פיס.

אסתר האָט זיך געוואָרפן אויפ׳ן בעט און געפילט, ווי זי ווערט דערשטיקט. וואָס וועט דאָ זיין? אוי, וואָס וועט דאָ זיין? זי האָט פינף מינוט נישט געקענט אָפּליגן רואיק. זי האָט זיך אויפגעריסן פון איר געלעגער, צו צו דער טיר און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט די פויסטן גיך, גיך. די טיר האָט זיך ווידער אָן עפן געטאָן און אַ וועכטערקע איז אַריינ־געפאַלן מיטאַמאָל, אַראָפּגעלאָזט אַ פלעם אין באַק און איידער וואָס־ווען האָט זיך די טיר צוריק פאַרהאַקט.

אסתר איז אַנידערגעפאַלן פון דעם קלאַפּ אויפ׳ן בעט, ס׳פּנים האָט איר געשמאַרצט און אין די שלייפן האָט גע־האַקט, ווי מיט אַ העמערל, גיך, גיך. אַ געדאַנק האָט גע־פּיקט אין מוח:

— אסתר, אסתר, עפּעס שלעכטס גייט מען טאָן מיט דיר, אסתר, ראַטעווע זיך.

ווי אַזוי זאָל זי זיך ראַטעווען, אַז ס'שטיקט פון אַלע זייטן. שאַ. די ווענט האָבן שוין אָנגעהויבן צו רעדן. אסתר פאַרשטייט שוין די שפּראַך פון די ווענט. אַרעסטאַנטן פון אַנדערע קאַמערס קלאַפּן זיך דורך און אַזוי רעדן זיי זיך צוזאַמען. אַ געוויסע צאָל קלעפּ מיינט אַ בוכשטאַב. אפשר קלאַפּט מען דאָס גאָר צו איר. ניין, נישט צו איר, אָבער איינער דערציילט דער חברה, אַז מען האָט געהערט זאָגן, אַז מאָרגן ביינאַכט פירט מען אַוועק צוויי חברים און איין חבר'טע צו דער גרענעץ.

— צו דער גרענעץ? — האָט יענער אָנגעהויבן צו קלאַפּן אויף צוריק. — הייסט דאָס, אַז מען וועט זיי דער־שיסן?

— יאָ, — האָט מען ווייטער געענטפערט. — זיכער וועט מען זיי צעשיסן. פּונקט ווי מען האָט געטאָן מיט קלאַרע'ן און מישע'ן פאַראַיאָרן זומער.

ס'קלאַפּעריי האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט, ווייל די וועכטער דאַרטן אין יענע קאַמערן האָבן נישט דערלאָזט ווייטער אָנפירן דעם שמועס. אָבער קענען זיי דען אָפּהאַלטן די ווענט פון צו רעדן? שפּעטער ווידער אַ קלאַפּעריי, אָבער אַ שטילס, אַזאַ, וואָס ס'קומט פון ווייט, ווייט, און זי דערהערט, ווי מען קלאַפּט אויס בערעזינ'ס נאָמען, חיים'ס נאָמען און צום סוף „אסתר ריבאַק".

מערער האָט זי שוין גאָרנישט געהערט, ווייל אַלע געדאַנקען ביי איר האָבן זיך אָפּגעלאָזט און ס'האָט איר אַפילו נישט וויי געטאָן. זי האָט אַפילו נישט געוואוסט, וואו זי איז אויף דער וועלט. אָבער ווען די געדאַנקען זיינען צו איר צוריק געקומען, האָט יעדער אבר אָנגעהויבן צו ציטערן און זי האָט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט און צעריסן דאָס קאָפּטל, ווייל אין האַלז האָט איר געשטיקט. איז זי אַראָפּ פון בעט, זיך געלייגט אויף דער קאַלטער ערד, אַזוי

האָט איר לייב געבּרענט. אָבער באַלד איז איר קאַלט געוואָרן און זי האָט זיך צוריק געלייגט אין בעט, זיך פאַרדעקט מיט דער קאָלדרע. דערנאָך דעם האָט זי אָנגעהויבן וויינען און געוויינט לאַנגע שעה׳ן ביז זי איז געבליבן אָן כוחות פון וויינען. איז זי אַנטשוויגן געוואָרן און אָנגעהויבן צו טראַכטן פון שלמה׳ן. איז איר אויסגעקומען, אַז זי האָט גאָרנישט קיין זון, וואָס הייסט שלמה, נאָר זי האָט זיך איינגערעדט אַזוי. אָבער ס׳איז דאָך נישט קיין איינרעדעניש. זי זעט דאָך זיינע אויגן, וואָס ברענען אַזוינע שיינע. זי זעט אויך, ווי שלמה שטייט לעבן טייך און שרייט: „זיידע, זיידע", און ווען ער שרייט, פאַררייסט ער דעם קאָפּ צופיל און זיין היטל פאַלט אַראָפּ. זי געדענקט אַפילו דעם קאָליר פון היטל, וואָס איז דעמאָלט אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ. אַ בלוי היטל מיט אַ שוואַרצן גלאַנציקן דאַשעק פון סעראַטע. זי האָט דאָך אים ס׳היטעלע אַליין אויפגענייט. אַז ער עסט, האָט ער ליב צו כאַפּן גיך, גיך. וויפיל מאָל האָט זי אים געזאָגט ער זאָל נישט כאַפּן. ער קען נאָך איינשלינגען אַ ביינדל און זיך דערוואָרגן ביים עסן. אָבער ס׳האָט נישט געהאָלפן. אויף זיין גראָבן פינגער פון פוס האָט ער אַ זאַגניאַטקע. איז דערפאַר פלעגט זי הייסן דעם שוסטער אים אויפנייען מיט אַ נומער גרעסער די שיך. שאַ, ווי ער פייפט אויף זיין סאַפּילקע. ער בלאָזט מיט אַלע כוחות, טופעט צו מיט די פיס און אים דאַכט זיך אויס, אַז ער שפּילט עפּעס אויס אויף דער סאַפּילקע. אָבער ער פלעגט בלויז אָנמאַכן אַ טומל מיט דעם פייפל און ווייטער גאָרנישט.

ווען זי קען אויספירן, אַז איר זון זאָל זיך גאָרנישט דערוויסן, ווייל דער קליינער קאָן נאָך חס-וחלילה קראַנק ווערן פון האַרצווייטיק. ער וועט זיך אָבער יאָ דערוויסן. אַז ער קען איבערשיקן ברייוולאַך, קען ער שוין אַלצדינג טאָן.

זי האָט נאָכאַמאָל אָנגעהויבן צו וויינען און אָפּגעוויינט ביז פאַרטאָג. פאַרטאָג איז זי איינגעשלאָפן און ווידער האָט זי דערזען שלמה׳ן. ס׳איז עפּעס געווען אַ חתונה. זי האָט

געטאַנצט מיט איר מאַן אַ וואַלס. דערנאָך זיינען זיי ביידע אַרויסגעגאַנגען פון שאַלאַש און זיך געלאָזט שפּאַצירן אונ־טער דער שטאָט. שלמה איז נאָכגעלאָפן און אויך געוואָלט שפּאַצירן. האָט זי אים געזאָגט, אַז אַ קליין אינגל דאַרף שוין איצט גיין אין בעט שלאָפן.

מיטאַמאָל קומט אָן דער טאָג און עס ווערט גאָר ליכטיק און דאָס האַרץ ביי איר איז גאָר פריילאָך. עס איז גאָר קיינמאָל קיין מלחמה נישט געווען און אויך האָט מען שוין אָפּגעשאַפט די גרענעצן. בעני איז נאָך אַ יונגער בחור און זי איז ערשט געוואָרן אַ כלה. אין הויז איז אַ קנס־מאָל און אַלע פרייען זיך. זי וויל זיך אויך פרייען, שעמט זי זיך פאַר די געסט און באַזונדערס פאַר בעני'ן. פּלוצלינג הויבן אַלע אָן צו טאַנצן אַ פריילאַכס און עס איז איר אַזוי גוט.

# אינמיטן וואַלד

שטייט אַ טורמע אַזאַ הויכע און איז אינגאַנצן אַרומ־געכאַפּט מיט אַ ווייסער ליכטיקייט. אויפ'ן הימל צוויי גרויסע וואָלקנס, אינמיטן איז דער וועג אַ פרייער. דאָס האָבן די וואָלקנס געמאַכט פּלאַץ פאַר דער גרויסער לבנה, זי זאָל באַשיינען די טורמע. די גאַסן אַרום ליגן אין שאָטנס. אַ וואָגן גנב'עט זיך. אָפּגעשטעלט פונדערווייטנס און וואַרט.

לעבן אייזערנעם טויער שטייט אויך אַ וואָגן. די פערד קייען דעם האָבער און אַ שטאַרקער געזונטער סאָלדאַט שטייט איבער זיי און גלעט זיי איבער די רוקנס. ער דענקט, אַז ער וועט זיי גלעטן איבער די רוקנס, וועלן זיי זיין גוטע קינדער און בעסער עסן. זיי עסן במילא מיט אַפּעטיט, זיי זיינען געזונטע און גרויסע און פילן שוין, אַז אויב מען האָט זיי אינמיטן דער נאַכט מטריח געווען פון שטאַל, וועלן זיי שוין דאַרפן לויפן אַ סך מיילן.

אַ קליין טירל האָט זיך געעפנט און צוויי סאָלדאַטן מיט אָנגעשטעלטע ביקסן זיינען באַלד אויסגעוואַקסן און זיך אַ שטעל געטאָן אויסגעצויגן. בערעזין איז אַריינגעקראָכן דער ערשטער, דערזען אַזאַ שיינע נאַכט, האָט ער זיך אַ צי געטאָן, אַזש זיינע ביינער האָבן אַ קנאַק געטאָן, אַקוראַט ווי ער וואָלט יאָרן געלעגן איינגעהויקערט אין אַ שטייג און ערשט האָט ער זיך אויסגעגליכן.

חיים׳ען האָט מען אַרויסגעטראָגן אויף אַ נאָסילקע, אַזוי אָפּגעשוואַכט איז ער געווען, און דאָך זיינען זיינע פיס און הענט געווען געפּענטעט.

אסתר איז אַרויס נאָך זיי, אַזוי פאַרזיכטיק און שטיל, אונטערהייבנדיק אַביסל אירע קליידלאָך. נאָך איר זיינען אַרויסגעשפּרונגען אַנדערע צוויי סאָלדאַטן מיט אָנגעשטעלטע ביקסן. צו לעצט פּאַפּעסקו.

מען האָט זיי אויסגעזעצט אויפ׳ן וואָגן, צוגעשמידט אַלע דריי איינער צום אַנדערן. צוויי סאָלדאַטן האָבן זיך צוגעזעצט מיט׳ן שמייסער, אָבער מיט די פּנים׳ער צו די געפּענטעטע, צוויי סאָלדאַטן האָבן זיך געזעצט אונטן. פּאַ-פּעסקו האָט געגעבן אַ צייכן און דער וואָגן האָט זיך גערירט. חיים, אָבער, קוים וואָס ער האָט געאָטעמט, האָט זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אין אידיש אַ שעלט געטאָן דעם רומענער, אַז עס זאָל אַ רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אַריין.

די גאַנצע טורמע איז געווען ליכטיק און אויך די גע-פּענטעטע אין וואָגן זיינען געווען באַלויכטן. שלמה׳ן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ און ער האָט זיך נישט געקענט איינ-האַלטן און אַ געשריי געטאָן: „מאַמע!“ דאָס איבריקע האָט ער שוין נישט געקענט אַרויסזאָגן, ווייל דעם רוסאַק׳ס גרויסע האַנט האָט פאַרשטעלט זיין מויל: „ציץ, דו ממזרל“.

דער וואָגן איז אַרויסגעפאָרן און אַוודאי געמיינט, אַז קיינער ווייסט נישט און ער וועט איינער אַליין לויפן איבער׳ן ליכטיקן וועג צווישן דעם סטעפּ, וואָס האָט זיך פאַרטאַיעט

פוןביידע זייטן און דרימלט. אָבער צען וועגענער זייענען נאָכגעלאָפן פונדערווייטנס און נישט אָפּגעלאָזט פון אויג דעם וואָגן מיט די געפּענטעטע און די סאָלדאַטן מיט די שפּיציקע שפּיזן.

אסתר׳ן האָט זיך געדאַכט, אַז ווען זי האָט זיך געזעצט אין וואָגן האָט זי דערהערט שלמה׳ס קול, ווי ער שרייט „מאַמע". זי האָט געוואוסט, אַז עס איז בלויז אַן אויס־דאַכטעניש, ווייל ווי פּלוצלינג קומט ער אהער. אָבער פונ־דעסטוועגן האָט זי אויסגעדרייט אַלע מאָל דעם קאָפּ אויף צוריק און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז איר זון לויפט נאָך דעם וואָגן און שרייט נאָך אַלץ „מאַמע, מאַמע!"

אַז מען איז אַרויסגעפאָרן אַרויס דער שטאָט און די לופט האָט פאַר׳שיכור׳ט נאָך אַזוי פיל חדשים אין קאַמערל, האָט זיך בערעזינ׳ען פאַרגלוסט זינגען, אָבער אַ סאָלדאַט האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער ביקס און אַ זאָג געטאָן: „שטום!"

חיימ׳ען האָט דאָס פאַרדראָסן און ער האָט דעם סאָל־דאַט אַ בריקע געטאָן מיט׳ן פוס. אָבער יענער האָט אים דערלאַנגט מיט דער ביקס אַזאַ זעץ, אַז ער האָט זיך אַזש פאַרטאַיעט פון ווייטיק, פונקט ווי ער וואָלט געפאַלן אין חלשות.

אינמיטן וועג האָט זיך אַ נאַכט־פויגל צעשריען אַזוי מורא׳דיק, אַזש די סאָלדאַטן זיינען דערשראָקן געוואָרן און זיך אָנגעהויבן צו צלמ׳ען. מען איז אָבער אָפּגעפאָרן ווידער אַ שטרעקע און ווידעראַמאָל דער זעלבער נאַכט־פויגל האָט זיך צעשריען. האָבן די רומענער אינגאַנצן אָנגעהויבן צו ציטערן, און ווען די אַרעסטירטע זאָלן נישט זיין געפּענטעט, וואָלטן זיי לייכט געקענט אַרויסרייסן די ביקסן ביי די סאָלדאַטן און זיי נאָך גוט אָפּשמייסן אויך.

פונדערווייטנס זיינען צען וועגענער געפאָרן און די בעלי־עגלות זיינען געווען אָנגעשטרענגט און ביי זיי האָט דאָס האַרץ פונקט אַזוי געקלאַפּט, ווי ביי דעם קליינעם

שלמה׳ן, וואָס איז געזעסן אויפ׳ן ערשטן וואָגן און גערעדט צו זיך אַליין: „גיכער, גיכער!"

מען איז אַריינגעפאָרן אין וואַלד אַריין. דער וועג איז געווען אַ שמאָלער. די צווייגן זיינען געקראָכן אין די פּנים׳ער. די רומענער האָבן אָנגעדראָדלט די אויגן און געווען שטאַרק וואַכעדיק. זיי האָבן שוין אַ צייט געהערט, ווי אַ סך וועגענער פאָרן זיי נאָך פונדערווייטנס. האָבן זיי פריער געמיינט, אַז עפּעס פאַרשפּעטיקטע מאָלדאַוואַנער קערן זיך אום אַהיים. אָבער דעם גאַנצן וועג האַלטן זיי אין איין נאָכפאָלגן, האָבן זיי זיך שוין געשראָקן.

ווען זיי זיינען אַריינגעפאָרן אין וואַלד אַריין, זיינען יענע וועגענער ערגעץ פאַרשוואונדן געוואָרן, ווייל מען האָט שוין מער נישט געהערט דאָס קלאַפּן פון זייערע רעדער. אָבער טיף אין וואַלד האָט זיך עפּעס גע׳רעש׳ט.

פּלוצלינג איז אַרויסגעפאָרן אַ וואָגן פון וואַלד, געבליבן שטיין אינמיטן און פאַרשטעלט דעם וועג...

— היי! אין דיין מאַמעס מאַמען אַריין, וואָס ביסטו דאָרטן געבליבן שטיין? — האָט זיך דער רומענער צע־געוואַלדעוועט. — ריר זיך דאָרטן און לאָז פריי דעם וועג!

— אַן אַקס האָט זיך ביי מיר צעבראָכן, — האָט זיך אָנגערופן אַ קול אַזוי אומשולדיק און מיט געבעט.

— פאַרדריי־זשע דאָרטן אין אַ זייט און לאָז דורכפאָרן, — האָבן די סאָלדאַטן זיך געבייזערט און זיי זיינען געווען שטאַרק אומרואיק און אומגעדולדיק.

— איך קען נישט פאַרדרייען סיידן אַז איר וועט מיר העלפן אים אַוועקצושלעפּן אָן אַ זייט.

צוויי רומענער זיינען אַראָפּגעקראָכן, פאַרזיכטיק און פּאַוואָליע זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן און זיך דער־נענטערט צום צעבראָכענעם וואָגן.

פּלוצלינג, אין איין אויגנבליק, האָבן פון אַלע זייטן אָנ־

געהויבן שפּרינגען פּויערים און איידער וואָס־ווען זיינען אַלע פינף שוין געלעגן אויף דער ערד. די ביקסן ביי זיי האָט מען אויסגעריסן און די ציין רוסן האָבן געהאָגלט קלעפּ, אַזוינע שווערע.

## ווידער אין דער היים

שלמה איז געשלאָפן ביי זיין מאַמען אין שוים. מיט־אַמאָל גאָר געוואָרן אַ קליין אינגל און שעמט זיך נישט. שלמה וואָלט זיך טאַקע געשעמט, אָבער אין שלאָף ווייסט ער נישט, וואו ער איז. ער ווייסט אינגאַנצן נישט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער פילט נאָר, אַז ס׳איז אים גוט.

שוין ביי דרייסיק וויאָרסט אָפּגעלאָפן. די פערד יאָגן זיך און דער געזונטער רוסאַק אַנדריי שמייסט מיט דער בייטש און הערט גאָרנישט אויף. פאַרשטייען נישט די שטומע באַשעפענישן, וואָס היינטיקע נאַכט מער ווי אַלע־מאָל. אָבער זיי פרעגן קיין קשיות נישט און פליען ווי אָדלערס. דאָס פליען זיי אַזוי צום דניעסטער אַריבערפּעקלען שלמה׳ן מיט זיין מאַמען אויף יענער זייט. חיים׳ען און בערעזינ׳ען האָבן אַנדערע רוסאַקעס אַוועקגעפירט אין אַ דאָרף, וואו דאָרט צווישן חברים וועלן זיי זיך אָפּרוען פון דער שווערער טורמע, כדי דערנאָך זיך נאָך אַמאָל לאָזן איבער׳ן לאַנד און צעטראָגן די אמת׳ע רייד.

ס׳שפּראָצט אַרויס דער פרימאָרגן. אויפ׳ן באַרג לייכטן אויף אַלע בוימער און אַלע שטיינער. קילע שאָטנס ליגן אויף די ראַשקאָווער דעכער און קוקן צום שפּיץ באַרג, וואָס פלאַמט אין דער אויפגייענדיקער זון.

די באָבע שלאָפט און דאָס האַרץ טיאָכקעט איר, ווייל עס דאַכט זיך איר אויס, אַז שלמה קלאַפּט אין טיר און בעט זיך:

— באָבע, באָבע, לאָז מיך אַריין, ס׳איז מיר קאַלט צו שטיין אינדרויסן.

וויל זי זיך אויפכאַפּן, די באָבע, אָבער דער שלאָף האָט איר פאַרבונדן די אויגן און זי קען גאָרנישט זען.

זי קען שווערן, אַז איצטער דאַכט זיך איר שוין נישט אויס, ווייל זי הערט אַזוי קלאָר, ווי עמיצער קלאַפּט אין אַלקער־פענצטערל:

— באָבע, באָבע!

דאָס ווייכע בעט האָט אָבער אַרומגעכאַפּט די באָבע חיה׳ן ביים האַלז און וויל זי נישט אָפּלאָזן. הערט זי אין שלאָף, ווי דער זיידע איז געגאַנגען עפּענען און ער האָט אַ הודיע געטאָן: „שוין, דאָ דער שייגעץ!" און זי הערט נאָך עפּעס אַ שטימע, זייער אַ ווייטע און דאָך אַזאַ היימישע.

שלמה האָט אַנידערגעלייגט זיין האַנט אויף דער באָבע׳ס פּנים און אַלע שטריק זיינען לויז געוואָרן און אין קאָפּ איז איר קלאָר געוואָרן און די אויגן האָבן זיך געעפנט ביי איר אַזוינע ליכטיקע.

ס׳אייניקל האָט געבראַכט ביי דער האַנט צו פירן זיין מאַמען פון רומעניע און אָט זיינען זיי געקומען ביידע צו דער באָבע׳ס שטיבל. און די ווענט האָבן זיך צעלויכטן פון פרייד און די סטעליע האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן איבער׳ן קאָפּ.

ס ו ף